STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06473

GESHTOYGN UN GEFLOYGN

Avraham Goflat

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געשטויגן און געפֿלויגן

*

אברהם גאָפֿלאַט

אברהם גאָפלאט

געשטויגן און געפלויגן

(ישראל אויף פריילעך)

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב

תשכ"ד—1964

A. GOFLAT

GESHTOIGN UN GEFLOIGN

©

אַלע רעכט געזיכערט

Copyright by Abram Goflat

„Hamenora" Publishing House

Tel-Aviv, Zangwill st. 24, Israel

נדפס בישראל תשכ״ד

Printed in Israel, 1964

דפוס „ארזי" בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294

אַרייַנפיר־וואָרט

זיי זענען געשטויגן און געפלויגן, געקומען מיט שיפן און אַעראָפּלאַנען, געגאַנגען צופוס און געריטן אויף אייזלעך, געוואַנדערט איבער פעלדער און וועלדער, געשוואַרצט גרענעצן, געטרונקען זיך, געסמאַליעט זיך אין צעגליטע מידבר־זאַמדן, געבלאָנדזשעט אין וויס־טעניש, כדי ענדלעך אָנצוקומען אין דעם אויסגעבענקטן לאַנד פון זייערע אָבות־אבותינו — פון אַברהם, יצחק און יעקב, אין דעם לאַנד פון זבת, חלב ודבש.

פון זיי טאָקע וויל איך אייך דערציילן. פון די, וואָס לעקן האָניק און פון די — וואָס האָבן פייגן...

אין דעם גרויסן קעסל פון קיבוץ־הגלויות קאָכן זיך צוזאַמען: „פוילישע דריפקעס״ און „רומענישע מאַמעליגעס״, „פראַנצויזישע אָ־לאַ־לאַ״ און באַבערדלטע תימנער, „יעקעס״ און „בוכאַרער״, „רוסן״ און „אַמעריקאַנער״, ספרדים און אַשכנזער. איר האָט דאָרט ווייסע און שוואַרצע, געלע און רויטע, געקרייזלטע קעפּ און פליכטוואַטע, אויגן גלייכע און כינעזיש־אַרטיקע — סקאָסנע־אויסגעקרומטע...

איר הערט דאָ רעדן פויליש און יידיש, ענגליש און האָטענ־טאָטיש, אונגאַריש און סענהאַליטיש, רומעניש און פראַנצויזיש. וואָס דאַרפט איר מער: אַפילו עברית הערט איר דאָ רעדן...

זיי קאָכן זיך אין וואַסער פון אויסגעטרוקנטן ירקון; אַלס זאַלץ דינט זיי דאָס זאַמד פון נגב, זאַפּראַוועט מיט אַ ביסעלע ציוניזם און יעדע פון די איבער צוואַנציק פּאַרטייען באַפּעפּערט זיי, לויט זייער טעם און געשמאַק...

קאָכט זיך, קאָכט זיך יידעלעך! עפּעס־וואָס וועט זיך שוין אויסקאָכן!...

ביסלעכווייז ווערן מיר אַ פאָלק. אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך. מיר זענען אָבער אַנדערש פון זיי: מיר קאָנען מער ליידן און שטאַר־קער — לאַכן... מיר קאָנען לאַכן פון אונדזערע אייגענע צרות... ביי אונדז שפּרייזן צרות און געלעכטער געאָרעמט, צוזאַמען, ווי נישט־צערייסבאַרע, גוטע פריינט...

לאָמיר דעריבער לאַכן. לאַכן מיטן פולן מויל, ווייל דער עיקר איז: נישט זאָרגן! היינט איז שלעכט? מאָרגן קאָן זיין נאָך ערגער...

לאַכט דעריבער געזונטערהייט.

דער מחבר

אינהאַלט:

אינדערהיים 7
אַ פויער ווערן האָט זיך מיר פאַרגלוסט 12
אַרכעאָלאָגיע 25
די נאַרגילע 37
סאַניטשקע 47
יאָגא 52
לונא־ראָזא 62
ווען מענער וואָלטן, חלילה, באַדאַרפט שוואַנגערן . . . 64
וו איז דאָס געהערט געוואָרן ? . 73
אַ חשבון פון אַ יידענע . . . 76
מיר פאָרן קיין בת־ים זיך באָדן . 78
מיר מאַכן אַ לעבן פון גאָרנישט . 85
אולטרא־מאָדערניזם 89
דער טוריסט 92
זי איז צעגאַנגען 96
אויפן פלי־פלאַץ אין לוד . . . 102
ווער איז זיין טאַטע ? . . . 111
אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אין כפר־יחזקאל 114
פון דער ערשטער האַנט . . . 118
שווייצאַריע ? — אויך מיר אַ מציאה 122
דער מאַסן־מערדער 125
אין הג״א 130
געוויסן — אויך מיר אַן אַרטיקל . 135
אוי, אויגוסט, אויגוסט . . . 138
אַ באַגעגעניש 140
אַ חלום אין אַ חמסין־טאָג . . . 144
נחת פון אַ קינד 147
וואַסער־בלאָזן 150
דער טרומפּייטער 153
ארץ זבת חלב ודבש 156
„סטריפּטיז״ 159
אַ מאָדע־אויסשטעלונג אין „המש־ביר־המרכזי״ 164
דער טיי־פאַרטיילער 168
אַ פאַרפּלייצונג 174
מען זאָל זיי נישט באַדאַרפן . . 182
זיין לעצט וואָרט 187
די פייערלעכע דערעפענונג . . 191
אויף דער קאַרנאַוואַל־עדלידע . . 194
דער מיליטערישער פאַראַד . . 197
אַ סוכה מיט הענט און פיס . . 199
ל״ג־בעומר 203
מיין דעטראָניזירטע מלכה . . 206
געוואַלט, יידן ! 209
אויף דער וואָג פון גאָלד . . . 212
אַ צדיק אין קאָמפּאָט . . . 215
אַ מעשה מיט אַ נאָז 220
געשאָסן און געטראָפן . . . 222
איבערקוואַליפיצירט 231
בראשית ברא 252
קין און הבל 256
דער מבול 260

אינדערהיים

(מאָנאָלאָג פון אַ יידענע)

— געלויבט דער אויבערשטער! אַבי מיר זענען שוין דאָ! אַבי מיר שטייען שוין מיטביידע פיס אויף אַ פעסטן באָדן! איר האָט באַדאַרפט זען אַ רייזע מיר האָבן דאָס געהאַט. איך האָב געמיינט, אַז די שיף האָט באַקומען ס׳קדחת. זי האָט זיך געוואָרפן און געוויגט און געהוידעט — אָט־אָט גיט זי זיך אַ קער איבער און די פיש וועלן האָבן אַ געשמאַקן מאָלצייט...

— בשעת מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון מאַרסיי, האָט די זון געשיינט, דער ים איז געווען רואיק ווי אַ מפיל־קינד, כאָטש שפּיגל זיך אין אים. נאָר מיטאַמאָל, הערט איר, אויפן צווייטן טאָג, האָט אָנגעהויבן וואַרפן, אַז כ׳האָב געמיינט: שוין! מיר וועלן זיך אַזוי אַריבערטרייסלען גלייך אויפן עולם־האמת. „רבונו־של־עולם — האָב איך זיך געבעטן — אויב שוין יאָ מוטשען זיך און אַרויסטרייסלען די נשמה, זאָל עס כאָטש געשען אויף דער יבשה און ניט אויפן ים, ניט אויפן וואַסער...״ נו, האָב איך געבעטן און ער האָט געטרייסלט...

— כ׳האָב געפילט, אַז איך עק זיך, אַז איך גיי אויס און איך וועל אַפילו ניט באַוויזן איבערצולאָזן אַ שטיקעלע צוואה. דערזעענדיק, אַז איך האַלט שמאָל, בין איך אַוועק צום סאַמעראָדנעם קאַפּיטאַן: „איר זענט דאָס דער קאַפּיטאַן?״ — פרעג איך אים. „יאָ, זאָגט ער, איז עפּעס־וואָס, חלילה, געשען?״ „וואָס הייסט, איר פרעגט, צי ס׳איז עפּעס געשען? איר זענט אַ קאַפּיטאַן, זענט איר? אָנגעלאָדן אַ פולע שיף מיט יידן און איר ווילט זיי דערטרינקען אין ים? און דאָס טוט אַ יידישער קאַפּיטאַן?, אַ גוישער קאַפּיטאַן וואָלט עס אויך געטאָן? מיר זענען דאָך שוין אַלע קראַנק, חרוב קראַנק!״

— דאָס איז די ים־קרענק, — רעדט ער זיך רואיק ווי אַ גזלן — מענטשן וואָס זענען דאָס ערשטע מאָל אויפן ים מוזן דורכמאַכן די ים־קרענק.

— וואָס דערציילט איר מיר מעשיות?! — ווער איך שוין אין

כעס — איך בין דאָך געבוירן געוואָרן ביי אַ וואַסער. נעבן דער פּיליצע. איר האָט געדאַרפט אָנקוקן אַ טייך — אַ ים, זאָג איך אייך! איר האָט גע־דאַרפט זען אַ לענג, אַ טיף... און וויפל מאָל האָב איך זיך געשיפט איבערן טייך? נו, בין איך פון דעם אַמאָל קראַנק געווען? איך האָב בכלל געוווסט וואָס דאָס איז אַזוינס אַ דאָקטאָר? ביי אונדז זענען בכלל קיין דאָקטוירים ניט געווען. ווער האָט באַדאַרפט דאָקטוירים? אויף כּפּרות האָט מען זיי באַדאַרפט! האָט מען געבוירן אַ קינד, איז דערצו געווען אַ הייבאַם; איז עמעצער, חלילה, שלאָף געוואָרן, האָט די זעלבע הייבאַם, אָדער דער פריזירער, געשטעלט געהאַקטע באַנקעס, געלייגט פּיאַוקעס, אָפּגעצויגן בלוט פון אָן אָדער, אָפּגעשפּראָכן אַן עין־הרע, אַרויסגעריסן אַ צאָן, אַריינ־געשטעלט אַן אויסגעלענקטע האַנט, אָדער פוס, געלייגט קאָמפּרעסן, געעפנט אַ מכה — וואָס האָט זי אַלץ ניט געטאָן די הייבאַם?! טאָ ווער האָט באַדאַרפט אַ דאָקטאָר? אָבער דאָ, ביי אייך, קען מען דאָך טאַקע בלייבן אָן קישקעס...״

ער קוקט אויף מיר, הערט זיך צו צו מיינע רייד און ס׳זאָל אים כאָטש אָנהויבן צו אַרן.

— נאָך אַ ביסעלע, טייערע, — זאָגט ער — און עס וועט אויפהערן צו טרייסלען. מיר פאָרן איצטער פאַרביי קרעטאַ.

— וואָס הייסט קרעטן?! — שריי איך — וואָס דערציילט איר מיר פון קרעטן?! וואָס מיינט איר, אַז איך בין אַ קינד? איך ווייס ניט וואָס קרעטן זענען? איר האָט שוין געזען אַז קרעטן זאָלן אַזוי צעהוידען אַ שיף? און ווען אַפילו קרעטן, מוזן מיר פאָרן דווקא דורך דאָגען? וואָס איז: — דער ים איז אייך צו שמאָל? הער נאָר אַ וועג ער האָט זיך דאָס אויסגעקליבן. אויב דאָ זענען פאַרהאַן קרעטן, פאָרט מען דורך אַן אַנדערן וועג. ווייניק וועגן זענען פאַרהאַן צו קומען קיין ישראל?, האָט רחמנות קאַפּיטאַנעשי, בעט איך זיך ביי אים, פּטרט ניט אַוועק אַ שיף מיט נייע עולים! איר זעט דאָך אַז מיר עקן זיך! יידן פאָכען מיט די נשמות! שטעלט אָפּ אַ ביסעלע די שיף ביז מיר וועלן קומען צו זיך.. ס׳ברענט ניט. מיר האָבן צייט, האָבן מיר! מיר זענען געווען צוויי טויזנט יאָר אין גלות, וועלן מיר דאָרט זיין נאָך אַ ביסעלע, נאָך עטלעכע שעה...

איך רייד זיך, הערט איר, די גאַל אַראָפּ און ער שטייט, קוקט אויף מיר און שטשירעט מיט זיינע ווייסע ציינער.

— וואָס פּאַראַ געלעכטער איז אויף אייך? — פרעג איך — פון וואָס איז דאָ צו לאַכן?

נאָר גיי רייד מיט אים, אַז וואָס מער איך ווער אין כעס, אַלץ שטאַרקער לאַכט ער: „האָט געדולד״, זאָגט ער גלייך נאָך דעם, ווי ער האָט געענדיקט לאַכן, „כ׳וועל צוגיין כאַפּן אַ בליק אין דער מאַשין־האַלע, אפשר וועט זיך טאַקע לאָזן עפּעס מאַכן״...

נו, האָט איר געזען אַ קאַפּיטאַן? איך, אַ נאַרישע יידענע, דאַרף אים געבן עצות ווי אַזוי צו פירן אַ שיף... נאָר צווישן אונדז גערעדט: ס׳איז דען אַ וווּנדער? ווי קומען עס יידן צו פירן שיפן? ווען האָבן יידן געפירט שיפן? וואָס מיינט איר עפּעס: פירן שיפן איבער ימען איז אַ קלייניקייט? ס׳איז דאָך ממש סכנות־נפשות!

דערווייל איז דער קאַפּיטאַן — אַזוי ווי אין וואַסער אַריין. אַ גאַנצן טאָג האָב איך אים ניט געזען. ערשט צומאָרגנס קומט ער צו און גיט אַ פרעג:

— נו, ווי פילט איר זיך? עס טרייסלט שוין ניט, האַ?

— איר זעט, — זאָג איך אים — אַז מען וויל נאָר, קען די שיף גיין ווי אַ מענטש...

די שיף, פאַרשטייט איר מיך, האָט טאַקע מער ניט געטרייסלט. מענטשן האָבן באַקומען אַן אַפּעטיט, מען איז אַראָפּגעקראָכן פון די נאַרעס. מ׳האָט אָנגעהויבן זינגען, זיך דערציילן וויצן. וואָס דאַרפט איר מער: חברה יונגוואַרג איז אַפילו אַוועק אין אַ הוירא־טענצל, ס׳איז שוין געווען גאָר עפּעס אַנדערש! נאָר דאָס שענסטע, הערט איר, איז געווען, ווען מיר האָבן פון דערווייטנס דערזען ערד.

— גיט אַ קוק, — כאַפּ איך אָן דעם קאַפּיטאַן — מען זעט שוין די יידישע קאַרפּאַטן!

— די וואָס? — פרעגט ער.

— נו, די חיפער קאַרפּאַטן־בערג!

— איר מיינט דעם כרמל?

— דעם וואָס?

— דעם כרמל־באַרג מיינט איר.

— די היגע קאַרפּאַטן רופט מען כרמל?

— יאָ, — זאָגט ער — כרמל. די קאַרפּאַטן האָט איר געלאָזן דאָרטן...

— כרמל, זאָגט איר? נאָך וועמען הייסט ער אַזוי? הער נאָר אַ נאָמען... איך ווייס אַז כרמל איז גאָר אַן אַפּערע...

— איר מיינט, אַפּנים, „קאַרמען״?

— איך רעד ניט וועגן באַרג, איך מיין די אַפּערע... הער נאָר אַ מדינה: אַ באַרג הייסט ווי אַן אַפּערע... און ווי, אויב אַזוי, הייסט די אַפּערע?

— וועלכע?

— אייערע...

— „אַפּערע״.

— סתם אַפּערע? אַן אַ נאָמען? נו־נו, איך זע שוין אַז אין דעם לאַנד וועלן מיר האָבן צו זינגען און צו זאָגן! אַז אַלץ איז דאָ ביי אייך משה קאַפּויער!...

— נישקשה, טייערע, לייגט ער מיר אַרויף זיין האַנט אויפן אָרעם, איר וועט זיך צוגעוווינען. ס׳איז ניט אַזוי שרעקלעך ווי איר שטעלט זיך עס פאָר. נאָר אַ ביסעלע געדולד, נאָר אַ קאַפּינקע געדולד, מאַמעלע, און מיר וועלן זיין אינדערהיים, אין ישראל, און בכדי צו קומען קיין ישראל — רעדט ער ווייטער — איז ווערט געוועזן אַ ביסעלע צו ליידן, אַ ביסעלע זיך טרייסלען...

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער אַ קונדייסישן שמייכל געטאָן און אַ ווונק געגעבן מיט אַן אייגל:

— נו איצטער, זאָגט ער, מוז איך גיין. מען דאַרף מיך זיכער האָבן. איך מוז אַריינפירן די שיף אין פּאָרט. זייט מיר מוחל, מאַמעלע, וואָס איך לאָז אייך אַליין.

איר וועט מיר אפשר ניט גלויבן, נאָר אַז איך האָב געהערט ווי ער האָט מיר אַ זאָג געטאָן: „מאַמעלע״, האָט זיך מיר עפּעס ווי אָפּגעריסן אָט־אָ דאָ, אונטערן לעפּעלע. ווייל מיינט ניט, אַז איך בין תמיד געוועזן אַן איינאון־איינציקע. איך בין אַמאָל אויך געוועזן אַ מאַמע... געהאַט אַ מאַן, קינדער... נו, ווייסט איר דאָך וואָס דאָרטן איז געשען?... געוועזן אַ פינצטערע מלחמה, ניט דאָ געדאַכט, ניט היינט געדאַכט!... און אַז איך האָב, נאָך אַזוי פיל יאָרן, פּלוצים דערהערט „מאַמעלע״, זענען מיר אַזש טרערן געקומען אין די אויגן... איך בין ניט קיין וויינערקע... צופיל טרערן האָב איך שוין אויסגעגאָסן, אַז כ׳זאָל זיך דאַרפן איבערנעמען מיט יעדער זאַך. נאָר דאַסמאָל האָב איך זיך געוואָלט צעכליפּען ווי אַ קליין קינד וואָס דער טאַטע

האָט עס אומזיסט אָפּגעשמיסן... איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם קאַפּיטאַן. אַ יונג, הערט איר, ווי אַ דאָמב! מיט צוויי גרויסע, שוואַרצע אויגן; מיט אַ געדיכטער, שוואַרצער, געקרייזלטער טשופּרינע אויפן קאָפּ; מיט אַ ליכטיק, שמייכלענדיק פּנים... איר האָט געדאַרפט זען אַ געשטעל, אַ פיגור פון אַ יונגאַטש! ווי שיין עס האָט אים געקליידט דער ווייסער מונדיר. ער האָט דאָך אויסגעזען ווי אַ געבוירענער קאַפּיטאַן!... און ווי סקלאַדנע ער האָט דאָס געפירט די שיף? מיט וואָס פאַראַ ליבע האָבן דאָס אַלע געקוקט אויף אים, סיי די פּאַסאַזשירן און סיי די מאַטראָזן... אַז ער האָט זיך דאָס געגעבן אַ שטעל אַוועק דאָרט אויבן, אויף דער בריק, האָט ער דאָך אויסגעזען ווי מען וואָלט אים אַרויסגענומען לעבעדיקערהייט פון אַ מאָדע־זשורנאַל...

ווען מיר זענען, מיט מזל, אָנגעקומען צום ברעג און מענטשן האָבן זיך גענומען שטופּן, שטויסן, אויסמיידן איינס דאָס אַנדערע, כדי וואָס פריער אַוועקצושטעלן אַ פוס אויף דער הייליקער ערד, האָב איך פּלוצים דערפילט עמעצנס האַנט אויפן אַקסל. איך גיב אַ קוק: יאָ, דאָס איז ער, דער קאַפּיטאַן אַליין!

— גיט, מאַמעלע, — בויגט זיך אָן צו מיינע פּעק — איך וועל אייך העלפן אַראָפּטראָגן די טשעמאָדאַנעס...

איר הערט אַ קאַפּיטאַן? נו, וועט איר מיר איינריידן אַז דאָס איז אַ קאַפּיטאַן? אַן אמתער קאַפּיטאַן וואָלט געהאָלפן טראָגן פּעק אַזאַ יידענע ווי איך בין? ניין, דאָס איז ניט געווען קיין קאַפּיטאַן! דאָס איז געווען אַ מלאך, אַ מלאך פון הימל, זאָג איך אייך, אַ געזונט אין זיינע ביינדעלעך אַריין!... ווען איך שעם זיך ניט, איר הערט, וואָלט איך אים צוגעדריקט צו מיר און אויסגעקושט די שיינע אויגן זיינע, זיין יעדער פינגערל, ווי מען קושט אַן אייגן קינד, אייגן בלוט און פליש...

קוקט ניט אַזוי אויף מיר... איך וויין ניט... איך בין ניט קיין וויינערקע... דאָס זענען טרערן פון פרייד, פון דאַנקבאַרקייט און גליק... ווייל ערשט דאַן האָב איך דערפילט, אַז איך בין געקומען אַהיים, צו זיך אַהיים, צו אייגענע, צו ברידער!...

אַ פויער ווערן האָט זיך מיר פאַרגלוסט...

— איר באַוווּנדערט, זע איך, מיין באַלעבאַטישקייט, האַ? ס'געפעלט אייך, וואָס? איר זעט דיביימער, די בלומען? אַנו, גיט נאָר אַ צי אַריין דעם אָטעם! טעם גן־עדן, וואָס? קומט צו נעענטער, שעמט אייך ניט! מען דערקענט גלייך אַז איר זענט אַ שטאָטישער, ניט קיין היגער. זייט מוחל נעענטער! אפשר ווילט איר אָנקוקן מיינע בהמות? ערשט יענע וואָך זיך אָפּגעקעלבט. איר דאַרפט זען אַ קעלבעלע. אַ צאַצקע, זאָג איך אייך, פּשוט אַ מלאכל, ניט קיין קעלבל! קומט אַריין! קוקט נאָר אָן דאָס פערדל! ערשטער סאָרט! סוג „אלף־אלף“, פרימאַ־עקסטראַ!

— איר מיינט אַפּנים, אַז דאָס אַלץ איז מיר אַראָפּגעפאַלן גלייך פון הימל, וואָס? איי, ברודער מיינער, וויפל צרות, וויפל קאָפּ־ווייטיק, וויפל שאַנדעס און בזיונות איך בין זיך דאָס אויסגעשטאַנען, ביז איך בין געקומען צו דעם אַלעם. אַ בוך וואָלט מען געקענט אָנשרייבן, אַ גאַנץ בוך, זאָג איך אייך, ווי איך בין אַ ייד געבוירן!

— אפשר ווילט איר הערן די מעשה, אפשר ווילט איר? קומט אַריין, זייט מוחל, איך שטוב אַריין. זעצט זיך. מאַכט אייך באַקוועם. מיר זענען אייגענע מענטשן, זענען מיר. אפשר ווילט איר אַ גלאָז פרישע מילך? אָדער אפשר גאָר אָפּרעגלען אייך עטלעכע פרישע אייער? שרה־ביילע: דערלאַנג עפּעס צום טיש! מיר האָבן אַ גאַסט, אַ גאַסט פון שטאָט!

— גלייך נאָך מיין אָנקומען קיין ישראל, הערט איר, קומט צו מיר אַריין פּייוול בויער. ווער פּייוול בויער איז, וועל איך אייך ניט דערציילן. איך געדענק אים נאָך פון דער אַלטער היים. געווען אַ גאַרנישט־שבגאַרנישט, אַ טויבן־יעגער, אַ שיקסע־קריכער און וואָס נאָר אין דער קאָרט שטעקט.

— אין אַ געוויסן פרימאָרגן איז פּייוול אַנטרונען געוואָרן. ווו איז פּייוול? קיינער ווייסט ניט. די טויבן זענען געבליבן פאַריתומט, די שיקסעס — אויך... פּייוול איז ווי אין וואַסער אַריין. נישטאָ און שוין!

— ערשט מיט אַ צייט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז פּייוול איז אַוועק קיין שפּאַניען שלאָגן זיך מיט פראַנקאָן און פון דאָרט איז ער מגולגל געוואָרן קיין ארץ־ישראל.

— דאָ, הערט איר, איז פּיזול עולה־לגדולה געוואָרן. וואָס מיינט איר טוט ער? גאָרנישט! ער רעדט... געהערט אַ פּאַך? רעדן זאָל גאָר זיין אַ פּרנסה... איך זאָג אייך: אַ לאַנד פון נסים... ווען מיר וואָלטן געקענט עקספּאָרטירן רייד, כאָטש אַ צענט חלק פון די, וואָס מען וואַרפט ביי אונדז אַרויס, וואָלטן מיר דאָך געווען די רייכסטע מדינה אין דער וועלט... אַפילו אַזאַ קראַך ווי אַמעריקע, וואָלט געדאַרפט אָנקומען צו אונדז נאָך אַ הל־וואה׳לע... נאָר פּיזול, פאַרשטייט איר מיך, איז אַן אַנדער סאָרט רעדנער: ער איז אַ „וואָרטזאָגער" פון דער „סוכנות" — אַ „דובר" — הייסט עס אויפן היגן לשון. ער מאַכט, הייסט עס, אַ לעבן פון רעדן...

דערהערט אַז איך בין געקומען קיין ישראל, האָט ער מיך אַזוי לאַנג געזוכט, ביז ער האָט מיך, אויף מיין שלימזל, געפונען. „בערעלע — זאָגט ער מיר — לאָז זיך אַרויס פון דיינע פּוילע געשעפטן. דאָ איז ניט דאָרט! דאָ דאַרפן מיר ניט קיין מנחם־מענדלס. וואַרף אַוועק די שטאָט און ווער אַ פּויער".

— טפו זאָלסטו מיר ווערן! — שריי איך אויס — וואָס ביסטו געפאַלן אויפן אייז־קאַסטן? ווי קום איך צו פּויערים? וואָס איז: מיין טאַטע איז געווען אַ פּויער? מיין זיידע קומט אַרויס פון פּויערים? אָן מיר — פרעג איך — וועט די לאַנדווירטשאַפט אונטערגיין?

— „רעג זיך ניט אויף, בערעלע" — לאַכט ער — „איך בין אַמאָל אויך ניט געווען דאָס, וואָס איך בין איצט. דאָס איז אַן אַנדער לאַנד, אַן אַנדער לעבן. מיר מוזן זיך, זאָגט ער, איבערקוואַליפיצירן, ווערן פּראָדוקטיווע מענטשן. בייטן די הויט, מוזן מיר. דאָ, זאָגט ער, וועט קיינער פאַר אונדז גאָרנישט טאָן. קיין שבת־גויים זענען דאָ ניט פאַרהאַן"... אָט איז מיין שרה־ביילע — געמט, פאַרזוכט אַ ביסל סאַלאַט. אַלץ אייגענע פּראָדוקציע... באַלד וועט איר באַקומען אַ גלאָז פרישע מילך. עסט, שעמט אייך ניט, מיר זענען אייגענע מענטשן... יאָ, ווו האַלט איך?... אַהאַ, ביי די שבת־גויים... עס גייט איצטער, זאָגט ער, אַ גרויסע קאַמפּאַניע אונטער דער לאָזונג: „פון שטאָט — אין דאָרף!" מיר מוזן האָבן פּויערים! מיר מוזן האָבן נייע דערפער! מיר מוזן באַפעלקערן אונדזערע לאַנגע, צעצויגענע גרענעצן! מיר מוזן, מיר מוזן... איך זאָג אייך: ער האָט מיר אַזוי „אַנגעמוזט" מיין מוח, אַז כ׳בין געבליבן זיצן אַ פאַרטשמעלעטער און ניט געהאַט אים וואָס צו ענטפערן.

מיין יידענע אָבער, מיין שרה־ביילע, האָט זיך ניט געלאָזן שפּייען

אין דער קאַשע אַריין: „עס דרייען זיך אַרום, זאָגט זי, צענדליקער־טויזנ־טער מענטשן אין שטאָט, האָט איר, זייט מוחל, אויסגעפונען דווקא מיין בערל? פון אים ווילט איר מאַכן אַ פּויער? און צו עפּעס אַנדערש, פרעגט זי, איז ער יאָ פּעאיק? ער וועט דאָס באַאַרבעטן די ערד, אַרומגיין אַרום פערד און אויסקומען מיט בהמות?"

— אָט זעסטו דאָך, — זאָג איך — אַז שוין 15 יאָר ווי איך קום אויס!... דו זאָגסט, מיין ווייב, אַז איך טויג צו גאָרנישט? וועל איך דיר, אויף צעפּיקעניש, באַווייזן, אַז איך טויג יאָ צו עפּעס... „פּיוניר", זאָג איך, „איך ווער אַ פּויער! איך מוז איר איינמאָל פאַר אַלעמאָל ווייזן ווער בערל איז! ס'איז מיר שוין געוואָרן, פאַרשטייט איר מיך, אַ זאַך פון אַמביציע. איך מוז איר ווייזן אַז איך קען זיין אַ פּויער און דווקא — אַ גוטער פּויער!

און אַזוי, פאַרשטייט איר מיך, בין איך צוליב איר לאַנג צינגעלע, געוואָרן אַ פּויער... באַקומען האָב איך אַ הייזקעלע ניט ווייט פון באר־שבע, פון אַברהם אָבינוס שטאָט, הייסט עס. מילא, די הייזקע — ווי אַלע אונדזערע פּויערישע הייזקעס: האַלטן זיך אויפן ערן־וואָרט... די צימערלעך — ניט צו גרויסע; אַ קיכל, אין וועלכער נאָר אַ האַלבע שרה־ביילע קען אַריין. דאָס הייסט, אַז ווען שרה איז געשטאַנען מיט איין פוס אין קיך, איז דער צווייטער פוס מיט ביילען געווען אין פאָדערצימערל... דער בית־שימוש איז געווען באַזונדער, אַ פופציק מעטער ווייטער, אין פעלד. נאָר וואָס טוט מען ניט פאַר אַן אייגענער מדינה וואָס האָט אַזאַ „וואָרט־זאָגער" ווי פּיוול איז? וועט מען מוזן, הייסט עס, גיין אין בית־שימוש אַריין צופוס...

— זעסט, — ווייזט מיר מיין פּיוול — אָט־אָ דאָס שטיקל ערד געהערט צו דיר. דער הימל וואָס איבערן שטיקל ערד איז אינגאַנצן דיינער. וועסט צעאַקערן דעם באָדן, פאַרפלאַנצן גרינס, בלומען, עטלעכע ביימער, אויפקשטעלן אַ הינער־שטייג, קויפן אַ בהמהלע, אַ שטיקל פערד און וועסט קאָנען לעבן — ווי גאָט אין אָדעס...

ער האָט מיר דערביי אויסגעמאָלן אַזאַ פּרעכטיק, פּויעריש בילד, אַזאַ שיינע לאַנדווירטשאַפטלעכע צוקונפט, אַז איך בין אַליין געוואָרן אַנטציקט.

הכלל, וועלוול איז אַוועק אין שטאָט אַריין רעדן און איך בין גע־בליבן אין דער אויסגעקאַלכטער הייזקע, מיט דעם בלויען הימל, מיט מיין שרה־ביילע און אונדזערע צוויי „שדים".

ניט לאַנג געטראַכט האָב איך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שטאָטישן „פּידזשאַק״, אַריינגעשפּיגן אין די הענט, געכאַפּט די „טוריע״ און אָנגע־הויבן קלאַפּן אין דער האַרטער ערד אַריין, אַז פונקען זענען אַזש גע־פלויגן. וואָס פריער, טראַכט איך זיך, איך וועל אָנהייבן, אַלץ פריער וועל איך געניסן פון מיינע אייגענע פּרוכטן... אָפּגעקלאַפּט אַ האַלבע שעה צייט — און איך בין שוין געווען אַ פּאַרטיקער. דאָס הייסט — אַז מיינע צוויי הענט זענען געווען פּאַרטיקע. כ׳האָב זיך אָנגעקלאַפּט אַזעלכע וואַסער־בלאָזן, אַז כ׳בין געווען זיכער אַז איך פאַרבלייב אַן אינוואַליד אויפן גאַנצן לעבן...

— נו, פויער מיינער, — דראַצלט זיך מיין ווייב — ווי האַלסטו מיטן אַקערן? מ׳קאָן שוין אָנהייבן פּאַרזייען?

— די ערד וועט ניט אַנטלויפן, — האָב איך איר מיט כעס גע־ענטפערט — כ׳וועל עס ענדיקן אַן אַנדערש מאָל. פריער פאַר אַלעם, דאַרף מען זיך איינשאַפן אַ בהמה. דו פאַרשטייסט, — דערקלער איך איר — אַז מיר וועלן האָבן אַן אייגענע בהמה, וועלן מיר האָבן אייגענע מילך און פון מילך קאָן מען מאַכן זויער־מילך און קעז און פּוטער און בכלל: וואָס קען מען ניט מאַכן פון מילך: טיי מיט מילך און קאַקאַאָ און לאָקשן מיט מילך און וואָס ניט? אַלץ קאָן מען מאַכן פון מילך. און צווישן אונדז גע־רעדט: וואָס איז דאָס פאַרא פויער, וואָס האָט ניט קיין אייגענע בהמה?

ניט לאַנג געטראַכט, בין איך אַוועק קיין באר־שבע אויפן יאַריד און איינגעהאַנדלט אַ בהמה — אַ גאָלד. איר האָט געדאַרפט אָנקוקן אַ בהמה. איך זאָג אייך: אַ בהמה — פון בהמה־לאַנד. זי האָט געהאַט אַ שוואַרצע פעל מיט ווייסע פלעקן, אמתע הערנער, אַן עק און אַלע נויטיקע, טעכנישע צודאַטן, וואָס אַ בהמה דאַרף האָבן...

אַהיימגעקומען מיט איר אין אַ מזלדיקער שעה, האָב איך גלייך מאָביליזירט מיין גאַנץ הויזגעזינט און מיר זענען אַרויס צו דער נאָענסטער לאָנקע זי אָנקאָרמען און אָנטרינקען צו דער זעט.

מיינע בנים זענען געווען אין זיבעטן הימל. איך זאָג אייך: גע־בוירענע פּאַסטוכער! מען האָט זי געגלעט, געריייניקט, געצערטלט, גע־טשמאָטשקעט, גערעדט צו איר — ווי מען רעדט צו אַן אייגן ווייב... מיר זענען געווען איבערגליקלעך!

אַז עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט, האָבן מיר זי אַריינגעפירט אין שטאַלעכל אַריין, צוגעבונדן צו דער קאָריטע, געבראַכט אַ נייעם, עמאַלירטן

עמער, אָװעקגעשטעלט אים אונטער די אײטערס און איך האָב אַ קאָמאַנדעװע געטאָן: „שרה־בײלע — געמאָלקן זאָל װערן!"

מײן שרה־בײלע האָט זיך פֿאַפּראַװעט די פּריזור, אַװעקגעזעצט זיך אױפֿן קלײנעם בענקעלע און אָנגעהױבן מעלקן. מיר אַלע, איך און די בנים, זענען געשטאַנען הינטער איר און מיט אָפֿענע מײַלער געװאַרט אױף די ערשטע, אײגענע, טראָפּנס מילך...

דער עמער איז אָבער געבליבן לײדיק.

— נו, שרה־בײלע, װאָס שלאָפֿסטו? — גיב איך אַ געשרײ — מעלק!

— װער שלאָפֿט? — שרײט זי צוריק — דו זעסט דאָך אַז עס גײט נישט...

— װאָס הײסט — עס גײט נישט? — װער איך שױן אין כעס — מסתמא קענסטו ניט מעלקן!

— טאָ זעץ זיך אַלײן אַװעק, גרױסער מעלקער מײַנער! געזען אַן אַרבעט ער האָט עס מיר געגעבן? פֿוי, אַ פּאַסקודסטװע!

— ביסט אַלײן, זאָג איך, אַ פּאַסקודסטװע! אַזױ רעדט מען װעגן אַ בהמה? װעגן גאָטס באַשעפֿעניש?

הכלל, ניט לאַנג געטראַכט, גיב איך זיך אַ זעץ אַװעק, נעם די אײטערס אין די הענט אַרײַן און הײב אָן ציען. צוערשט מאַך איך דאָס פּאַמעלעך, דערנאָך שנעלער, שטאַרקער, פֿלינקער... אַ נעכטיקער טאָג: נישטאָ קײן מילך!

איך האָב געמײנט אַז איך באַקום די פּאָפּלעקציע אױפֿן אָרט. איך טאָפּ אַהער, טאָפּ אַהין, גיב דאָ אַ דריק, דאָרט אַ קװעטש. כ'װײס: אפֿשר איז עפּעס ניט אין אָרדענונג? אפֿשר זענען די קראַנען פֿאַרשטאָפּט, אַ שיבער פֿאַרמאַכט? מילא, װאָס עס קען זיך אַלץ טרעפֿן?

איך כאַפּ אַ שטרוי, פּרוװ אױפֿשטעכן דעם קאַנאַל. מײַן בהמה בריקעט זיך, װאַרפֿט זיך, קלאַפּט מיטן עק אױף אַלע זײַטן, דרײט אױס צו מיר דעם בהמישן קאָפּ, עס איז פּשוט סכנות־נפֿשות נעבן איר צו שטײן!... נאָר קײן מילך זעט מען נאָך אַלץ נישט...

איך הײב זיך אױף אַ פֿאַרשװיצטער, אַ פֿאַריאַכמעטער מיט פֿרישע מאָזאָליעס אױף די הענט און כ'בלײַב שטײן װי אַ תּם, ניט װיסנדיק װאָס װײַטער צו טאָן...

— אפשר איז דאָס גאָרניט קיין בהמה? — רופט זיך אָפּ מיין פלוניתטע, מיין חכמה.

— וואָס דען איז דאָס, — שריי איך — אַ פערד? האָסט שוין געזען אַ פערד מיט אייטערס?

און אַ בהמה וואָס גיט ניט קיין מילך, האָסטו שוין יאָ געזען?! — פרעגט זי — ווו זענען געווען דיינע אויגן?

— איך הערט אַ קשיה? ווו זענען געווען מיינע אויגן, פרעגט זי.

— ווען איך וואָלט געהאַט אויגן, וואָלט איך דאָך דיך ניט גענומען פאַר אַ ווייב!... אַזאַ מזל האָב איך שוין: בין איך געגאַנגען איינהאַנדלען אַ ווייב, האָט מען מיר אַריינגערוקט אַ כשרה בהמה... האָב איך געוואָלט קויפן אַ בהמה, האָט מען מיר אַריינגעבראַקט אַ צעקראַכענעם וואַרעניק, וואָס פרעסט ווי אַ פערד און גיט ניט קיין טראָפּן מילך. ווען דאָס זאָל כאָטש אַ מעקע טאָן ווי בהמות מעקען... גאָרנישט!

איר וועט מיר אפשר ניט גלייבן, נאָר איך קען אייך שווערן, אַז די ערשטע צייט, כדי ניט פאַרשעמט צו ווערן פאַר שכנים, פלעג איך יעדערס מאָל זיך אַריינכאַפּן אין שטאַל אַריין און אָנגעהויבן מעקען, בכדי מען זאָל הערן אַז איך האָב אַ בהמה און ניט קיין פגר...

— שרה־ביילע, — זאָג איך איינמאָל צו מיין יידענע — אפשר דאַרף מען זי פירן צו אַן אָקס?

— ביסט אַליין אַן אָקס! — גיט זי אויף מיר אַ פאַר אַרויס — אַ נייער שדכן זיך אָפּגעפונען... קענסט שוין ניט צוטראַכטן עפּעס קלוגערס? שעכט זי, וועלן מיר כאָטש האָבן אַ שטיקל פלייש אויף מיטאָג...

— אַ ברירה האָב איך געהאַט? אַמאָל דאַרף מען פאָלגן אַן אייגן ווייב אויך. האָב איך זי, די בהמה הייסט עס, אָוועקגעפירט צום שוחט און איבער אַ חודש צייט, האָבן מיר געגעסן מיטאָגן מיט פלייש...

אמת: מיר האָבן חלילה נישט אויפגעגעסן די גאַנצע בהמה. אַ ביסל פלייש האָב איך פאַרקויפט און פאַר דעם איינגעלייזטן געלט האָב איך באַשלאָסן צו קויפן אַ פערד. ווייל אָן אַ פערד, פאַרשטייט איר מיך, בין איך געווען ווי אָן אַ האַנט. מ'דאַרף אַמאָל צופאָרן קיין באר־שבע אויפן יאַריד, ס'ווילט זיך אַמאָל מאַכן אַ שפּאַציר, באַטראַכטן די געגנט, מ'דאַרף מיסט אויף צו באַמיסטיקן דאָס שטיקל פעלד, איינקויפן פראָדוקטן, אויס־באָדן זיך אין ים פון אַשקלון און אָן אַ פערד, זענט איר ווי אַן אַרעסטאַנט. מען קען זיך פון הויז ניט אַרויסרירן.

הכלל, איך בין ווידעראַמאָל אַוועק קיין באר־שבע און אָנגעהויבן זוכן אַ פערד. דאַסמאָל בין איך שוין אָבער געווען פאַרזיכטיק. קודם־כל האָב איך באַשלאָסן ניט צו קויפן קיין דיק פערד. ווייל אַ פערד איז, פאַרשטייט איר מיך, געגליכן צו אַ מענטש: וואָס פעטער עס איז, אַלץ שווערער רירט עס זיך... צווייטנס דאַרף אַ פעט פערד פרעסן דאָפּלט און ווער ווייסט צי עס וועט טויגן צו דער אַרבעט?

האָב איך זיך אַרומגעדרייט אויפן מאַרק אַ שעה און צוויי, געזוכט, געטאַפּט ביז איך האָב ענדלעך געפונען דאָס געזוכטע.

דער אייגנטימער פונעם פערד איז געווען אַ בעדואינער. אַבי נישט קיין ייד, טראַכט איך מיר, ווייל די בהמה, פאַרשטייט איר מיך, האָב איך איינגעהאַנדלט ביי אַ יידן, ביי אַן אייגענעם ברודער... צווייטנס האָב איך געהערט, אַז ביי די בעדואינער זענען פאַראַן די פלינקסטע פערדלעך. מען קען מיט זיי גיין אין געיעגן.

— עס פרעסט עפּעס אַ סך? — פרעג איך אים.

— איי, איי, איי, — שאָקלט ער מיטן פאַרטורבאַנעוועטן קאָפּ זיינעם — גאָרנישט קיין סך, כאַוואַדזשאַ, גאָרנישט קיין סך. בלויז אַ ביסעלע, כאַוואַדזשאַ, ווי אַ פייגעלע — פאַרזיכערט ער מיר.

הייסט עס, אַז איין פּלוס האָט עס שוין: ווי די זאַך זאָל נישט זיין, וועל איך כאָטש ניט דאַרפן אַרויסוואַרפן קיין געלט אויף איבעריקן עסן...

— און ווי אַזוי איז עס אין דער אַרבעט? — פרעג איך ווייטער מעשה מבין.

— אַללאַה — זאָגט ער — איז אַן עדות; עס אַרבעט ווי אַן אָקס!

האָבן מיר שוין, הייסט עס, צוויי פּלוסן: אי עס עסט ווייניק, אי עס אַרבעט ווי אַן אָקס.

— און וויפל — פרעג איך ווייטער — דאַרף איך אַריינצייל̈ן אין יד אַריין?

— נישט קיין סך, כאַוואַדזשאַ, נישט קיין סך, 250 פונטלעך — זאָגט ער — בחצי־חנם!

איך פּרוביר זיך דינגען, באַווייז אים דעם פערדס פעלערן, די אַרויסשטאַרצנדע ריפּן, די איינגעפאַלענע באַקעס...

— איי, איי, איי, כאַוואַדזשאַ, — באַליידיקט ער זיך — וואָס הייסט איינגעפאַלענע באַקעס? דאָס האָט דאָך, זאָגט ער, אַ פיגור ווי ברידזשיט

באַרדאַ... דאָס איז דען אַ פערד? גיט אַ קוק אַ טאַליע, אַ געשטעל, אַ פריזור... 300 פונט איז דען געלט? 300 פונט איז ממש אַ מציאה פון אַ גנב!

— וואָס הייסט 300 פונט? — פרעג איך אים — איר האָט דאָך מיט אַ מינוט פריער אַליין אָנגעבאָטן 250!

— ווער, איך?! איך האָב אייך אָנגעבאָטן 250? אַללאַה — זאָגט ער — איז מיר אַן עדות אַז ס׳קאָסט מיך אַליין טייערער! כ׳האָב עס — זאָגט ער — געקויפטביים סאַמעראַדנעם שייך. איך האָב אים געגעבן גאַנצע 325 פונט, קיין פיאַסטער ניט ווייניקער, נו און 25 פונט מעג איך פאַרדינען? אָוועקגעבן אַזאַ פערד פאַר 350 פונט, זאָגט ער, איז אַ פאַרברעכן! ווייסט איר וואָס, — כאַפּט ער מיין האַנט אין זיינער — גיט מיר 400 פונט און ס׳גאַנצע פערד איז אייערס!

— טפו זאָלסטו מיר ווערן! — ווער איך שוין אין כעס — האָסט אָנגעהויבן ביי 250 און האַלטסט שוין ביי 400? ווער פאַרכאַפּט מיט דיין פערד צוזאַמען! געזען אַ נאַכאַל? קוק נאָר ווי דאָס וואַקסט ביי אים...

אויסגעשפּיגן און מאַך זיך אָוועקגיין, ערשט ער כאַפּט מיך אָן פאַר דער האַנט, ציט מיך צו צום פערד, הייבט עס אָן גלעטן, לאַשטשען — „קוק" — זאָגט ער מיר — „ס׳איז דאָך אַ פריציש פערד, נאָר אין פילם זעסטו אַזוינס... דאָס איז דאָך ברידזשיט באַרדאָ... נו, וועסטו מיר זאָגן אַז ברידזשיט באַרדאָ איז נישט ווערט קיין 400 פונט? און 500 פונט — איז זי נישט ווערט?"

— וואָס האָקסטו מיר אין קאָפּ אַריין מיט ברידזשיט באַרדאָ? — שריי איך — וואָס בין איך דאָ געקומען איינהאַנדלען ברידזשיטקען — צי אַ פערד?...

אָבער וואָס פאַראַ פערד, — רעדט ער שוין מיט טרערן אין די אויגן — ס׳איז דאָך מיר אַ רחמנות זיך מיט דעם צו שיידן... אַ געטרייע נשמה, אַן איבערגעגעבענער פריינד...

— ווילסט פאַרקויפן דאָס פערד, צי נישט? — פרעג איך שוין קאַלט ווי אַ גזלן — אויב ווילסטו עס פאַרקויפן, טאָ זאָג אַ מענטשלעכן פרייז און חאַלאַס!

— כאַוואַדזשאַ, — וויינט ער און רייסט פשוט קריעה פון זיך — ס׳האָט זיך מיר אַרויסגעכאַפּט 250, טאָ זאָל זיין 250. נאָר אויב דו האָסט גאָט אין האַרצן, וועסטו מיך נישט מאַכן אומגליקלעך... צעברעך נישט

דאָס האַרץ פון אַן אָרעמען פּאַלאַך. דערלייג אַליין אַ פּאָר פונט און אַללאַה וועט היטן דיינע פּוסטריט!...

— מילא, דאָס ווונטשן אַליין איז שוין ווערט געווען אַ צענערל און צווישן אונדז געדעדט: ווי קען דאָס אַ מענטש זיין אַזאַ גזלן און אָפּשעכטן אַ צווייטן אין אַ חלף, בלויז דערפאַר, ווייל ס'האָט זיך אים אַרויסגעריסן אַ וואָרט?

איך האָב אים אַריינגעציילט 275 פונט און בין געוואָרן דער באַלע־באָס פונעם פערדל.

וואָס זאָל איך אייך דערציילן: איך בין געווען אין זיבעטן הימל! שטעלט אייך נאָר פאָר: באַצאָלט 275 פונט פאָר אַ פערד, וואָס איז ווערט צוויי מאָל אַזויפיל...

הכלל, איך בין אַהיימגעקומען מיט מיין ברידזשיטקע און עס אוועק־געשטעלט אין שטאַל ביי דער קאַריטע, אַנגעשיט אַ ביסל האָבער, אָנגע־לייגט אַ ביסל היי, אָנגעגאָסן וואַסער. איך גיב אַ קוק: דער בעדואינער איז געווען גערעכט: דאָס פערדל עסט נישט! דאָס הייסט, אַז עסן עסט עס יאָ. פון מאָל־צו־מאָל גיט עס אַ נורע איין דעם קאָפּ אין דער קאַריטע, נעמט אַן אַ ביסל האָבער און קייעט עס פּאַוואָליע, נישט געאיילט. גיט אַ זופּ דאָס וואַסער און רוט זיך אָפּ. מען זעט גלייך, אַז דאָס איז נישט קיין פּשוט פערד. אַן איידל פערד דערקענט מען אויפן ווונק, טראַכט איך זיך. דאָס איז זיכער נישט מיין טרוקענע בהמה, נישט היינט געדאַכט, וואָס האָט געפרעסן פאַר צען און קיין מילך נישט געגעבן...

— אָט דאָס הייסט אַ פערד! — גיב איך אַ ווונק צו מיין שרה־ביילע — מען זעט באַלד אַז דאָס איז אַ בעסער פערד, אַן אַריסטאָקראַטיש פערד. גיב נאָר אַ ריר אָן דאָס פעלעכל: דיך, איידל. ביי יעדער באַריר גיט עס אַ ציטער ווי איינער זאָגט: אָן הענט, בבקשה!...

הכלל, דאָס פערדל איז געשטאַנען דריי טעג אין שטאַל. דערווייל האָב איך מיר איינגעשאַפן אַ וואָגן. ווייל צוואָס טויג מיר אַ פערד אָן אַ וואָגן? קיין גרויסער וואָגן איז עס טאַקע נישט געווען, ווייל צוואָס דאַרף איך אַ גרויסן וואָגן? איז דאָס טאַקע געווען אַ פּלאַטפאָרמעלע — ווי אָנגעמאָסטן פאַר מיין ברידזשיטקע. געקויפט דעם וואָגן אויך, טראַכט איך מיר: נו, געקומען די צייט אויסצופּרובירן מיין סוס. געווען איז פונקט דינסטיק, ווי יעדן דינסטיק, איז אויך דאַסמאָל געווען אַ יאַריד אין באַר־שבע און ווי אויף יעדן יאַריד, קען מען אויך דאָ כאַפּן אַ מציאהלע פאַר

שפּאַט ביליק. האָב איך איינגעשפּאַנט דאָס פערדל, אַרויפגעלאָדן מיין גאַנצן לעבעדיקן אינווענטאַר, דאָס הייסט: מיין ווייב און קינדער און וויאָ!

וויאָ אַהער, וויאָ אַהין — מיין פערדל רירט זיך נישט פון אָרט.

— וויאָ, דזשינאַ! — שריי איך שוין העכער און גיב אַ צי מיט די לייצן.

נעכטיקע טעג: דאָס פערדל גייט נישט.

— גזלן! — רעד איך צו איר מיטן גוטן — פאַרשוואַרץ מיר נישט דאָס פּנים, ריר זיך!...

רעד הייַנט, שריי מאָרגן, מיין דזשינאַ קלערט אַפילו נישט צו רירן זיך פון אָרט...

— פאַרשטייט מסתמא נישט קיין יידיש — רעד איך צו מיין ווייב, — פאָרט געבוירן געוואָרן אין מדבר, ביי האַלב־ווילדע בעדואינער.

הכלל, איך קריך אַראָפּ פון וואָגן, נעם אָן מיין בת־יחידקעלע ביי דער מאָרדע, צי אַהער, צי אַהין — דאָס פערדל גייט נישט.

— נו, פּויער מיינער, — לאַכט מיין שרה־ביילע מיט יאַשטשערקעס — אַ פרישע מציאה איינגעהאַנדלט, וואָס? מילא, די בהמה — איז כאָטש געווען אַ פליישיקע, וואָס ווערסטו אָבער טאָן מיטן פערד? פערדס־פלייש טאָר מען דאָך נישט עסן...

— שרה־ביילע, קריץ איך אַרויס דורך די ציינער — שרה־ביילע, שיט מיר נישט קיין זאַלץ אויף די ווונדן. פון פערד־פלייש איז נאָך אויך קיינער נישט געשטאָרבן...

און נישט קענעדיק זיך מער באַהערשן, כאַפּ איך די בייטש און טראַסק — אין פערד אַריין! איינמאָל, אַ צווייט מאָל! מיין פערדל האָט אָנגעהויבן בריקען, געשטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס, שיעור דעם וואָגן נישט איבערגעדרייט, פאַריסן דעם קאָפּ צום הימל, אָנגעהויבן היר־זשען אויף טרעוואָגע, נאָר איך קוק נישט: איך דערלאַנג נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל!...

פּלוצלונג גיט זיך מיין פערדל אַ ריס פון אָרט — ווי אויסגעשאָסן פון אַ האַרמאַט. כ׳האָב קוים באַוויזן, מיט דער הילף פון מיינע בנים, זיך אַרויפכאַפּן אויף דער פור. מיין ברידזשיטקע האָט זיך געטראָגן פייל־אויס־בויגן, איבערגעיאָגט אויטאָס; שיעור נישט אָוועקגעהרגעט אַ דורכגייער; פאַרבייגעלאָפן אַ דערשראָקענעם פּאָליציאַנט וואָס האָט עפּעס געמאַכט מיט די הענט, אַריבערגעפלויגן די באַן־רעלסן...

דאָס וועגעלע האָט געטאַנצט, געשפּרונגען. מיר האָבן מיטגעהאָצ־קעט. ביי יעדן גריבעלע זענען מיר שיעור נישט אַרויסגעפלויגן אין דער לופטן. מיין קליינער שנעק האָט באַקומען די ים־קרענק, קוים אים אָפּגעמינטערט... מיר זענען אַזוי אָפּגעשפּרונגען אַ היפּשע עטלעכע קילאָמעטערס, איך וויל איינהאַלטן אַ ביסל מיין פערדל, אָפּכאַפּן דעם אָטעם, נאָר גיי האַלט עס איין אַז דאָס לויפט ווי משוגע, ווי דאָס וואָלט אַראָפּ פון זינען...

אָנגעקומען עטלעכע קילאָמעטער פאַר באר־שבע, גיט זיך מיין ברידזשיטקע פּלוצלונג אַ לייג אַוועק אינמיטן וועג און כאָטש שריי: חי־וקיים — רירט עס זיך נישט מער פון אָרט...

איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פונעם וואָגן, צוגעגאַנגען צו מיין אַריס־טאָקראַטקע, וועלכע איז געלעגן אָן באַוועגונג. פון דער מאָרדע איז גערונען אַ געדיכטע שוים; פון דער דינער, איידעלער פעל האָט געזעצט אַ פּאַרע, די אויגן זענען געווען פאַרגלאָצט, די נאָזלעכער — צעעפנט. מיט איין וואָרט: כ׳האָב שוין נישט געהאַט מיט וועמען צו רעדן...

איך בין געשטאַנען ווי אַ נעבטיקער. מיין שרה־ביילע האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט זי נאָר־וואָס אָפּגעשניטן פון דער תליה. מיינע צוויי בנים האָבן געהאַט טרערן אין די אויגן. איך בין געווען אַ פאַרפאַלענער מענטש.

וואָלט עס כאָטש געווען נישט ווייט פון דער היים... מיר זענען אָבער געווען נעענטער צו דער שטאָט, ווי צום דאָרף.

הכלל, איך האָב זיך געקראַצט אין קאָפּ, פאַרביסן די ליפּן, געקנייפּט די באַקן און געווען אויף געהאַקטע צרות.

— מילא, — טראַכט איך מיר — דאָס פערדל איז שוין אָפּגעפאָרן. דאָס האָב איך דאָך באַשיינפּערלעך געזען, אָבער כ׳קאָן עס דאָך נישט איבערלאָזן אָט־אַזוי אינמיטן וועג. פאַרט אַ צער־בעלי־חיים, גאָטס באַשעפעניש. קורץ פון דער זאַך: איך האָב עס אויסגעשפּאַנט, אַראָפּגענומען די דישלעס און צוגעלייגט זיי צו דער פּלאַטפאָרמע, אַרומגעבונדן דאָס פערדל מיט די לייצעס; מיינע צוויי זין זענען געשטאַנען אויפן וואָגן און געצויגן ביי די לייצעס; איך האָב אונטערגעשטופּט מיט דער האָלאָבליע; מיין שרה־ביילע האָט געצויגן ביים עק און נאָך אַ גוטער שעה טויטע אַרבעט, האָבן מיר מיט מזל אַרויפגעשלעפּט דאָס פערד אויף דער פּלאַט־פאָרמע.

אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט, האָב איך ווידער אַריינגעטאָן די

דישלעס אויף זייער פלאַץ. איך מיט שרה־ביילען האָבן זיך איינגעשפּאַנט פון פאַרנט, מיינע צוויי בנים האָבן אונטערגעשטופּט פון אונטן — און אָט אַזוי זענען מיר אין אַ גוטער שעה אָנגעקומען קיין באר־שבע אויפן יאַריד.

איר שטעלט זיך כאָטש פאָר וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן, ווען מען האָט אונדז דערזען? טויזנטער מענטשן זענען געקומען צולויפן אָנ־קוקן דאָס בייזע ווונדער ווי אַזוי איך, מיין שרה־ביילע און מיינע צוויי בנים פירן מיין ברידזשיטקע אויפן וואָגן. וואָס זאָל איך אייך דערציילן: איך האָב זיך געוואָלט באַגראָבן לעבעדיקערהייט פאַר שאַנדע. מיין שרה־ביילע האָט זיך גלייך אָפּגעטראָגן, ווייל ס'איז איר נעבעך געווען אַ בושה אויסצוהערן די וויצן און שטעכווערטלעך פון די סוחרים, די גראָבע יונגען. מיינע צוויי ממזרים האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ געשלעג מיט אַנדערע יונגאַטשעס, וואָס האָבן פון זיי אָפּגעלאַכט. איר קאָנט דאָך אונדזערע קינדער: זיי לאָזן זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע אַריין... מיט איין וואָרט: איך בין געווען אויף גוטע, געהאַקטע צרות...

וואָס זאָל איך אייך דערציילן: ערשט פאַרנאַכט־צו בין איך סוף־כל־סוף פּטור געוואָרן פון מיין אַריסטאָקראַטישן פּגר און אויך דאָס נאָך דינ־גענישן און אַמפּערנישן און קלאַפּן זיך אין האַרץ אַריין, פון וועלכע איך האָב שיעור נישט באַקומען קיין האַרץ־פעלער...

פאַר מיין ברידזשיטקען האָב איך אָנגענומען 25 הינדלעך, וואָס זענען נאַרוואָס אַרויס פון אינקובאַטאָר. איך האָב זיי אָנגעלאָדן אויף מיין וואָגן און מיר האָבן זיך געלאָזן צוריק אַהיים. ס'איז שוין געווען האַלבע נאַכט, ווען מיר האָבן זיך דערשלעפּט צום דאָרף. די איבעריקע האַלבע נאַכט איז מיין שרה־ביילע אָפּגעלעגן אויפן בעטל און זיך באַגאָסן מיט הייסע טרערן:

— אַ פויער ווערן האָט זיך אים פאַרגלוסט!...

נאָך דער מעשה מיטן פערד בין איך געוואָרן פאַרזיכטיקער, אָפּ־געהיטענער. שוין נישט געגאַנגען אַליין, נאָר תמיד מיט אַ מומחה. ווי זאָגט מען דאָס: אַז מען בריט זיך אויפן הייסן, בלאָזט מען אויפן קאַלטן...

פון די 25 הינדלעך וואָס איך האָב באַקומען פאַרן פערד, זענען טאַקע אַרויס מער הענער, ווי הינער. נאָר היינט זעט איר, קען איך שוין אונטער־שיידן צווישן אַ האָן און אַ הון. און ווידראַמאָל בהמות — האָט איר דאָך געזען ביי מיר אין שטאַל? זיי מעקען אַליין, כ'דאַרף זיי שוין נישט אַרויס־

העלפן... און דאָס פערדל? אַ רוח, זאָג איך אייך, נישט קיין פערד. עס פּרעסט טאָקע אַ סך, דערפאַר אָבער שלעפּט עס — ווי אַ טראַקטאָר...

נאָר ביז איך בין געקומען צו דעם אַלעמען? וויפל נעכט בין איך נישט געשלאָפן? וויפל מאָל האָב איך געוואָלט איבערלאָזן די הייזקע, דאָס דאָרף, מיין שרה־ביילע מיט אירע צוויי בנים און לויפן — ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט?...

אָבער ברוך־השם! יענץ איז שוין אַריבער. היינט בין איך אַ פּויער — מיט פּויערים גלייך! אַן אמתער, יידישער פּויער און הלואי, הערט איר, אויף ווייטער נישט ערגער. אַנו פּרובירט מיר היינט געבן גאָלד, אַז איך זאָל צוריקגיין אין שטאָט אַריין? ערשט מיין שרה־ביילע: זי איז דאָך שוין ביי מיר ברייטער ווי לענגער. זי האָט איצט אויפגעלעבט, זאָג איך אייך... נו־נו, רוקט נישט אַוועק! ענדיקט די סמעטענע, אַ שאָד אַרויסצוואַרפן! געשמאַק, האַ? עסט, עסט! זאָל אייך ווויל באַקומען!

אַרכעאָלאָגיע

(אַ כוח־הדיבור פון אַ יידענע...)

— שלום, רבי! איר זענט דאָס דער וואָס פאַרנעמט זיך מיט גט'ן? איז גוט! ווייל מ'האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך וויל פּטור ווערן פון מיין מאַן, קען איך עס טאָן — נאָר דורכן ראַבינאַט. מילא, זאָל זיין דורכן ראַבינאַט. אַפילו צום טייוול אַליין וואָלט איך געגאַנגען, אַבי אים פּטור צו ווערן. טאָ הערטשע מיך אויס: איך וויל איר זאָלט מיר געבן אַ גט. רייסט מיר נישט איבער, כ'האָב פיינט אַז מען קריכט מיר אַריין אין דער קאַשע. איך קען שוין מער נישט אויסהאַלטן פון אים. ס'איז מיר שוין דערגאַנגען ביז דאַ־אָ! איר ווילט הערן אַ מעשה? טאָ הערט: מיר ביידע, איך און מיין מאַן, קענען זיך פון קינדווייז אויף. צוזאַמען האָבן מיר זיך אין זאַמד געשפּילט, צוזאַמען געלערנט, צוזאַמען שפּאַצירט, אַלץ, פאַרשטייט איר מיך, צוזאַמען. פון קינדווייז אָן אַזוי...

אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָבן מיר זיך צעשיידט. ער איז אַוועק קיין רוסלאַנד און איך בין געבליבן ביי די דייטשן. נאָך דער מלחמה האָבן מיר זיך צופעליק ווידער געטראָפן און פאַרשטייט זיך, חתונה געהאַט און אַוועק קיין ישראל.

אין אָנהייב איז אַלץ געווען בסדר. מיר האָבן ביידע געאַרבעט. דאָס הייסט — איך האָב געאַרבעט און ער, מיין מאַנעלע, האָט זיך געלערנט עברית אין אַן אולפּאַן. מיך האָט עס נישט געאַרט, איך האָב געוואָלט אַז ער זאָל קענען די לאַנדעס־שפּראַך. איך האָב גאַנץ גוט פאַרדינט. איך בין, פאַרשטייט איר מיך, אַ שטאָפּערין, אַ קונסט־שטאָפּערין. אַז אַ מאַנס־פּערשוין צערייסט אַ פּאָר הויזן, ברענגט ער זיי גיך צו מיר און איך פאַרשטאָפּ אַזוי, אַז קיין אייגן ווייב וועט קיינמאָל נישט דערקענען אַז די הויזן זענען געווען אַמאָל צעריסן. אַז אַ פרוי מאַכט אַ גוואַלט־ריס אין אַ ניי קלייד, צי אין אַ קאָסטיום, מוז זי אָנקומען צו מיר. און מענטשן, דאַרפט איר וויסן, רייסן אַזויפיל, אַז מען האָט שטענדיק פולע הענט מיט אַרבעט... הכלל רבי, וואָס זאָל איך אייך דערציילן, אַ פּאַך איז דאָס אַ גאַנץ

נישקשהדיקס. נישט איין פּאַרפּאַלק איז געבליבן פּאַרפּאַלק צוליב מיינע הענט. איר קענט דאָך מסתמא די היינטיקע ווייבער? קומט אַהיים אַ מאַן מיט אַ ריס, הייבט זי גלייך אָן פרעגן: פונוואַנען? ווו ביסטו געווען? מיט וועמען? ווי אַזוי האָסטו צעריסן? ווער האָט דיר צעריסן? ער הייבט זיך אָן פאַרטיידיקן; זי הערט אים אויף צו גלויבן; אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, מען הויבט זיך אָן קריגן, רייסן פאַר די קעפּ, עס פליען טעלער, גאָפּלען, מעסערס, די קולות דערגייען צום זיבעטן הימל; שכנים מישן זיך אַריין און דער סוף איז, אַז מען גייט אין ראַבינאַט אַריין...

איצט פאַרשטייט איר שוין אַליין, אַז אַזאַ איינער וועט באַצאָלן יעדן פּרייז, אַבי צו האָבן קאָפּ־מנוחה און נישט דאַרפן פאַרענטפערן זיך פאַרן ווייב, כאָטש אין דער אמתן, איז ער גאָט די נשמה שולדיק...

קורץ פון דער זאַך: אויף פּרנסה האָב איך נישט געהאַט וואָס זיך צו באַקלאָגן. נאָך איידער איך האָב זיך אַרומגעקוקט, זענען שוין ביי מיר אַרומ־געקראָכן צוויי קינדער און אַלץ איז געווען, אַזוי ווי אין פּסוק שטייט: „ויתרוצצו"...

ביז אין אַ געוויסן טאָג גיט ער אַ קום צו מיר און זאָגט: — „פּיגעלע, איך וויל גיין ווייטער זיך לערנען". טראַכט איך מיר: אַז אַ מאַן וויל זיך לערנען — זאָל ער זיך לערנען. קיין גרויסער „יאַ טשעביע דאַם" איז ער סיי־ווי נישט, קיין פאַך האָט ער נישט, זאָל ער זיך לערנען. אפשר וועט ער זיך פאַרט עפּעס־וואָס אויסלערנען. וואָס אַרט מיך אַז איך וועל האָבן אַ געלערנטן מאַן? בפרט, אַז אַ שטיקל קאָפּ — האָט ער. אין רוס־לאַנד האָט ער זיך אויך אַ ביסל געלערנט. אין גאַנצן קיין נאַר איז ער נישט. זאָג איך: — „גיי לערן זיך. מילא, פאַר פּרנסה וועל איך שוין זאָרגן". איז ער אַוועק לערנען.

אָפּגעלאָפן אַ פּאָר יאָר, גאָט האָט געהאָלפן און ער האָט געענדיקט די סטודיע. איז דאָך גוט? ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז גאַנץ גוט אין דר'ערד: ער האָט זיך אין דעם ווערזיטעט, פאַרשטייט איר מיך, אויסגעלערנט עפּעס אַזוינס וואָס מען דאַרף גראָבן אין דער ערד און זוכן דעם נעכטיקן טאָג...

איך האָב געמיינט, אַז ער וועט ווערן אַ שטיקל דאָקטאָר, אַן אינ־זשיעניער, צי גאָר אַן אַדוואָקאַטל, עפּעס אַזוינס פון וואָס מען קען לעבן און פון וואָס מען האָט אַ ביסל כבוד. און ער איז גאָר, נאָך דעם גאַנצן שטודירן — געוואָרן אַ גרעבער...

פרעג איך אים: — וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַך? ווו האָסטו געהערט,

אַז אַ נאַרמאַלער מענטש זאָל זיך פיר יאָר צייט ברעכן דעם קאָפּ און דערנאָך אַהיימקומען אַלס גרעבער? צו דעם דאַרף מען שטודירן? פון דעם ווילסטו האָבן פרנסה?

— ביי אונדז אין דער ערד — זאָגט ער — ליגן באַהאַלטן אוצרות וואָס אויף זיי איז גאָר קיין פּרייז נישט פאַרהאַן. אוצרות, וואָס אונדזערע אבות־אבותינו האָבן באַגראָבן. זיי ליגן שוין טויזנטער יאָרן און זאָגן עדות וועגן אונדזער אוראַלטער קולטור און לעבנסשטייגער.

רעדן, זעט איר, האָט ער זיך אויסגעלערנט. וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ ווינציקער האָב איך אים פאַרשטאַנען... „אָט האָט מען — זאָגט ער — מיט אַ קורצער צייט צוריק געפונען אַלטע מגילות".

— וואָס זענען דאָס פאַרא מגילות? — פרעג איך.

זאָגט ער, אַז מגילות, דאָס זענען אַזעלכע אַלטמאָדישע ביכער.

— ווו האָט מען זיי געפונען? — פרעג איך ווייטער.

— אין די יהודה־בערג, — זאָגט ער — אין די היילן.

— אויב אַלטע ביכער, — זאָג איך — דאַרף מען זיי זוכן אַזוי ווייט אַזש אויף די בערג? אָט האָסטו געקענט אַרויסגיין אויף אַלענבי און קויפן אַלטע ביכער וויפל נאָר דו ווילסט. מען פאַרקויפט דאָרט — זאָג איך — די עלטסטע ביכער, דריי פאַר אַ פונט.

לאַכט ער און זאָגט, אַז איך ווייס נישט וואָס איך רעד...

בקיצור רבי, לאָזט אייך דינען: איך זע, אַז מיין מאַן איז שוין גאַרנישט דער זעלבער וואָס געווען. ער רעדט — און איך ווייס נישט וועגן וואָס ער רעדט. ער טוט עפּעס — און איך ווייס נישט וואָס ער טוט. גאַנצע טעג שפּילט ער זיך אַרום מיט פאַרזשאַווערטע שטיקלעך אייזן און בלעך, מיט פאַרשימלטע קרוגן, מיט שטיינער, וואָס קיין נאָרמאַלער מענטש וואָלט עס אין האַנט אַריין נישט גענומען. דאָ קלעבט ער אויף אַ צעטעלע, דאָרט שרייבט ער עפּעס, קוקט אין די ביכער; קלערט וועגן נעכטיקן טאָג; קוקט אין דער וועלט אַריין. מיט איין וואָרט: איך זע, אַז מיין זעליג הייבט אָן אַריינפאַלן אין עפּעס אַ חלאַת, אין אַ מעלאַנכאָליע אַזאַ.

— זעליג, — זאָג איך צו אים, אפשר ביסטו, חלילה, קראַנק? אפשר וואָלסטו צוגעגאַנגען צו אַ דאָקטאָר? כ'ווייס? מען שמועסט אַז היינט פאַנעווועט אַזאַ קרענק וואָס האָט צו טאָן מיט די נערוון... דאַרף מען אַמאָל גיין צו אַ דאָקטאָר. פאַרהאַן אַזעלכע ספּעציעלע דאָקטוירים, פּסיכאָפּאַטן... הייסן זיי. איז אפשר וואָלסטו זיך געלאָזט באַקוקן פון אַזאַ פּסיכאָפּאַט? קיין

גרויסעס וועט עס זיכער נישט קאָסטן, אָבער העלפן — קען ער אַמאָל. מיר לעבן דאָך אין אַנדערע צייטן. היינט האָבן אַלע צו טאָן מיט נערוון און אַלע גייען צום פּסיכאָפּאַטן. טאָ כאַפּ זיך אויך אַריין צו אַזאַ איינעם. וואָס קענסטו צולייגן צו דעם געשעפט?

נו, מיינט איר, אַז עס האָט עפּעס געהאָלפן מיין רעדן? ווייס איך וואָס!

— נישט געזאָרגט, פייגעלע, — קלאַפּט ער מיר אין פּלייצע — נישט געזאָרגט: אַלץ וועט זיין גוט. זאָל נאָר די עקספּעדיציע געבן די דער־וואַרטעטע רעזולטאַטן.

— וואָסער „קספּעדיציע” ווייטער? — פרעג איך.

— דו פאַרשטייסט? — זאָגט ער — אין עטלעכע טעג אַרום פאָרן מיר אַרויס אין מדבר יהודה...

— וואָס הייסט: מיר פאָרן אַרויס? אין עטלעכע טעג אַרום? טאָ וואָס שווייגסטו? מוז איך דאָך עפּעס צוגרייטן! באַקן, קאָכן, איינקויפן, איבער־שווענקען אַ פּאָר שטיקלעך, אויספּרעסן עטלעכע קליידלעך איך זאָל האָבן וואָס איבערצוטאָן און אויך פאַר די קינדער...

— ניין, פייגעלע, — זאָגט ער — האָסט מיך נישט פאַרשטאַנען. מיטן „מיר”, מיין איך דאָסמאָל, אַ גרופּע אַרכעאָלאָגן.

איר פאַרשטייט, רבי, ער איז נישט דער איינציקער משוגענער. פאַרהאַן נאָך אַזעלכע ווי ער און מיט זיי וויל ער דאָס אַרויספאָרן... זאָג איך:

— וואָס הייסט, דו פאָרסט אַליין? און וווּ בין איך? וווּ זענען די קינדער? אויב פאָרן, זאָג איך, פאַרוואָס זאָלן מיר נישט פאָרן צוזאַמען? וואָס איז: דו שעמסט זיך מיט דיין ווייב? מיט די קינדער שעמסטו זיך?

— אוי, פייגעלע, — זאָגט ער — איך קאָן איך נישט מיטנעמען. מיר פאָרן אין אַ מדבר גראָבן, זוכן...

— אויב זוכן, — זאָג איך — טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר טאַקע נישט זוכן אַלע צוזאַמען? פאַר די קינדער וועט עס דאָך זיין — ווי אַנגעמאָסטן! ס׳איז דען פאַרהאַן אַ זאַך וואָס זיי זאָלן נישט געפינען?

— פייגעלע, דו פאַרשטייסט מיך נישט, — צעלייגט ער די הענט — מיר פאָרן אין מדבר־יהודה. דאָרט וועלן מיר מוזן אַרבעטן אין זייער שווערע באַדינגונגען...

— וואָס שרעקסטו מיך מיט באַדינגונגען! — שריי איך — איך האָב מורא פאַר באַדינגונגען? איך בין נישט געוווינט צו קיין שווערע

באַדינגונגען? וואָס הייסט דו פאָרסט אַליין? מיט וועמען דען ווילסטו דאָס פאָרן?

— מיט אַ גרופּע סטודענטן און סטודענטקעס פון אַרכעאָלאָגיע...

— מיט סטודענטקעס?! — שריי איך — אַזוי! דערפאַר ווילסטו, אַז איך זאָל זיצן אינדערהיים... סטודענטקעלעך, האַ? ביסט שוין געוואָרן אַ גרויסער מענטש? אַנדערש פּאַסט דיר שוין נישט, נאָר אַרומשלעפּן זיך מיט סטודענטקעס?!

— אוי, פייגעלע, באַרואיק זיך, זאָגט ער, עס איז נישט דאָס וואָס דו מיינסט. זיי וועלן אונדז נאָר העלפן. זיי דאַרפן פּראַקטיצירן. מיר ווילן אויסגעפינען קעגנשטאַנדן, וואָס זאָלן אונדז עפּעס־וואָס דערציילן וועגן דער תקופה פון בר־כוכבא. אַ העראָאישע תקופה אין לעבן פון אונדזער פאָלק וועגן וועלכער מיר ווייסן זייער ווייניק.

— וואָס איז דאָ צו וויסן? — פרעג איך — וואָס גייט דיך אָן, וואָס עס איז אַמאָל געווען? וואָס היינט איז — ווייסטו שוין? ווי קומסטו בכלל צו גראָבן? מילא, דיין טאַטע איז ביי אונדז אין שטעטל געווען אַ קברן. דאָס פאַרשטיי איך! האָט ער כאַטש געקומען מענטשן און האָט זיי באַגראָבן. דאָס איז אַ מענטשלעכע זאַך. אַ מענטש שטאַרבט — דאַרף מען אים באַגראָבן. אָבער אויפגראָבן? אויפגראָבן קברים?! ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך? אַ קברים־שענדער ביסטו גאָר געוואָרן? וואָס ווילסטו דאָרט געפינען: דאָס וואָס דיין טאַטע האָט באַגראָבן? צו דעם האָסטו זיך געלערנט אין די וועריסיטעטן? זעליג, זאָג איך, איך האָב עס שוין גענוג! איך וויל דו זאָלסט זיצן אינדערהיים. איך וויל האָבן אַ מאַן, דו הערסט? די קינדער דאַרפן אַ טאַטן! מיט וואָס בין איך דאָס ערגער פון אַנדערע פרויען? מיט וואָס האָב איך זיך דאָס פאַרזינדיקט קעגן דיר? איך באַד האַנדל דיך שלעכט? כ'האָב דיר, חלילה, אַמאָל נישט דערלאַנגט דאָס עסן צו דער צייט? איך וואַש דיר נישט? איך פרעס דיר נישט? עס פעלט דיר אַמאָל אַ קנעפּל צו אַ העמד? וואָס לויפסטו? וואָס ציט עס דיך אַרויס פון שטוב? נאָר פאָרן, רייטן, אַרומשלעפּן זיך ערגעץ אין די מדבריות און וויסטענישן... צוליב וואָס? ווער באַדאַרף דאָס? וואָס האָסטו דאָרט פאַרלוירן, וואָס דו דאַרפסט עס פאָרן זוכן? צו וואָס דאַרפסטו זיך דאָס פרעגלען אויף דער זון? האָסט נישט קיין היים? וווינסט, חלילה, אויף דער גאַס? פאַרוואָס זאָלן מיר נישט לעבן ווי אַלע נאָרמאַלע מענטשן? אַרויסגיין אַמאָל אין אַ קינאָ, אין אַ טעאַטער, גלאַט אַזוי שפּאַצירן? מיט וואָס זענען מיר דאָס

ערגער פון אַנדערע? זעליגל, בעט איך זיך, קלאָפּ זיך אַרויס די אַלע נאַרישקייטן פון קאָפּ. ביסט דאָך שוין נישט קיין ייִנגעלע...

איך רעד, דאָס האַרץ פּלאַצט מיר, און אים זאָל אַפילו אָנהייבן צו אַרן.

— פייגעלע — זאָגט ער — פאַרשטיי, אַז מיר מוזן פאָרן... דאָס איז אַ זייער וויכטיקע, זייער אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע אַרבעט.

הכלל, רבי, וואָס וועל איך אייך דאָ לאַנג ברייען: אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער איינגעפּאַקט די זאַכן, געזאָגט „שלום", צעקושט זיך מיט אַלעמען — און אַוועק!

אַ גאַנצן חודש האָב איך אים נישט געזען. כ'האָב געמיינט, אַז איך ווער אויס מענטש! שטעלט אייך נאָר פאָר, רבי: פאָרט אַוועק אַ מאַן אין בליענדיקן עלטער פון 35 יאָר — און נישט מען זעט אים, נישט מען הערט אים. אַזוי ווי אין וואַסער אַריין!

נאָך אַ חודש וואַרטן, איך גיב אַ קוק: ער איז דאָ! צוגעשטעלט זיך דער קברים־רייסער מיינער. איר האָט אים דאַן געמעגט אָנקוקן: געבליבן פון אים — אַ העלפט, אַ סקעלעט, זאָג איך אייך. ווי ער אַליין וואָלט נאָר־וואָס אַרויס פון אַן אַלטן קבר... אויסגעצערט, פאַרשטויבט, מיט אונטער־געהאַקטע אויגן. די נאָז איז אים נאָך לענגער געוואָרן ווי געווען... איר האָט געדאַרפט אָנקוקן, רבי, אַ געשטעל פון אַ מאַנספערשוין...

— זיי מיר מוחל, פייגעלע — זאָגט ער — וואָס איך האָב דיר נישט געשריבן. מיר זענען געווען אין אַזאַ העק, אַז קיין לעבעדיקער מענטש קומט דאָרט קיינמאָל נישט אַהין... ס'טאַקע געווען שווער, זייער שווער, אָבער עס איז געווען כדאי... זע וואָס איך האָב געפונען...

דאָס זאָגנדיק, הייבט ער אָן אַרויסלייגן פון זיינע רענצלעך פאַר־זשאַווערטע כלים, צעבראָכענע קרוגן, שטיקלעך אַלטן געוואַנט, פאַר־שידענע טשוועקעס, שטיינדלעך פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן אַזאַ ריח, אַז עס האָט מיך אַזש אָנגעהויבן, זייט מוחל, צו איבלען ביים האַרצן. כ'האָב געפילט אַז אָט־אָט חלש איך אַוועק...

—„זע" — זאָגט ער — „דאָס איז אַלט איבער צוויי טויזנט יאָר; דאָס האָט שוין דריי טויזנט יאָר; יענץ איז נאָך — פון פאַרן חורבן און דאָס איז שוין — פון נאָכן חורבן..."

דערביי הערט ער נישט אויף צו שמייכלען, צו בליצן מיט די

ציינער, צו פרייען זיך ווי אַ קליין קינד וואָס האָט געפונען אַ פאַרזשאַווערטן טשוואָק.

— גאָטעניו, — זאָג איך — פאַרוואָס קומט עס מיר אַזאַ שטראָף? מיט וואָס האָב איך זיך קעגן דיר אַזוי פאַרזינדיקט? זע נאָר וואָס אַ מענטש האָט עס אַהיימגעבראַכט? זע נאָר מיט וואָס אַ דערוואַקסענער מענטש, אַ טאַטע פון קינדער, פרייט זיך עס אַזוי?

— אָט צוליב דעם, — פרעג איך אים — האָסטו עס באַדאַרפט אָוועקפאַרן פון שטוב אויף אַ חודש צייט; איבערלאָזן ווייב און קינדער און אַרומוואַלגערן זיך ערגעץ אין די זאַמדן? זעליג, — זאָג איך — זאָל שוין זיין גענוג! זאָל שוין נעמען צו דעם אַ סוף. כ'קען שוין נישט מער, זעליגל... ס'האַרץ פּלאַצט אין מיר... האָסט מיר נישט געקענט זאָגן, אַז דו האָסט זיך ליב צו שפּילן מיט אַלטע, פאַרזשאַווערטע בלעכלעך? ווייניק אַלטוואַרג קענסטו געפינען דאָ, אונטער דער נאָז? וואָס האָסטו, פרעג איך, פון די אייזנס? אַזאַ טשוואָק קען מען דאָך אַפילו אין וואַנט נישט אַרייַנקלאַפּן... ווו וועל איך זיך אַהינטאָן מיט דעם אַלטוואַרג? אַ קינד קען זיך דאָך, חלילה, צעקאַלעטשען מיט אַזאַ פאַרזשאַווערט שטיק אייזן און באַקומען אַ בלוט־פאַרגיפטונג, נישט דאָ געדאַכט. ווער שוין אַ שטיקל מענטש, זעליג!

— פייגעלע, — זאָגט ער פלוצים — הער מיך אויף צו יאַדען! איינמאָל פאַר אַלעמאָל מוזסטו פאַרשטיין, אַז דאָס איז מיין אַרבעט, מיין ספּעציאַליטעט! איך בין, זאָגט ער, אַ „כעראַלאָג". אָט האָסטו, זאָגט ער, דאָס געלט, מיין געהאַלט, וואָס איך האָב באַקומען. נעם עס, קויף עפּעס פאַר די קינדער, פאַר דיר, פאַר דער שטוב, נאָר הער מיך אויף צו יאַדען טאָג־איין, טאָג־אויס!

— ווער יאַדעט דיך? — הייב איך שוין אָן צו וויינען — ווער האָט צו דיר טענות? נאָר גלייב מיר: איך קען שוין נישט מער... מענטשן לאַכן דאָך אין די פויסטן. „ווו איז אייער מאַן?" — פרעגן זיי — „געפאָרן גראָבן? וואָס זוכט ער?" — פרעגן זיי. „ער איז" — ענטפער איך — „אַ כעראַלאָג"!" קוקן זיי זיך איבער און לאַכן... פאַרוואָס זאָלן זיי האָבן וואָס צו לאַכן? מיט וואָס בין איך דאָס ערגער פון זיי? ווילסט גראָבן? גראָב אינדערהיים! כ'וועל דיר איינשאַפן אַ לאָפּעטע, כ'וועל נעמען אַ דערלויבעניש פון די שכנים און וועסט זיך קענען גראָבן, אין הויף, וויפל דו וועסט נאָר וועלן אַלייך. נאָר שלעפּ זיך נישט אַרום! כ'וויל נישט מ'זאָל פון מיר לאַכן!

ערשט אייערנעכטן קומט אַריין די שכנה, ווי הייסט זי דאָס? יאָ,

באַרבאַראַ... געהערט אַ נאָמען פון אַ יידישער פרוי? באַרבאַראַ!... האַלט זיך פאַר אַ גאַנצער פאַניושע! אַ פוילישע דריפּקע וואָס איז אינדעראמתן אַ גאַרנישט־שבגאַרנישט. שטייט גאַנצע טעג אין שפּיגל; פּודערט זיך, פאַרבט זיך, לויפט יעדן טאָג צום פריזירער מאַכן זיך די האָר, גייט מיט לאַנגע, לאַקירטע נעגל ווי אַן אָדלער, טראָגט קליידער מיט דעקאָלטן ביזן פּופּיק; גאַנצע טעג הערט מען נאָר: „פּראָשע פּאַנאַ" און „דזשענקויע פּאַני"... איז די באַראַבאַראַ, הערט איר, קומט דאָס איינמאָל אַריין צו מיר און פרעגט:

— ווען קומט דאָס אייער מאַן? ער האָט אייך, אפשר, עפּעס־וואָס געשריבן? ווייל פון די צייטונגען, זאָגט זי, קען מען גאָרנישט פאַרשטיין וואָס ער האָט דאָס אייגנטלעך געפונען?

— וואָס אינטערעסירט איר זיך אַזוי מיט מיין מאַן? — גיב איך זי אַ פרעג.

— איך בין, — זאָגט זי — אַ ליבהאָבערין פון כעראָלאָגיע...

דערהערט אַ ליבהאָבערין, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ערשט איצט האָב איך זיך אָנגעהויבן דערמאָנען, ווי זי פלעגט דאָס גאַנץ אָפט אָפּשטעלן מיין מאַן, רעדן מיט אים, שמייכלען, דאַנקען אים כ'וויים נישט פאַרוואָס, און קוקן אים אין די אויגן אַריין.

פריער האָב איך קיינמאָל דערויף קיין אַכט נישט געלייגט, נאָר איצט, אַז איך האָב דערהערט: ליבהאָבערין, האָב איך פּלוצים דערפילט ווי איך עק זיך. חושך איז מיר געוואָרן מיין וועלט. איך דאַרף דאָך אייך, רבי, נישט דערציילן וואָס דאָס הייסט: אַ ליבהאָבערין? אַ פרוי וואָס וויל אָוועקנעמען אַ טאַטן פון קינדער? איך האָב געפילט, ווי דאָס בלוט קאָכט אין מיר, אָט־אָט וועל איך צופאַלן צו איר און אויסדראַפּען די שוואַרץ־אונטערגעשמירטע אויגענעס אירע...

אַ מזל האָט זי געהאָט, וואָס הינטער איר איז געשטאַנען איר מאַן. איר האָט געדאַרפט אָנקוקן אַ מאַן: גרויס ווי אַ גענעץ. אַ שטימעלע האָט ער געהאַט — ווי מען וואָלט געררוקט אַן אַלטע שאַפע, אָדער אַרויפגעטרעטן אויף אַ זויערער אוגערקע...

אַוודאי, — טראַכט איך מיר — אַז מען האָט אַזאַ מאַן, אַ לאַ־יצלח, איז נישט קיין וווּנדער וואָס מען מוז זיך צוזוכן אַ געליבטן... אָבער פאַרוואָס דאַרף איך פּונקט זיין דער קרבן? פאַרוואָס האָט זי זיך דווקא פאַרנומען אויף מיין זעליג? ווייניק צרות האָב איך אָן איר?

— איך ווייס נישט — זאָג איך — ווען ער וועט קומען.

— אויב ער וועט קומען, — זאָגט זי — טאָ גיט אונדז, ביטע, צו וויסן. מיר וואָלטן זייער וועלן זען וואָס ער האָט דאָרט געפונען...

— אַז כ׳וועל געדענקען — זאָג איך — וועל איך נישט פאַרגעסן... האָבן זיי מיך אָנגעקוקט — און אַוועק.

— באַרואיק זיך, — זאָגט מיין מאַן — זי איז גאָרנישט אַזעלכע, ווי דו מיינסט. זי איז אַ לערערין, אינטערעסירט זי זיך מיט כעראָלאָגישע אויסגראָבונגען...

— זי איז אַ לערערין? אַזאַ סגאַל פּרוי קען זיין אַ לערערין? נישט מקנא בין איך די קינדער וואָס לערנען זיך ביי איר! שיינע זאַכן קענען זיי זיך פון איר אויסלערנען...

און אַזוי ווי איך שטיי און רעד, הער איך אַ קלונג. איך עפן די טיר, ערשט נאַדיר: ס׳קאַצל קומט! די פּאַני באַרבאַראַ מיט איר מאַן, דעם פאַרטרוקנטן הערינג.

— שלום, אַדון זעליג! מה שלומך? ווען זענט איר געקומען?

זיי דערזען, איז מיינער געוואָרן גאָר אַן אַנדערער מענטש.

— בבקשה! קומט אַריין! זיצט! אפשר וועט איר עפּעס טרינקען? פייגעלע, זאָגט ער, דערלאַנג עפּעס צום טיש!

און נישט לאַנג געטראַכט, לויפט ער צו צו זיינע טשעמאָדאַנעס, עפנט זיי אויף און הייבט אָן אַרויסצולייגן זיינע פאַרשימלטע אייזנס. דערביי פאַר־מאַכט זיך נישט ביי אים דאָס מויל אויף קיין איין מינוט: „אָט דאָס איז אַ רוימישע פייל פון בר־כוכבאס צייטן; דאָס איז אַלט צוויי טויזנט יאָר, יענץ — דריי טויזנט יאָר, דאָס איז פון דער שטיין־עפּאָכע און יענץ — פון אַן אַנדערער עפּאָכע...

ער רעדט און זי שטייט דאָס מיט אויפגעריסענע אויגן, קוקט אים אין מויל אַריין, ווי אַ צאָן־דאָקטאָר און שטאַמלט:

—וווּנדערבאַר! אַנטציקנד! אינטערעסאַנט!

— אין אַנבליק פון די אַלע אַלטע, היסטאָרישע עקספּאָנאַטן — זאָגט זי — פיל איך זיך אַזוי קליין, אַזוי נישטיק, ווי איך וואָלט געווען אַ קליין קינד, אָדער — נאָך אינגאַנצן נישט געבוירן געוואָרן... גיט זי צו און צעלאַכט זיך פּלוצים.

— הלוואי, — טראַכט איך מיר — הלוואי, טאַטע־פאָטער אין הימל,

וואָלט אַזעלכעס טאָקע גאָרנישט געבוירן געוואָרן. איך וואָלט דאָן געהאַט קאָפּ־מנוחה און נישט געדאַרפט אָנקוקן איר פאַרשייט פּנים.

— נו, פייגעלע — זאָגט מיינער נאָכדעם, ווי ער האָט אַרויסגעלייגט אַלע אייזנס — איצט דערלאַנג עפּעס צום טיש!...

ביי די ווערטער גיט זיך די גאַנצע כאַליאַסטרע אַ צעזעץ ביים טיש און וואַרט, אַז איך, די דינסט, זאָל זיי עפּעס דערלאַנגען...

— מיינע צרות קען איך אייך דערלאַנגען! — האָב איך שוין נישט געקענט מער הערשן איבער זיך — וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיין מאַן? וואָס קומט איר דאָ אַריין כסדר? וואָס זוכט איר דאָ? חצופה, וואָס איר זענט! ס'איז אייך ווייניק אייער אייגענער שמענדריק? אייער אייגענער לעקיש? איך ווייס דען נישט, אַז איר מיינט נישט די פאַרזשאַווערטע טשוועקעס, נאָר מיין מאַן, מיין זעליג?!

— אייער פרוי — שטעלט זי זיך אויף — איז אומפאַרשעמט!

דערהערט: „אומפאַרשעמט", האָב איך שוין מער נישט געקענט הערשן איבער זיך:

— ווער איז אומפאַרשעמט? — האָב איך געכאַפּט אַ פאַרשימלטע קרוג — איך בין גאָר אומפאַרשעמט? איך? — און טראַסק מיט דער קרוג גלייך אין איר.

— וואָס האָסטו געטאָן?! — איז מיינער אויפגעשפּרונגען — ווי פאַלסטו אויס אַזוי צו האַנדלען קעגן אונדזערע געסט?

— אַרויס פון מיין שטוב! — האָב איך אָן עפן געטאָן די טיר — אַרויס! פאַשאָל וואָן!!!

— פייגע! — האָט מיינער אויסגעשריגן — איך האָב עס שוין גענוג! מער קאָן איך שוין נישט! עס גייט שוין אַריבער אַלע גרענעצן!

— דו קאָנסט נישט? ווער צווינגט דיך דען? גיי צו דיין באַרבאַראַ, צו דער חצופה גיי! און פאַרגעס נישט מיטנעמען אַלע דיינע שמאַטעס, דיין גאַנץ אַלטוואַרק! אָט־אַ דאָס, — האָב איך געכאַפּט אַן אַלטן טעלער זיינעם און טראַך דורכן פענצטער — און דיינע קרוגן, און די שטיינער, מיט דעם גאַנצן פאַרשימלטן האַקל־פּאַקל דיינעם!...

— און איך האָב אָנגעהויבן — פאַרשטייט איר מיך, רבי — אַרויס־שליידערן דורכן פענצטער זיין גאַנצע כעראַלאָגיע, זיינע טויזנטער יאָרן, מיט דעם גאַנצן בר־כוכבא זיינעם, מיט אַלע זיינע קרוגן און בלעכן און אַלץ, וואָס איז מיר נאָר געקומען אונטער דער האַנט.

— פייגע! — שרייט ער — פייגע, הער אויף! דו ביסט קראַנק! דו ביסט משוגע!

— ווער איז קראַנק?! איך בין קראַנק? איך בין גאָר משוגע?! דו, דו ביסט קראַנק! דו ביסט משוגע און מטורף! דו דאַרפסט זיך גיין היילן! דו דאַרפסט אַ פסיכאָפּאַט! אַ פסיכאָפּאַט דאַרפסטו! איך האָב דיר שוין לאַנג וועגן דעם געזאָגט...

ער האָט מיר מער נישט געענטפערט. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר, אַרויס אויף דער גאַס און אָנגעהויבן קלייבן זיין פאַרזשאַווערט אַלטוואַרק...

איך האָב פאַרשלאָסן די טיר, פאַרמאַכט די פענצטער, אַוועקגעלייגט זיך אויפן טאַפּטשאַן און אָנגעהויבן ביטער וויינען...

✶

נו, איצט פאַרשטייט איר שוין אין וואָס דאָ האַנדלט זיך? איצט פאַרשטייט איר שוין, רבי, צו וואָס אַ מענטש קען דערפירן? אַ סטודענט האָט ער געוואָלט זיין און איך, די בהמה, האָב אים נאָך אין דעם געהאָלפן... ווען ער אָבער וואָלט געווען אַ פשוטער אַרבעטער: אַ סטאָליער, אַ שניידער, אַ שוסטער — וואָלט איך דאָך געווען גליקלעך. אין זיבעטן הימל וואָלט איך דאָך געווען... האָט זיך אים אָבער פאַרוואָלט ווערן אַ כעראָלאָג, אַ דר׳ערד־ליגער, אַ קברים־שענדער...

אָבער איצטער גענוג! איך וויל אים מער נישט אָנקוקן! זיין פּרצוף וויל איך מער נישט זען! זאָל ער גיין צו זיין באַרבאַראַן. זאָל ער, צוזאַמען מיט איר, זוכן נעבכטיקע טעג. זאָלן זיי צוזאַמען רייסן קברים... איך קען מיר אַליין אַן עצה געבן. ווי לאַנג מענטשן וועלן צערייסן זייערע מלבושים, וועל איך פון הונגער נישט שטאַרבן... איך בין נאָך דערווייל נישט אַזוי אַלט, כ׳האָב נאָך נישט קיין דריי טויזנט יאָר, קיין צוויי טויזנט יאָר! כ׳בין נאָך אַפילו קיין הונדערט יאָר נישט אַלט!... מיינס וועל איך מיר אָפּגעפינען. זאָל ער זיין וואָס ער וויל, אַבי אַ מענטש זאָל ער זיין! אַבי נישט קיין כעראָלאָג! נאָר נישט קיין קברים־שענדער!

דערפאַר, רבי, בין איך געקומען צו אייך. איך וויל — איר זאָלט מיר געבן אַ שנעלן גט. אָבער שוין, רבי, ווייל כ׳וויס נישט וואָס מאָרגן וועט זיין. די צייט שטייט נישט און איך ווער נישט יונגער. איז וואָס זאָגט איר,

רבי? איר קענט עס מיר דערליידיקן? איך וויל, איר זאָלט עס מאַכן שנעל, ווי אַמשנעלסטן, בכדי איך זאָל אַמאָל נישט קיין חרטה האָבן... דערווייל, רבי, איז פאַר מיר יעדער טאָג אַן אייביקייט, אַ יאָר, ווייל דאָס, וואָס איך האָב איך דערציילט, איז נאָר אַ צענט־חלק פון דעם, וואָס איך האָב באמת געליטן. איך וואָלט אייך דאָ געקענט אָנדערציילן אַזויפיל, אַז מען וואָלט געקענט אָנשרייבן אַ בוך אַ גאַנץ בוך... איינמאָל, הערט איר, קומט ער אַהיים און... וואָס איז אייך רבי? וואָס זענט איר פלוצים אַזוי בלאַס געוואָרן? רבי, עפנט אויף די אויגן! געוואַלט! יידן ראַטעוועט דעם רבין! ראַטעוועט! וואַסער! וו—אַ—ס—ע—ר!!!

די נאַרגילע

איך בין אַ מענטש מיט פּרינציפּן בין איך. ביי מיר איז אַ וואָרט — אַ וואָרט! מיין וואָרט וועל איך נישט ברעכן, ווען ס׳זאָל אַפילו דונערן און בליצן. די גאַנצע וועלט מעג זיך איבערקערן מיט די פיס אַרויף און מיטן קאָפּ אַראָפּ, וועל איך פון מיינע פּרינציפּן נישט אָפּטרעטן און מיין וואָרט נישט איבערמאַכן. אָט אַזאַ סגאָל מענטש בין איך שוין.

אין לאַנד בין איך נישט לאַנג, נאָר איין זאַך האָב איך זיך שוין באַוויזן אויסצולערנען: אַז מען דאַרף תמיד וויסן וווּ, ווען, ווי אַזוי און מיט וועמען...

אַז איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען אין דער „לשכת־עבודה״, אין דעם אַרבעטס־אַמט הייסט עס, פרעגט מיך דער באַאַמטער:

— אַ פאַך האָט איר?

זאָג איך אים: — ניין. פון וואַנען קומט צו מיר אַ פאַך? נאָך זייענדיק אַ קינד האָב איך זיך געגעבן דאָס וואָרט נישט צו זיין קיין בעל־מלאכה און נישט אַרבעטן ביי „יענעם״.

— טאָ צו וואָס זענט איר צו מיר געקומען? — פרעגט ער ווייטער.

— ווייל מען האָט מיר געזאָגט, אַז אָן דער „לשכה״ קען מען קיין שום פּאָסטן נישט באַקומען.

— וואָס האָט איר געטאָן אין חוץ־לאָרץ? — פאָרשט ער ווייטער.

— גאָרנישט — זאָג איך — וואָס האָב איך געהאַט צו טאָן? כ׳האָב זיך געדרייט.

שטעלט ער אָן אויף מיר זיינע באַברילטע אויגן און זאָגט אַז דאָ, ביי אונדז, איז דאָס נישט קיין פאַך. ערשטנס — זאָגט ער — איז דאָ נישטאָ וואָס צו דרייען; צווייטנס — איז נישטאָ מיט וועמען צו דרייען, ווייל דאָ זענען אַלע יידן און יידן — זאָגט ער — לאָזן זיך נישט פאַר־דרייען. אויב שוין יאָ דרייען — גיט ער צו — קענען זיי דאָס נישט ערגער פון אייך און בכלל, ציט ער ווייטער, האָט איר שלעכט געטראָפן, ווייל דאָ איז נישט קיין „דריי־אַמט״, נאָר אַן אַרבעטס־אַמט, וואָס דאַרף האָבן מענטשן פּראָדוקטיווע און נישט קיין „דרייערס״.

— וואָסער פּראָדוקטיווע אַרבעט לייגט איר מיר פֿאָר? — פֿרעג איך. פֿאַרלויפֿיק — זאָגט ער — קענט איר באַקומען באַשעפֿטיקונג ביים קטיף.

— אַלס וואָס?

— אַלס פּאָמעראַנצן־רייסער.

זאָג איך:

— אין פּרדס גיי איך נישט!

— פֿאַרוואָס?

— אויס פּרינציפּ!

— דאָס הייסט — דערקלער איך אים — אַז ערשטנס, האָב איך פֿיינט פּאָמעראַנצן. אין חוץ־לארץ האָט אַ ייִד געגעסן פּאָמעראַנצן, ווען ער איז געווען שטערבלעך קראַנק. קומענדיק אין לאַנד אַריין, האָב איך זיך צוגעכאַפּט צו זיי — און טאַקע געוואָרן קראַנק... כ׳האָב געמיינט, אַז איך בלייב אָן אַ מאָגן; צווייטנס — האָב איך קיינמאָל נישט געריסן קיין פּאָמעראַנצן און דאָך געבליבן לעבן, וועל איך אויך ווייטער נישט רייסן... דריטנס — מוז מען ביי אַזאַ אַרבעט שטיין אויף אַ לייטער און איך האָב פֿיינט צו הענגען צווישן הימל און ערד, איך באַקום באַלד די ים־־קרענק. פֿערטנס — האָב איך געהערט אַז מען פֿאַרדינט דערביי אַ קדחת און האָרעוועו דאַרף מען — ווי אַן אייזל און דאָס האָב איך אַוודאי און אַוודאי פֿיינט... פֿינפֿטנס — האָב איך אַ פּרינציפּ, פֿון וועלכן איך טרעט קיינמאָל נישט אָפּ: איך האָב פֿיינט צו אַרבעטן אין הייסע טעג און נאָך דערצו — ביי יענעם. איך בין — פֿאַרשטייט איר מיך — אַלערגיש צו אַרבעט!...

אָפּגעזונגען דעם גאַנצן מאָנאָלאָג, האָב איך ערשט באַמערקט, אַז דאָס פֿענצטערל איז פֿאַרמאַכט און איך האָב גערעדט צו דער וואַנט. דאָס פּקידל — פֿאַרשטייט איר מיך — איז אַוועקגעגאַנגען עסן מיטאָג און אַרויסגעהאָנגען אַ שילדל: „סגור״, געשלאָסן הייסט עס און שלאָג דיר קאָפּ אין וואַנט!...

— אָט אַזוי באַציט מען זיך ביי אונדז צו אַרבעטער! איך רעד זיך די גאַל אַרויס און ער פֿאַרמאַכט מיר דאָס פֿענצטערל פֿאַר דער נאָז... דאָס זענען, משטיינסגעזאָגט, אונדזערע באַאַמטע. דאָס פֿירט אַ מדינה און פֿאַר זיי, פֿאַרשטייט איר מיך, דאַרף איך עס גיין רייסן פּאָמעראַנצן...

מילא, פֿאַרמאַכט איז פֿאַרמאַכט. קיין גרעסערע צרות זאָל איך נישט

האָבן. נאָר איך האָב זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז מער וועט מיין פוס נישט אַריינטרעטן אין דעם אָמט!

איך האָב אויסגעקירעוועט מיינע טרעטערס און אַוועק צו דער אַלענבי־גאַס, גלייך צו דער ראָטשילד־אַליי, אויף אַ זיצונג פון „גרינעם פּאַרלאַמענט".

דאָרט, זעט איר, פיל איך זיך ווי אינדערהיים. אַלץ אייגענע מענטשן. דאָ איילט מען זיך נישט. דאָ וועט איך קיינער נישט פּאַרקלאַפּן דאָס פּענצטערל און שיקן רייסן פּאַמעראַנצן. דאָ רעדט מען פּאָליטיק, מען דרייט די וועלט־פינאַנסן, מען צעלייגט אַטאָם־באָמבעס און מען שיקט מענטשן צו דער לבנה. מען הערט אַמאָל אַ פיינעם, געפּעפּערטן וויץ, אַ געזאַלצן מעשהלע — אָט דאָס הייסט געלעבט!

דאָ זענען אַלע גלייך. נישטאָ קיין גבירים, נישטאָ קיין קבצנים. עס הערשט נישט קיין קינאָה און שינאָה. דאָ האָט איר נישט וועמען מקנא צו זיין און וועמען פיינט צו האָבן. קיינער בעט ביי איך גאָרנישט, העכסטנס — אַ סיגאַרעטל און קיינער האָט סיי־ווי־סיי נישט וואָס צו געבן...

דערפאַר טאַקע, אַז איך האָב נאָר אַ ביסל צייט, גיי איך שטענדיק צו מיין חברה אין דער ראָטשילד־אַלייע.

איינמאָל, הערט איר, האָב איך דאָרטן באַגעגנט אַ חברהמאַן — פשוט אַ כוואַט! געוווּסט האָט ער פון אַלעם, געקענט אַלע גדולים; נישטאָ קיין שטעגעלע אין לאַנד, אויף וועלכן ער זאָל נישט האָבן געטראָטן. געהאַט האָט ער שפּיציקע וואָנצעלעך; באַקנבערד — ווי רודאָלף וואַלענטינאָ; אַ קאָפּ געקרייזלטע, שוואַרצע האָר און צווייי קליינע, ממזרישע אייגעלעך וואָס פלעגן קיין איין מינוט נישט רוען.

פון דער ערשטער מינוט אָן איז ער מיר געפעלן געוואָרן. כ'האָב ליב געהאַט צו הערן זיינע אויסטערלישע מעשיות, כ'האָב ליב געהאַט צו זען מיט וואָסער ברען ער האָט דאָס דיסקוטירט וועגן וועלטלעכע ענינים.

ווייזט אויס, אַז אַ וואָלף — דערפילט תמיד אַ צווייטן וואָלף אין וואַלד, ווייל איינמאָל איז ער צו מיר צוגעקומען, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל און אַ פרעג געטאָן:

— רייכערסט?

— יאָ — האָב איך געענטפערט.

— טאָ גיב אַ ציגאַרעטל...

איך האָב גענומען זוכן אין די קעשענעס פון מיין גאַנץ פיינעם אַנצוג וועלכן איך האָב געבראַכט פון „דאָרטן", כאָטש געוווסט האָב איך, אַז איך וועל גאָרנישט געפינען...

— סליחה, — האָב איך אים אַ זאָג געטאָן וועלנדיק האַלטן „פאַסאָן" — איך האָב וויזט אויס געלאָזן דאָס פעקל אינדערהיים...

— נישקשה — זאָגט ער — ס'טרעפט אַמאָל ביי מיר אויך דאָס זעלבע. איר זענט אַ נייער?

— יאָ — זאָג איך — נישט לאַנג געקומען.

— פון וואַנען?

— פון פוילן.

— אָ, — זאָגט ער — פון פוילן? אַ גאַנץ פיין לענדל געווען, האַ?

— נישקשה, — זאָג איך — נישט צום פאַרזינדיקן. הלוואי אונדז געזאָגט...

— נו, — פרעגט ער ווייטער — און אונדזער לאַנד, האָט איר שוין געזען?

— ניין, — בין איך זיך מודה — נישט געהאַט נאָך קיין גע־לעגנהייט...

— אין יפו זענט איר שוין געווען?

— אין יפו? ניין, צופעליק נאָך נישט געווען...

— איז קומט, — זאָגט ער — לאָמיר זיך איבערפאָרן. איך וועל אייך וויזן די שטאָט. ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך דאָרט אַן אייגענער. קען יעדעס שטיקל ערד, יעדער שטעגעלע, יעדער געסעלע. איר וועט זען אַ שטאָט: אַן אַלטע שטאָט יפו — אַ שיינע.

— מ'קען — זאָג איך — פאָרן, כ'האָב פונקט אַ ביסל צייט.

מיר זענען צו צום 46־קער אויטאָבוס.

— אַנטשולדיקט, — גיט ער זיך פּלוצים אַ כאַפּ ביי דער קעשענע — כ'האָב וויזט אויס איבערגעלאָזט דאָס בייטעלע אין שטוב.

— ס'מאַכט נישט אויס, — זאָג איך — איך וועל באַצאָלן.

מיר זענען אַריין אין אויטאָבוס, איך האָב אַרויסגענומען דעם איינציקן האַלבן פונט און מעשה גביר באַצאָלט פאַר צוויי בילעטן.

באַקומען אַ רעשט, האָב איך זיך צוגעזעצט צו מיין באַקאַנטן.

— איר זעט, — ווייזט ער מיר דורך דער שויב — דאָס איז די אילת־גאַס. אין צייט פון דער באַפרייונגס־מלחמה, אַז מען האָט געוואָלט

אַריבערגיין פון איין זייט אויף דער צווייטער, האָט מען ממש איינגעשטעלט דאָס לעבן. די גאַנצע גאַס איז געווען אונטערן אַראַבישן פייער. עס האָט דאָ פּשוט געדעגנט מיט קוילן. קוקט אויף די הייזער: נאָך היינט זענען פאַראַן סימנים פון קוילן און שראַפּנעלן. איר זעט דאָס הויז? „בית־ראַמאַנאָ" הייסט עס. אַז מען קויפט ערגעץ אַן אייגענע דירה, אַ פּלאַץ, צי אַ הויז, שרייבט מען עס דאָ איבער אין „טאַבו". נישקשה פון אַ הויז, האַ? אַמאָל זענען דאָ געווען די ענגלענדער. איצטער איז אַלץ אין יידישע הענט. געווען יענע ממזרים, די ענגלענדער: אַז די אַראַבער פלעגן שיסן, האָבן זיי זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק. טאָמער אָבער האָבן זיי געפּאַקט אונדזערס אַ בחור מיט געווער, האָבן זיי אים אַנטוואָפנט און נאָך איינגעזעצט אין „חד־גדיא"... אָט האָט איר טאַקע די יפוער טורמע. דאָס איז דער באַרימטער טורעם מיטן זייגער. פון דאַנען, האָבן די אַראַבער געשאָסן אויף אונדזער תל־אביב. און דאָרט איז דער „שוק־הפשפשים" דער „פליי־מאַרק" הייסט עס אויף מאַמע־לשון. דאָ אַהער קומען אַן אַלע אַלטע זאַכן וואָס די ישראל־באַלעבאָסטעס פאַרקויפן. פאַר עטלעכע פּיאַסטער קענט איר דאָ קויפן אַן אַנטיק, וואָס געדענקט נאָך אונדזער עלטער־באָבע רחל. דאָ האָט איר אַלטע שיך און אַראַבישע פינדזשאַנען אויף קאָכן טערקישע קאַווע, בוכאַרער געוואַנטן און טערקישע טורבאַנען. אַלץ האָט איר דאָ און פליי — באַקומט איר אַלס צוגאָב, אַן אַ גראָשן געלט, אומזיסט, אינשאַללאַ!

פלוצים האָט ער זיך אַ שטעל אויף געגעבן און אַ צי געטאָן פאַרן לעדער. דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיר זענען אַראָפּ.

געווען איז עס אַ שמאָל געסעלע, ווי אַ סך אַזעלכע געסעלעך אין יפו. באָרוועסע, שמוציקע אַראַבישע קינדערלעך האָבן זיך אַרומגעיאָגט אינדרויסן, געשריגן, געליאַרעמט, געשפּילט אין „קלאָס" און אין „דזשור־לעס". אַ טיפּיש יפוער געסל...

— אַ נאַרגילע, — פרעגט ער מיך פלוצים — האָסטו שוין גע־רייכערט?

— ניין, — זאָג איך — וואָס איז דאָס אַזוינס?

— דאָס איז אַזאַ אָריענטאַלישע רייכער־מאַשין. אויבן ברענט אַ פייער און אונטן גייט אַ וואַסער. דעם רויך ציסטו דורך אַ קישקע. אַ פיינע זאַך, די נאַרגילע. אַראַבער און אונדזערע מזרח־יידן, רייכערן נאָר נאַרגילעס. דאָס איז, זאָגן זיי, געזונטער פון פּראָסטע סיגאַרעטלעך. אַז

מען פאַרציט זיך, גייט דער רויך אַדורך דאָס וואַסער וואָס בולבעט זיך דערביי און דיסטילירט זיך.

— וואָס האָט מען דערפון? — פרעג איך.

— מען פילט דערביי טעם־גן־עדן...

— ווו פילט מען דאָס?

— אָט־דאָ. קום אַריין!

מיר זענען אַריין אין אַ קליינער, אַראַבישער שענק. הינטערן בופעט איז געשטאַנען אַ דיקער, באַוואַנצעטער אַראַבער אין אַ שירץ, וואָס איז אַמאָל, פאַר דער באַפרייונגס־מלחמה, געווען ווייס...

מיר זענען אַדורך דעם בופעט. מיין באַקאַנטער האָט געעפנט אַ שמאָל טירל און מיר האָבן זיך פּלוצים געפונען אין אַ קליין, טונקל צימערל. עטלעכע פאַרשוויגען זענען געזעסן אויף דער ערד, פאַרלייגט די פיס „אויף טערקיש" און געצויגן דעם רויך פון לאַנגע, קאָלירטע קישקעס. אַנדערע זענען געלעגן אומבאַוועגלעך און גאַנץ געשמאַק געכראַפּעט.

פאַרוואָס ליגן זיי? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

— זיי חלומען.

— פון וואָס?

— פון וואָס איינער וויל.

— מען חלומט דאָ אויף באַשטעלונג?

— ווייזט אויס, — לאַכט ער — זיי האָבן שוין אָפּגערייכערט. איצט זענען זיי אין גן־עדן...

— אין גן־עדן ליגט מען?

— וואָס דען איז דאָרט דאָ צו טאָן? מען ליגט און געבראָטענע טייבעלעך — פליען גלייך אין מויל אַריין... נו, ווילסט פּרובירן?

— מ'קען פּרובירן. מיין פּרינציפּ איז, אַז אַ מענטש דאַרף אַלץ אויס־פּרובירן. איבערהויפּט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן טעם־גן־עדן. מ'דאַרף זיך באַצייטנס צוגעווינען, מ'זאָל שפּעטער דאָרט נישט זיין קיין גרינער...

העי, סאַלעם! — גיט מיין באַקאַנטער אַ געשריי — דערלאַנג אַ נאַרגילע „ספּיישל".

— וואָס הייסט עס: „ספּיישל"? — פרעג איך.

— דאָס איז אַ נאַרגילע מיט נאָך עפּעס... — זאָגט ער און גיט דערביי אַ ווונק מיט אַן אויג — אַז מען זאָל געשמאַקער חלומען...

דאָס באַוואָנצעטע פּנים האָט געבראַכט אַ פּיין־פאַרשניצטע נאַרגילע און זי אַוועקגעשטעלט נעבן מיר.

— האָסטו אַריינגעטאָן? — גיט מיין באַקאַנטער אַ געהיימניספולן ווונק צו סאַלעמען.

— ס'איז בסדר... — האָט יענער צוריקגעוווּנקען.

דעם אמת געזאָגט, האָט מיר אַפילו נישט גאָר שטאַרק געפאַלן דאָס געהיימניספולע איבערוווּנקען זיך און די האַלבע ווערטער, וועלכע זיי האָבן צווישן זיך אויסגעטוישט, נאָר אַ מכּה האָבן זיי געוווּסט וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין האַרצן. איך בין נישט קיין פּחדן און מיין פּרינציפּ איז: קוקן, הערן און מאַכן זיך נישטוויסנדיק...

— וואָס האָט ער דאָ אַריינגעלייגט? — גיב איך אַ פרעג אַגב־אורחא.

— גאָרנישט, — זאָגט מיין באַקאַנטער — אַביסעלע חאַשיש...

— וואָס איז דאָס?

— אַ צוגאָב פאַר בעסערע קליענטן... נו, נעם די קישקע אין מויל אַריין און „ציִ"...

איך האָב אָנגעהויבן „ציִען".

— נו, פּילסט עפּעס? — פרעגט מיין באַקאַנטער.

— יאָ.

— וואָס פּילסטו?

— רויך...

— „ציִ" שטאַרקער.

— איך האָב „געצויגן" שטאַרקער.

— נו, איצט פּילסטו?

— ערשט איצט פּיל איך.

— וואָס פּילסטו?

— עס דראַפּעט אין האַלדז...

— ס'מאַכט נישט אויס: באַלד וועט אויפהערן דראַפּען. באַלד וועסטו אָנהייבן חלומען. צי אַריין טיפער...

איך האָב זיך פאַרצויגן אַזוי טיף, אַז דער רויך איז מיר דערגאַנגען ביזן פּופּיק.

— נו, — פרעגט ער — שלאָפסט איין?

— ניין, — זאָג איך.

— „צי" ווייטער.

איך האָב געצויגן מיט אַלע כוחות.

— נו, שלאָפסט?

— יאָ, — זאָג איך און פאַרמאַך די אויגן.

— ביסט זיכער?

— הונדערט און איינס פּראָצענט...

— און וואָס פּילסטו איצט?

— אַז דו ציסט מיר אַרויס דאָס בייטעלע...

— ווער ציט?

— דו ציסט...

— איך צי?

— ניין, דו האָסט עס שוין אַרויסגעצויגן...

— ווער, איך?

— ניין, מיין זיידע... גיב צוריק דאָס בייטעלע!

— וואָסער בייטעלע?...

— מיין בייטעלע.

— דו האָסט אַמאָל געהאַט אַ בייטעלע?

— כ'מיין אַזוי...

— נו, גיי שוין, גיי — עס חלומט זיך דיר.

— ניין, — זאָג איך — עס חלומט זיך מיר נישט. איך האָב נישט קיין נאַטור פון חלומען... איך בין פּרינציפּיעל קעגן חלומען... גיב צוריק דאָס בייטעלע!

— כ'האָב נישט קיין בייטעלעך! — גיט ער זיך אַ שטעל אויף.

— דו האָסט! — שפּרינג איך אויף — דו האָסט! — און מיט איין באַוועגונג מאַך איך אים אַ שוואַרצן נעקראָלאָג אויפן לינקן אויג...

— ראַטעוועט! — צעשרייט ער זיך — ראַטעוועט!

— גיב אָפּ דאָס בייטעלע! — זאָג איך, דערביי לאָז איך אים אַריין אַ רעכטן „בויגן" און רוק אים איבער די נאָז דריי צענטימעטער אויף לינקס...

— געוואַלט! — רעוועט ער — געוואַלט!!! ראַטעוועט!!!

— הער אויף צו געוואַלדעווען, — בעט איך אים איידל און פאַרפאַר אים גלייך אונטערן „לעפּעלע" — גיב אָפּ דאָס בייטעלע!...

— בחיי, — שרייט ער — בחיי ווי איך האָב עס נישט גענומען!

— הער אויף צו שווערן, — זאָג איך — כ'האָב פּרינציפּיעל פּיינט צו הערן פאַלשע שבועות... גיב אָפּ דאָס בייטעלע, ווייל כ'קען נאָך ווערן בייז...

— כ'האָב נישט קיין בייטעלע! — שרייט ער — כ'ווייס נישט פון קיין בייטעלע!

— דו ווייסט יאָ! — סאַפּע איך אַרויס און שייל אים אָפּ די לינקע באַק.

— געוואַלט! — שרייט ער — פּאָליציי!!!

דערהערנדיק: „פּאָליציי", האָבן זיך די ליגנדיקע אויפגעזעצט און די זיצנדיקע — אויפגעשטעלט. דער באַוואָנצעטער אַראַבער איז אַריין אַ דערשראָקענער, אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן און אַ פרעג געטאָן:

— ווער רופט עס דאָ פּאָליציי? וואָס איז געשען?

— ער איז מיך באַפאַלן, — וויינט מיין באַקאַנטער — אומזיסט און אומנישט באַפאַלן... אַזוי צאַלט ער מיר אָפּ פאַר מיין גוט האַרץ...

— וואָס ווילסטו פון אים? — גיט ער מיך אַ פרעג.

— מיין בייטעלע.

— אייער בייטעלע?

— יאָ, מיין בייטעלע!

— איז צוליב דעם מאַכט מען אַזאַ „קאַלאַמבוש"? דו ווילסט אַז צוליב אַ בייטעלע זאָל מען פאַרמאַכן מיין געשעפט? קומט אַדורך צווישן זיך. צו וואָס באַלד אַריינמישן די פּאָליציי?

— איך האָב נישט וואָס אַדורכצוקומען! איך בין נישט קיין סוחר — זאָג איך — איך וויל שוין זען צוריק מיין בייטעלע!

די שלאָפנדיקע האָבן זיך דערווייל אײנגאַנצן אויסגעניכטערט. פון גן־עדן זענען זיי אַראָפּגעפאַלן גלייך אויף דער זינדיקער ערד און פּלוצים דערזען אַ טונקל, פאַררויכערט צימערל אין וועלכן דער מלאך־המוות איז געשטאַנען און געמאַכט אַ ברכה איבער זיין קרבן...

— גיב צוריק דאָס בייטעלע! — שטיי איך נישט אָפּ — אויב נישט, מאַך איך דיך פאַר אַ הונדערט־פּראָצענטיקן מלחמה־אינוואַליד און וועסט דיין גאַנץ לעבן מוזן נעמען רענטע פון דער רעגירונג...

— איך האָב נישט...

— דו האָסט יאָ...

— גיב אים אָפּ דאָס בייטעלע, — מישט זיך אַריין דער באַלעבאָס — זעסט דאָך שוין מיט וועמען דו האָסט צו טאָן...

— אָבער...

— אָן „אָבער!" — גיב איך אַ געשריי און שטעל אויס די האַנט, רופנדיק דאָס בייטעלע מיט די פינגער...

— וויפל געלט האָסטו דאָס געהאַט? — גיט דער באַלעבאָס אַ פרעג.

— 25 פּיאַסטער.

— 25 פּיאַסטער?! — שרייט אויס אַ כאָר פון שטימען, אין דעם אויגנבליק גיט מיין באַקאַנטער אַ צי אַרויס דאָס בייטעלע פון אונטערן העמד, גיט עס שנעל אַן עפן און לאָזט אַרויס אַ טיפן זיפץ:

— אמת: 25 פּיאַסטער... מער נישטאָ...

— אויף אַהיימצופאָרן — זאָג איך, אַרויסנעמענדיק דאָס בייטעלע פון זיינע הענט — וועט דאָס זיין גענוג... ס'וועט נאָך פאַרבלייבן אויף אַ גלעזל סאָדע־וואַסער...

— צוליב 25 פּיאַסטער — רעוועט מיין באַקאַנטער — האָסטו מיך אַזוי צורעכטגעמאַכט?

— דאָ גייט נישט אינעם סכום, — גיב איך אים רואיק צו פאַר־שטיין — דאָ האַנדלט זיך אין אַ פּרינציפּ: האָסט מיך פאַרבעטן אויף אַ שפּאַציר? מכבד געווען מיט אַ נאַרגליע? טאָ ווי קומסטו, זשוליק איינער, צו באַגזלען דיינס אַ גאַסט? אָט אַזוי טוט אַן אָרנטלעכער מענטש? אַן אייגענער? פוי, — האָב איך זיך אַזש אָפּגעטרייסלט — נישט שיין!

און כ'בין מיר רואיק אַרויס אין גאַס.

צומאָרגנס בין איך אַוועק אויף אַן אויסעראָרדנטלעכער „זיצונג" פון „גרינעם פּאַרלאַמענט"... מיין באַקאַנטער האָט דאָסמאָל געפעלט. אויך אויף די ווייטערדיקע „זיצונגען" איז ער נישט געווען. ווייזט אויס — האָב איך מיר געטראַכט — אַז ער פילט זיך נישט מיט אַלעמען...

און אפשר איז ער יאָ געווען נאָר כ'האָב אים פשוט נישט דערקענט? אַלץ מעגלעך! וואָס איז זיך דאָ צו וווּנדערן: נאָך אַזאַ געלונגענער „פּלאַס־טישער אָפּעראַציע" וואָלט אים זיין אייגענע מאַמע — אויך נישט דערקענט..

סאַניטשקע

אלימלכן און זיין ווייב חנה קענט איר? איר מוזט זיי אַוודאי קענען! ווער קען זיי דען נישט? מסתמא ווייסט איר נאָר נישט וועמען איך מיין, ווייל היינט הייסן זיי: אַלעקס און העניאַ. איצט ווייסט איר שוין, האַ?

ווייל איך אייך טאַקע דערציילן נישט וועגן זיי, נאָר וועגן דעם ליכטיקן שטערן זייערן, זייער מלאך פון הימל, זייער ווונדערשיין, זעקס־יאָריק טעכטערל סאַניטשקע.

דאָס איז אַ קינד — אַ ברילִיאַנט! אַזוי זאָגן טאַטע־מאַמע — „נישט, חלילה, ווייל דאָס איז אונדזער קינד, נאָר ווער עס זעט זי — זאָגט דאָס זעלבע. ווער עס קוקט זי אָן — שטוינט ממש“.

אַ קעפּעלע האָט דאָס אַ פּייערדיקס. פּעאיק איז דאָס — ווי שירליי טעמפּל. זי דעקלאַמירט און טאַנצט און זינגט און שפּרינגט — און וואָס נישט? אַלעס!

און אַז זיי זאָגן: אַלעס, מעגט איר זיי גלייבן אויפן וואָרט, ווייל אויב איר קענט זיי נישט — קען איך זיי...

ער — אַ ייד אין די יאָרן, וועון די גרויע האָר הייבן שוין אָן אַרויס־צופּאַלן און דער פּליך וואַקסט — ווי אויף הייוון.

זי — אַ פרוי וועמענס גרויע האָר זענען שוין צוריק שוואַרץ, בלאָנד, רויט — אַלץ אויף באַשטעלונג. היינט שטעלט אייך פאָר דאָס גרויסע גליק, ווען זייענדיק אין באַלזאַקישן עלטער, האָט זיי פּלוצים דער רבונו־של־עולם באַשאָנקען מיט אַזאַ צאַצקעלע.

מיט זעקס יאָר צוריק איז דאָס געשען און דער טאָג וועט מיר אייביק בלייבן איינגעקריצט אין זכרון. מען האָט דאַן געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג און נאָך אַ נאַכט און נאָך אַ טאָג און ווער ווייסט ווען דאָס וואָלט זיך געענדיקט, ווען עמעצער דערמאָנט זיך נישט פּלוצים אַז מען דאַרף גיין צו דער אַרבעט...

נאָר ס'איז געווען כדאי: אַזאַ בת־מלכה ווערט נישט געבוירן יעדן טאָג. וואָס האָט דאָס טאַטע־מאַמע אַלץ נישט געטאָן פאַר זייער ליוב־

קעלע: די שענסטע שפּילצייג, די טייערסטע מלבושימלעך, דאָס פעטסטע עסן... אַלץ פאַר איר! אַלץ פאַר דעם בריליאַנט!

ביינאַכט איז מען נישט אָפּגעטרעטן פון איר בעטעלע, ס׳זאָל, חלילה, קיין שלעכטער חלום נישט שטערן איר זיסן שלאָף. מען האָט געהאַלטן אַן אייגענעם שטוב-דאָקטאָר ער זאָל זי אָפּהיטן פון יעדער פאַרקילונג, פון יעדער, נישט-דאָ-געדאַכט, קראַנקייט. מ׳איז איר נאָכגעלאָפן מיט אַ באַנאַנעלע, מיט אַ מאַנדאַרינקעלע. געקוקט איר אין די אייגעלעך אַריין, געשפּיגלט זיך אין זיי און אָפּגעשפּראָכן אַן עין-הרע. געגאַנגען שפּאַצירן, אַז מענטשן זאָלן זי באַוווּנדערן. גאַנצע טעג האָט איר נאָר געקענט הערן: סאָניטשקע, סאָניטשקע און סאָניטשקע!

אַז סאָניטשקע איז אַלט געוואָרן צוויי יאָר, האָט איר דער טאַטע געקויפט אַ פּאָר שפּאָגל נייע באַלעט-שיך, „ווייל סאָניטשקע האָט אַרויס-געוויזן גרויסע טאַנץ-פעאיקייטן". און אַז סאָניטשקע איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, האָט איר דער טאַטע אַהיימגעבראַכט די גאַנצע „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ" אין וועלכער עס זענען פאַרהאַן אַ מאַסע אינטערעסאַנטע בילדער. זי האָט אַ פּרעכטיקע בינד, מיט רויט-גרינע הילעס און גאָלדענע אויפשריפטן... און אַז סאָניטשקע האָט זיך איינמאָל באַקלאָגט, אַז די ביכער זענען פאַר איר צו שווער און זי קען זיי נישט שלעפּן, האָט טאַטע-מאַמע באַשלאָסן צו קויפן פאַר סאָניטשקען — אַ קלאַוויר.

צו סאָניטשקעס פיר-יאָריקן געבורטסטאָג האָט מען איינגעלאַדן די שענסטע, די פיינסטע געסט. מיך אויך...

איך בין טאַקע געקומען און צום הונדערטסטן מאָל באַוווּנדערט סאָניטשקען. טאַטע-מאַמע האָבן זי אַוועקגעשטעלט אויף אַ בענקל און סאָניטשקע, ווי אַ געבוירענע אַרטיסטקע, האָט הויך אויף אַ קול געזונגען:

„אַ שנייעלע פליט,
אַ שנייעלע פאַלט,
דער שניי האָט פאַרשאָטן
דאָס פעלד און דעם וואַלד..."

די אַפּלאָדיסמענטן זענען דערגאַנגען צום הימלישן כסא-הכבוד און דאָרט זיך אָפּגעשלאָגן מיט אַ הילכיקן עכאָ...

אָפּגעזונגען, האָט זיך סאָניטשקע אַ נעם געטאָן צום קלאַוויר. טאַטע-מאַמע האָבן איר אונטערגערוקט אַ דריי-בענקעלע, סאָניטשקע האָט זיך

אַוועקגעזעצט, אונטערהויבנדיק פריער דאָס קליידעלע און אָנגעהויבן שפּילן:

„ס'האָט דער פעטער איטשע
זיך אויסגעלערנט שניידעריי..."

איר האָט באַדאַרפט זען מיט וואָסער געשווינדקייט דאָס ווייז־פינגערל איז געפלויגן איבער די קלאַווישן. איר האָט באַדאַרפט הערן די ווירטואָזע אויספירונג, די טיף־מוזיקאַלישע אויפפאַסונגס־קראַפט און די רייכע טענער וועלכע דער קלאַוויר האָט אַרויסגעגעבן.

אַ גערעטן קינד! אַ וווּנדער־קינד!

טאַטע־מאַמע האָבן זיך געשמאָלצן אין נחת:

מיר האָבן פאַר איר צוגענומען די בעסטע מוזיק־לערערין. די טייערסטע לערערין אין דער גאַנצער שטאָט. דערווייל שפּילט זי נאָך מיט איין פינגערל, זי האָט נאָך צו קליינע הענטלעך. זי קען נאָך נישט נעמען קיין גאַנצע „גאַמע". זאָל זי נאָר אַ ביסעלע אונטערוואַקסן, וועט איר זען אַז זי וועט נעמען נישט איינע, נאָר עטלעכע גאַמעס...

איך בין געווען טיף איבערצייגט אַז אַזוי וועט טאַקע זיין.

נעכטן זענען מיר ווידער געווען ביי אַלעקסן און העניען. זיי האָבן געפּראַוועט זייער טעכטערלס זעקסטן געבורטסטאָג.

די טישן האָבן זיך געבראָכן פון שענסטן און פון בעסטן. וויין — ווי וואַסער; טאָרטן — ווי פעדערן און פוך; טישטעכער — ווי שניי; אַלעקס און העניאַ — ווי נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע מיט זיין אויסדערוויילטער דזשאָזעפינאַ. היינט סאָניטשקע? דאָס איז נישט צום באַשרייבן. אַ פּרינצעסין! אַ וואַסער־גימפּע מיט אויסגעצוואָגענע הערעלעך. אויסגעפּוצט אין זייד און ניילאָן — ווי צו דער חופּה. אַ גאָלדן פינגערל אויף איין האַנט; אַ גאָלדן זייגערל — אויף דער צווייטער; אויפן קורצן העלדזעלע — אַ גאָלדן קייטעלע מיט אַ מגן־דוד. איך זאָג אייך: אַ בת־מלכה! אַן אמתע בת־מלכה אָן אַ קרוין.

נאָכדעם ווי דער עולם האָט זיך אונטערגעכאַפּט דאָס האַרץ, האָט טאַטע־מאַמע אַרויפגעשטעלט סאָניטשקען אויף אַ בענקל און זי, ווי אַ געבוירענע אַרטיסטקע, האָט הויך אויף אַ קול גענומען זינגען:

„אַ שנייעלע פליט,
אַ שנייעלע פאַלט,
דער שניי האָט פאַרשאָטן
דאָס פעלד און דעם וואַלד...“

אַ הוראַגאַן פון אַפּלאָדיסמענטן האָט פאַרהילכט די שטוב, די גאַס און די גאַנצע שכונה.

קיין שום נאָרמאַל קינד וואָלט אַזוי נישט געזונגען. איר האָט געדאַרפט הערן אַ שטימעלע, אַ טאָנאַציע, אַ בת־קול וואָס זי האָט גענומען אַזוי הויך, אַזוי דרייסט, אַזוי אַן מורא...

ניין, דאָס קען נאָר באַווייזן אַ נישט־ערדישער טאַלאַנט!

נאָך דעם ליד האָט טאַטע־מאַמע צוגערוקט דאָס דריי־בענקעלע און סאָניטשקע האָט זיך אַ נעם געטאָן צום קלאַוויר, אונטערהייבנדיק פריער דאָס קליידעלע. זי האָט זיך פאַפּראַוועט די הערעלעך און גלייך איז די שטוב פאַרהילכט געוואָרן מיט די פּרעכטיקע טענער פון דער באַקאַנטער שאָפּונג:

„ס'האָט דער פעטער איטשע
זיך אויסגעלערנט שניידעריי...“

איר האָט באַדאַרפט הערן אַ שפּילן. איר האָט באַדאַרפט זען מיט וואָסער ווירטואָזיטעט דאָס ווייז־פינגערל איז געפלויגן איבער די קלאַווישן. איר האָט באַדאַרפט הערן אַ „פאָרטיסימאָ־קרעשטשענדאָ“; איר האָט באַדאַרפט זען אַ טעמפּעראַמענט! דער קלאַוויר האָט זיך געטרייסלט ווי אין קדחת. טאַטע־מאַמע זענען זיך צעגאַנגען פאַר נחת. ביי די געסט איז דער ביסן שטעקן געבליבן אין האַלדז. זיי זענען דעריבער געזעסן מיט אָפענע מיילער און אַרויסבאַלושעטע, פאַרטערטע אויגן.

ווייל אַזאַ שפּילן קען מען הערן איינמאָל אין אַ יובל. אַזוי שפּילן קען נאָר זי — נאָר סאָניטשקע! אַ קינד וואָס איז דערגאַנגען צו די העכסטע הויכן פון איבערמענטשלעכער, מוזיקאַלישער באַגאַבונג. היינט שטעלט אייך פאָר וואָס פון איר וועט ווערן, ווען זי וועט אונטערוואַקסן און באַקומען מער כוח, גרעסערע הענט און לענגערע פינגער? דאָס וועט זיין אַ וועלט־אַטראַקציע! אַן איבערקערעניש! אַ מבול!

— מיר וועלן זי שיקן קיין אויסלאַנד שטודירן מוזיק, — זאָגט דער טאַטע.

— מיר וועלן זי שיקן אין אַן אויסלענדישן, מוזיקאַלישן „פּראָ־סעקטאָריום״!... — גיט צו די מאַמע.

— שיקט זי, שיקט זי! — בעטן די געסט — גליקלעך איז אונדזער דור, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַזעלכע אַלעקסעס און העניעס וועלכע האָבן באַשאָנקען די מענטשהייט מיט אַזאַ ווונדער, מיט אַזאַ פּראַכט, מיט אַזאַ קלאַס — ווי דאָס איז זייער סאָניטשקע!

יאָגאַ

בן־ציון שטאָפּלער איז געווען אַ ייד ווי אַלע יידן. געוווינט האָט ער אין נתניה. און וואָס טוט אַ ייד אין נניה? פאַרשטייט זיך, אַז ער שלייפט בריליאַנטן. אמת, נישט אַלע יידן וואָס וווינען אין נתניה שלייפן בריליאַנטן, נאָר בן־ציון שטאָפּלער איז פון פאַך געווען אַ בריליאַנטן־שלייפער.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער פלוצלונג דערפילט, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, אַ שטעכעניש און ברעכעניש. בן־ציון קען שוין נישט אַרבעטן, ער כאַפּט זיין רעקל און לויפט פייל אויס בויגן גלייך צום דאָקטאָר פון קופּת־חולים.

דער דאָקטאָר ווי אַלע דאָקטורים אין קופּת־חולים, האָט פאַרשריבן זיין נאָמען און אַדרעס און געפרעגט צי ער געהערט טאַקע צו אים און נישט צו קיין אַנדערן דאָקטאָר; צום סוף האָט ער אים אָפּגעמאָסטן די היץ, געגעבן דאָ אַ קלאַפּ, דאָרט אַ קיצל און אָנגעזאָגט אים די גוטע בשורה, אַז ער האָט אַ „דיסקוס".

ווי קומט בן־ציון צו אַ „דיסקוס" ? וואָס איז דאָס בכלל אַ „דיסקוס" ? אַז מיט ספּאָרט האָט ער זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען.. תמיד געזעסן אָנגע־בויגן ביים שלייף־שטאָק און פון דיאַמענטן געמאַכט בריליאַנטן, טאָ ווי קומט ער צו אַ דיסקוס ?

הכלל, אונדזער בן־ציון איז געוואָרן אַ סטאַבילער איינגייער אין קופּת־חולים. עס האָבן זיך צו אים אַ נעם געטאָן עטלעכע גרויסע ספּעצ־יאַליסטן, מען האָט אים דורכגעלויכטן, געמאַכט רענטגען אין אַלע פּאָזעס: שטייענדיק, ליגנדיק, הענגענדיק און ווי איר ווילט נאָר אַליין. מען האָט אים געשטאָכן מיט נאָדלען, געצאַפּט דאָס בלוט. רפואות האָט ער געטרונקען, ווי אַ פאַרברענטער אַלקאָהאָליקער... מען האָט אויף אים אויסגעפּרווט די נייעסטע מעדיצינישע דערגרייכונגען פון צוואַנציקסטן־יאָרהונדערט; ביז אין אַ געוויסן טאָג האָט גאָט געהאָלפן און ער האָט באַקומען — אַ צווייטן דיסקוס...

פון אַזאַ געלונגענעם הייל־רעזולטאַט, האָט ער אַפילו נישט געחלומט.

מיט דער אַרבעט איז דערוויייל געוועזן אויס, ווייל ווי אַזוי קען ער שלייפן אויפן בריליאַנטן־דיסקוס, אַז אַליין פאַרמאָגט ער זיין אייגנס צוויי דיס־קוסעס? און געגאַנגען איז ער איינגעבויגן אין דרייען אָנגעלענט אויף אַ שטעקן ווי אַן אַלטער זקן, בעת ער אַליין איז אַלט געווען בסך־הכל נישט קיין גאַנצע פערציק יאָר.

קורץ פון דער זאַך: אונדזער בן־ציון איז געוואָרן אַ פאָלנער אינוואַליד. ווייל אַ דיסקוס, נישט דאָ געדאַכט, איז אַ פאַסקודנע קרענק, אַז מען כאַפּט עס, האַלט מען זיך מיט דעם. אַז מען ווערט, נישט פאַר אייך געדאַכט, געפּרוּווט מיט אַזאַ קרענק, ווינטשט מען זיך, כ׳וויל נישט ברענגען פאַרן מויל. די ווייטיקן דערביי זענען אַזעלכע, אַז רייסן אַ צאָן, אָדער ווייען ביים געבוירן אַ קינד — זענען גאָרנישט אַנטקעגן דעם. היינט שטעלט אייך פאָר, וואָס אונדזער בן־ציון האָט געליטן האָבנדיק נישט איין דיסקוס, נאָר גאַנצע צוויי?

געקומען דער 1־טער, נעמט אונדזער בן־ציון די צוויי דיסקוסעס און לאָזט זיך מיט זיי אַוועק קיין תל־אביב. נעבן כפר־יונה שטייגט אַריין אין אויטאָבוס אַ ייד, וואָס אונדזער העלד וואָלט געשוווירן, אַז ער קען אים נאָר ער ווייסט נישט פונוואַנען.

יענער קוקט זיך אַרום און פּלוצים שרייט ער אויס: — בן־ציון, אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין! וואָס טוסטו דאָ?

— געהערט אַזאַ יומטובדיקע באַגריסונג, איז בן־ציון געווען זיכער אַז עס שטייט פאַר אים אַ גוטער באַקאַנטער, אָבער בשום־אופן זיך נישט געקענט דערמאָנען פון וואַנען ער קען אים.

— וואָס האָסטו אָנגעשטעלט אויף מיר דיינע צוויי קוקערס? — גיט אים יענער אַ זעץ גלייך אין איין דיסקוס אַריין, אַז טרערן זענען אים אַזש געקומען אין די אויגן אַריין — וואָס איז, דו דערקענסט מיך טאַקע נישט? ווייניק ביימער האָבן מיר צוזאַמען אויסגעקאַרטשעוועט אין דער „קאָמי־ס. ס. ר.?״

דערהערט „קאָמי־ס. ס. ר.״ האָט ער זיך גלייך דערמאָנט:

— שלום חאַצקל!

— שלום, בן־ציון, וווּהין פאָרט אַ ייד?

— קיין תל־אביב.

— ווויסט דאָרטן?

— ניין, איך באַקום דאָרט געלט.

— פון וועמען ?
— פון קופּת־חולים.
— אַרבעטסט אין קופּת־חולים ?
— ניין, איך הייל זיך דאָרט.
— נו, און פאַר דעם צאָלן זיי געלט ?
— ניין, זיי צאָלן, ווייל כ׳אַרבעט נישט.
— וואָס פעלט דיר ?
— גאָרנישט. כ׳האָב נאָך צופיל. כ׳האָב גאַנצע צוויי דיסקוסן.
— נישט מער און נישט ווייניקער ? ביסטו דאָך גוט באַקליידט ?
— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט.
— וווּ וווינסטו ?
— אין נתניה.
— אין נתניה ? — וואָס טוסטו דאָרט ?
— איך קרעכץ...
— און פאַרן קרעכצן וואָס האָסטו געטאָן ?
— האָב איך אַ תל געמאַכט פון דיאַמענטן.
— געשליפן ?
— אַ ברירה האָב איך געהאַט ?
— אַ ווייב ?, קינדערלעך וויפל, בלי עין־רעה ?
— צוויי.
— ביידע דיינע ?
— אַזוי זאָגט זי.
— דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, בן־ציון ?
— ניין.
— דו ווילסט ווערן געזונט ?
— אַ פראַגע אַ ביסל...
— ס׳דאַרף קאָסטן דריי און אַ האַלבן פונט.
— דאָס אינגאַנצן ?
— דאָס אינגאַנצן. נאָר איצט הער מיך אויס מיט קאָפּ: קודם־כל זאָג מיר: וויפל דאָקטוירים האָבן דיך געהיילט ?
— אַרום פינף.
— שיק זיי אַלע צו אַלדע שוואַרצע יאָר !
— און שפּעטער ?

— שפּעטער וועט זיין גוט. אַבי מיר זענען פּטור געוואָרן פון דער גרעסטער פּלאָג... וועגן „יאָגאַ״ האָסטו געהערט?

— יאָ.

— פון וועמען?

— פון דיר.

— טפו זאָלסטו מיר ווערן! איך רעד צו דיר ווי צו אַ מענטש און דו ווּיצלסט זיך גאָר. הער מיך אויס: ד״ר פעלדנקרייזן קענסטו?

— ניין.

— און בן־גוריונען, קענסטו?

— מער ווייניקער, פון הערן.

— דאָס האָט ד״ר פעלדנקרייז אַוועקגעשטעלט בן־גוריונען אויפן קאָפּ. פון דאַן אָן ווערט ער מיט יעדן טאָג אַלץ געזונטער און יונגער!

— ווער, דער דאָקטאָר?

— ניין, בן־גוריון.

— פאַרוואָס?

— ווייל ער פאַרנעמט זיך מיט „יאָגאַ!״

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— „יאָגאַ״? „יאָגאַ״, מוזסטו וויסן, איז אַ תורה! אַ גאַנצע תורה, וועלכע די אינדיער האָבן אַנטוויקלט אין משך פון דורות און איז פאַר די איבעריקע פעלקער געווען אומבאַקאַנט, ווי אומבאַקאַנט עס איז פאַר אונדז געווען די תורה פון קאַרטשעווען ביימער אין דער קאָמי־ס. ס. ס. ר.

ד״ר פעלדנקרייז האָט נישט געזשאַלעוועט קיין מי. געזעסן גאַנצע טעג און נעכט איבער די ביכער, ביז וואַנען ער האָט דערגרונטעוועט די גאַנצע חכמה פון „יאָגאַ״. און אַז ער האָט זי דערגרונטעוועט, האָט ער זי גלייך אַנטפּלעקט פאַר אונדז און דערמיט פּשוט געראַטעוועט דאָס פאָלק־ישראל פון פיזישן אונטערגאַנג. איך וועל דיך פרעגן אַ נאַרישע פראַגע: פאַרוואָס זענען אויף דער וועלט פאַראַן אַ קנאַפּער האַלבער מיליאַרד אינדיער?

— נו?

— ווייל זיי פאַרנעמען זיך מיט יאָגאַ! כאָפּ אָן אַ דורכשניטלעכן אינדיער עסט ער איינמאָל אַ טאָג און דאָס איז פאַר אים גענוג.

— פאַרוואָס?

— ווייל מער האָט ער נישט. אָבער פון הונגער שטאַרבט ער נישט!

פאַרוואָס? ווייל ער פאַרנעמט זיך מיט יאָגאַ. איינמאָל געגעסן און צוויי מאָל יאָגאַ. אַן אינדיער, אַז ער שטייט אויף אינדערפרי, איז דאָס ערשטע: גיין שפּאַצירן. און גיין גייט ער פּאַוואָליע, נישט געאיילט, ווייל דער וואָס פאַרנעמט זיך מיט יאָגאַ, טאָר זיך נישט איילן! אָפּשפּאַצירט אַזוי אַן אַכט־צען קילאָמעטער, קומט ער צוריק און שטעלט זיך אויפן קאָפּ. ווייל קאָפּ־שטאַנד איז איינע פון די וויכטיקסטע יאָגאַ־איבונגען. דאָס רעגולירט די בלוט־צירקולאַציע, צווינגט דעם מוח שטאַרקער אַרבעטן און דערלאָזט נישט, אַז דער שכל זאָל אַנטלויפן אין די פיס אַריין. דעריבער שטעלן זיך אַלע, וואָס ווילן האָבן שכל — אויפן קאָפּ.

אָפּגעשטאַנען אַ ביסל אויפן קאָפּ, מאַכט ער נאָך עטלעכע איבונגען, וועלכע גלייכן אויס די זייטן, ווייל דער גרעסטער טייל אינדיער, מוזסטו וויסן, שלאָפן ממש אויף דער גאַס, אויף די שטיינער און אַז ער שטייט אויף, האָט ער צעבראָכענע זייטן. אויסגעגלייכט די זייטן, גייט ער גלייך איבער צו אַנדערע איבונגען וועלכע דאַרפן הייבן זיין געמיט־צושטאַנד, מאַכן פאַרגעסן אין אַלע צרות און שטרויכלונגען וואָס שטעלן זיך אין וועג.

אַ מענטש וואָס פאַרנעמט זיך מיט „יאָגאַ" איז תמיד געזונט, צע־שמייכלט, צופרידן פון לעבן, ווייל אַ מענטש וואָס דענערווירט זיך, האָט תמיד צוטאָן מיטן האַרץ, מיט די נערוון, מיט דער לעבער, צי גאָר מיט דער גאַל.

די אינדיער, דאַגעגן, ווייסן נישט וואָס דאָס הייסט אַזוינס אַ האַרץ, נערוון, צי אַ גאַל. דאָס אַלץ עקזיסטירט נישט פאַר זיי! אַן אינדיער ווייסט נישט וואָס דאָס הייסט וויינען, אויפרעגן זיך, צי גאָר שילטן איינער דעם אַנדערן. אַן אינדיער לעבט זיך רואיק, געלאַסן, פּאַוואָליע, ער איילט זיך קיינמאָל נישט. ער לויפט נישט, ער פליט נישט, ער רייסט נישט אין קיין וועלטן. פאַרוואָס? ווייל ער פאַרנעמט זיך מיט „יאָגאַ!" דעריבער זענען זיי תמיד יונג. קענסט אויספאָרן גאַנץ אינדיע און נישט געפינען קיין איין אַלטן מאַן. פאַרוואָס? ווייל זיי ווערן קיינמאָל נישט אַלט! אַן אינדיער לעבט זיך אָפּ גליקלעך און צופרידן זיינע דרייסיק־פערציק יאָר און זאָגט: — „גענוג! פאַר מיר איז עס פולשטענדיק גענוג! געלויבט איז בודהאַ, וואָס ער האָט מיר געלאָזן דערציען ביז מיין עלטער... אַנדערע — זאָגט ער — האָבן די זכיה אויך נישט געהאַט". ער לייגט זיך דאַן אַוועק אַ צופרידענער, אַ צעשטראַלטער, אַ גליקלעכער און מיט אַ טיפּיש מזרח־

שמייכעלע אויף די ליפּן גיט ער אָפּ זיין נשמה צו דעם, ביי וועלכן ער האָט זי אויסגעבאָרגט אויף גאַנצע פינפאונדרייסיק יאָר...

אָט־אָ דאָס איז דער כוח פון „יאָגאַ"! דאָס איז די פאַרבאָרגענע קראַפט אירע. דער מענטש לעבט פּאָוואָליע, גייט פּאָוואָליע, אַרבעט פּאָ־וואָליע, שטאַרבט פּאָוואָליע; — אַלץ פאַרשטייסטו מיך — פּאָוואָליע!...

*

דער אויטאָבוס איז דערוויַיל געפלויגן, ווי דער שאָפער וואָלט קיינמאָל פון קיין „יאָגאַ" נישט געהערט. זיי זענען אַדורך הרצליה און שנעל זיך דערנענטערט צו תל־אביב.

בן־ציון איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער, אַן איינגעקאָרטשעטער.

— חאַצקל — האָט ער זיך פלוצים ווי אויפגעוועקט פון אַ טיפן שלאָף — און צוואָס דאַרף מען די דריי און אַ האַלבן פונט וועגן וועלכע דו האָסט פריער דערמאָנט?

— דאָס איז דער פּרייז פון בוך וואָס לערנט אונדז די תורה פון „יאָגאַ". דו פאַרשטייסט? קויפסט אַזאַ בוך און דו קאָנסט פּשוט אויפגעע־ריכט ווערן!

— טאַקע נישט קיין סך...

— ביליקער פון באָרשט! וואָס האָסטו דאָ אָנצוווערן? נעם און פּרוביר!

— כ'וועל פּרובירן...

— און פאַרגעס נישט שיקן די דאָקטוירים צו אַלדע שוואַרצע יאָר.

— כ'וועל זיי שיקן...

— כ'בין זיכער, אַז דו וועסט מיר אַמאָל דאַנקבאַר זיין פאַר דער עצה. איך וווין אין כפר־יונה. קום אַמאָל צו. וועסט זיך פרעגן אויף חאַצקלען. יעדעס קינד וועט דיך צופירן צו מיין הויז.

— כ'וועל זיך אַריינכאַפּן, חאַצקל. שלום!

— איז זיי געזונט, בן־ציון.

— זיי געזונט, שלום!

*

פריער פאַר אַלץ איז בן־ציון אַריין אין אַ בוכהאַנדלונג און גע־קויפט דאָס בוך וועגן „יאָגאַ". אַהיימקומענדיק, האָט ער אָנגעהויבן לייענען, שטודירן, פאַרטיפן זיך אין דער אַלט־נייער „יאָגאַ"־תורה. ער איז געזעסן אַ טאָג און אַ נאַכט און נאָך אַ טאָג און נאָך אַ נאַכט, ביז וואַנען ער איז אַריין אין דעם פאַרוויקלטן לאַבירינט פון די „יאָגאַ"־געהיימנישן.

און אַז ער איז אַריין, האָט זיך פאַר אים געעפנט אַ נייע, אומבאַ־קאַנטע וועלט.

נישט לאַנג געטראַכט, איז ער צוגעטרעטן צו פּראַקטישע איבונגען. נאָך צוויי וואָכן איבן, האָט ער אַוועקגעשליידערט דעם שטעקן, נאָך פיר וואָכן — האָט ער פאַרלוירן דעם ערשטן דיסקוס. אַ חודש נאָכדעם — האָט ער פאַרלוירן דעם צווייטן...

עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ רעש. זשורנאַליסטן זענען געקומען, געטאַפּט, געזוכט — נישטאָ קיין דיסקוסן .זיין בילד איז דערשינען אין די צייטונגען. בן־ציון מיט צוויי דיסקוסן; בן־ציון מיט איין דיסקוס; בן־ציון אָן דיסקוסן; בן־ציון מיטן שטעקן; דער שטעקן — אָן בן־ציינען.

אַז ער האָט זיך שוין באַפרייט פון די דיסקוסן און זשורנאַליסטן, איז ער אַוועק צו זיין דאָקטאָר אין קופּת־חולים. יענער האָט אים געפרעגט ווער ער איז, פונוואַנען ער איז און צי ער געהערט טאַקע צו אים און נישט צו קיין אַנדערן דאָקטאָר? דאַן האָט ער אים באַטראַכט, באַטאַפּט, באַהאָרכט, געזוכט אַהער, געזוכט אַהין — נישטאָ קיין סימן פון די דיסקוסן.

— אומגלויבלעך, — האָט ער געמורמלט — אומגלויבלעך! ווי אַזוי איז דאָס געשען?

— יאָגאַ! — האָט בן־ציון אַ צופרידענעם שמייכל געטאָן.

— ממש אומגלויבלעך... — האָט דער דאָקטאָר געשעפּטשעט — איצט קען איך אייך שוין אויסזאָגן דעם סוד, אַז איר זענט געווען אַן ערנסטער קאַנדידאַט פאַר דער חברה־קדישא...

— יעדער איינער וואָס גייט צו אַ דאָקטאָר, — האָט בן־ציון גע־זאָגט —איז אַ ערנסטער קאַנדידאַט... אָבער נישט געזאָרגט, דאָקטאָר, כ'וועל זיי איצט אַלעמען איבערלעבן און אייך ווינטש איך, איר זאָלט אַוועקוואַרפן אַלע אייערע רפואות, אַלע פּראָשקעס און פּיגולן מיט וועלכע איר פאַרסמט אייערע פּאַציענטן און איר זאָלט זיך אָנהויבן אינטערעסירן מיט „יאָגאַ".

— נו־נו, — האָט דער דאָקטאָר געלאַכט — די מאָדערנע מעדיצין קען מען אויך נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט...

— זיכער נישט! — האָט בן־ציון אויסגעשריגן — ווען איך הייל זיך ביי אייך ביז היינט, וואָלט איך שוין זיכער היינט געווען אַ הורטאָווניק פון אייגענע דיסקוסן. אַ הורטאָווניק וואָלט איך געווען, כאַ־כאַ־כאַ!

— חבר שטאָפּלער, — האָט דער דאָקטאָר איבערגעריסן זיין געלעכטער — דער עיקר איז, אַז איר זענט געזונט און מאָרגן קענט איר שוין אָנהויבן אַרבעטן...

— איך דאַנק אייך, דאָקטאָר! איך דאַנק אייך! שלום, כאַ־כאַ־כאַ!...

*

בן־ציון איז אַוועק צו זיין באַלעבאָס. יענער האָט אים דערזען און זיך שטאַרק דערפרייט:

— אָ, בן־ציון! כ׳האָב געלייענט וועגן דיר אין די צייטונגען. מזל־טוב!

— אַ דאַנק, באַלעבאָס, אַ דאַנק, מיט מזל זאָלט איר לעבן. איך בין טאַקע געקומען אַרבעטן.

— אַרבעטן? נאָך אַזאַ שווערע קרענק? משוגע ביסטו, צי וואָס?

— נישט משוגע, באַלעבאָס, כ׳בין שוין אינגאַנצן געזונט.

— בן־ציון — איז ער שוין געוואָרן ערנסטער — ביזט געקומען אין אַ שלעכטער צייט... האָב אויף מיר קיין פאַריבל נישט... האָסט געקרענקט אַזוי לאַנג, טאָ וואַרט־זשע צו נאָך אַביסל... פאַרשטייסט: אַ ביטערע צייט! די אַרבעט איז געוואָרן שוואַכלעך...

— ס׳מאַכט נישט, — האָט בן־ציון געשמייכלט — איצט נעם איך זיך שוין מיט גאָרנישט איבער. איך בין אַ ספּעציאַליסט אין „יאָגאַ". זאָל זיך די גאַנצע וועלט איבערקערן און איך וועל נישט אויפהערן צו שמייכלען... דאָס איז דער כוח פון „יאָגאַ". איר פאַרשטייט, באַלעבאָס: דאָס וויכטיקסטע איז: פּאַוואָלינקע און מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, כאַ—כאַ—כאַ... אויף ווידערזען! באַלעבאָס, אויף ווידערזען!... כאַ—כאַ—כאַ...

און ער איז אַוועק צו זיין חבר חאַצקל אין כפר־יונה.

אַ קליינטשיק קינד האָט אים צוגעפירט צו חאַצקלס הויז. אָבער געטראָפן האָט ער נאָר דעם חברס ווייב. זי האָט אים דערציילט, אַז חאַצקל

ליגט אין שפּיטאָל. ביים שטעלן זיך אויפן קאָפּ, האָט ער, נישטווילנדיק, אַ דריי געטאָן דעם קאָרק און עפּעס אַ ביינדל האָט ביי אים געפּלאַצט. פאַלנדיק, האָט ער זיך באַשעדיקט דעם רוקנביין און מיט די פיס אויס־געהאַקט אַ שויב אין טיר. די שויב האָט אים דורכגעשניטן צוויי אָדערן און אַ שטיק גלאָז איז אים אַריין אין דיקן פליש. שוין צוויי וואָכן — האָט זי צוגעגעבן — ווי ער ליגט אין „ביילינסאָן".

— אין „ביילינסאָן"!? — האָט בן־ציון אויסגעשריגן — חאַצקל אין „ביילינסאָן"?!

— וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן? „ביילינסאָן" איז אַ שלעכטער שפּיטאָל?

— חאַצקל לאָזט זיך באַהאַנדלען פון דאָקטוירים?

— ווער דען זאָל אים באַהאַנדלען, דער מלאך־המוות? איך וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד, אַז איך בין אין זיבעטן הימל וואָס מען האָט אים אַ ביסל צוגענומען פון דער היים, ווייל וויפל קען דאָס אַ מענטש אויס־האַלטן? וואָס מיינט איר, אַז איך בין פון אייזן? אַ מענטש זאָל נישט וועלן שטיין אויף די פיס, נאָר דווקא אויפן קאָפּ... ווער האָט דאָס געהערט אַזאַ מעשה ווער? גאַנצע טעג אויפן קאָפּ... נישט קיין לייב, נישט קיין לעבן, נאָר עפּעס אַ נייע משוגעת וואָס הייסט „יאָגאַ". „פאַרוואָס גייסטו נישט אַרבעטן"? — שריי איך צו אים און ער, עס זאָל אים כאָטש אָנהייבן צו אַרן.

„זאָלן מיינע שונאים אַרבעטן", — ענטפערט ער מיר געלאַסן, מיט אַ שמייכעלע — „אויף עסן איינמאָל אַ טאָג, דאַרף מען נישט אַרבעטן"...

— דו, — שריי איך, — האָסט גענוג איינמאָל אַ טאָג, — אָבער איך און די קינדער שטאַרבן דאָך פון הונגער!

— טאָ פאַרנעמט זיך מיט „יאָגאַ", אַזוי ווי איך — ענטפערט ער מיר — וועט איר נישט שטאַרבן פון הונגער.

— — ער איז גערעכט! — האָט בן־ציון שטאָפּלער געפּסקנט — מען דאַרף זיך פאַרנעמען מיט „יאָגאַ". דאָס איז דער איינציקער אויסוועג, דער איינציקער ריכטיקער וועג אין לעבן. אַלע דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט „יאָגאַ!" אַלע! פון קליין ביז גרויס! יונג און... אַלע! בכדי מען זאָל נישט קרענקען! בכדי מען זאָל נישט עלטער ווערן!

— איר אויך?! — האָט זי אויסגערופן מיט שרעק אין די אויגן.

— וואָס איך אויך?

— איר זענט אויך געכאַפּט אויף דער מעשה?

— איך אויך, — האָט זיך בן־ציון צעשמייכלט — איך אויך, כאַ— כאַ כאַ... זייט רואיק, אייער חאַצקלען וועט גאָרנישט געשען. ער וועט זיך אַרויסדרייען, אינגיכן וועט איר אים ווידער זען אַ געזונטן און אַ גאַנצן... אוי — האָט ער זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן ביים בויך — עס חלשט מיר דאָס האַרץ. אפשר האָט איר עפּעס איבערצוכאַפּן, אַ טרונק וואַסער?

— איך האָב נישט! — האָט יענע אויסגעשריגן — שטעלט זיך אויפן קאָפּ וועט אייך פאַרגיין דער הונגער! פאַרנעמט זיך מיט „יאָגאַ", וועט אייך דאָס האַרץ אויפהערן חלשן.

און נישט קלערנדיק קיין סך, האָט זי אים אַ שטופּ אַרויס געגעבן אינדרויסן און פאַרקלאַפּט הינטער אים די טיר.

לונאַ־ראָזאַ

— אפשר וואָלסטו שוין פאַרמאַכט דאָס פענצטער און זיך געלייגט שלאָפן?

שוין צום דריטן מאָל רייסט מיך מיין ווייבעלע, זאָל לעבן, אַרויס פון מיין פאַרחלומטקייט.

די נאַכט איז אַ ליכטיקע, אַ העלע. איך שטיי ביים אָפענעם פענצטער און קוק זיך איין אין דער לבנה. מיין האַרץ ציטערט, פיבערט. איך קוק אויף איר, ווי אויף אַ הייס־געליבטער וועלכע ליגט אין אַ מאַכטלאָזער גסיסה, וועמענס מינוטן זענען געציילטע. אָט־אָט — און מיט איר וועט זיין אויס. אָט־אָט — און אַלץ וועט זיך ענדיקן, אָפּשטאַרבן...

ערגעצוווּ פליט אַ ראַקעטע צו מיין געליבטער, צו מיין לבנה, און זי וועט דערשיטערט ווערן פון אַ מעכטיקן זעץ. נאָך אַ רגע און זי וועט צעשפּאָלטן, צעפּיצלט, צעשמעטערט ווערן. ס׳וועט דאַן זיין אויס לבנה, אויס ראָמאַנטיק, אויס בענקשאַפט, אויס צערטלעכקייט, אויס פּאָעזיע, אויס וועלט!...

ווייל וואָסער טעם וועט האָבן אַ וועלט אָן אַ לבנה? וועמען וועלן די פּאָעטן באַזינגען? וואָס וועלן טאָן יונגע, פאַרליבטע פּאָרלעך? צו וועמען וועלן זיי זיפצן? וואָס וועלן טאָן די לונאַטיקער?...

איך קוק אויף איר און ס׳האַרץ צעגייט מיר פון ווייטיק און שמערץ. איך פיל איר סוף, איר פון פאָרויס געחתמעטן גורל. עס ווילט זיך פּשוט אַ געשריי טאָן:

— מענטשן! וואָס ווילט איר פון דער לבנה? וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף איר? קיין לופט איז דאָרטן נישט פאַרהאַן. קיין וואַסער — אויך נישט. קיין נאַפט — אַוודאי און אַוודאי נישט. בלויז שטיינער, שטויב און אויסגעלאָשענע וווּלקאַנען. טאָ וואָס קריכט איר אַהין?!

אַ מענטש קען דאָך אויף איר נישט לעבן. אַ מענטש אָן לופט וואָלט דאָך צעשאָטן געוואָרן ווי גרויפּן פון אַ געפּלאַצטן זאַק. טאָ וואָזשע זוכט איר דאָרטן? צו וואָס באַשיסט איר זי מיט ראַקעטן? ראַקעטן זענען דאָך

געמאַכט געוואָרן כדי צו באַשיסן מיט זיי שטעט און לענדער, כדי חרוב צו מאַכן אַ וועלט...

מילא, — די וועלט יאָך די וועלט — מאַכט זי חרוב, צעלייגט זי, צעברעקלט זי, פאַרסמט זי. אָבער וואָס ווילט איר פון דער אומשולדיקער לבנה? וואָס האָט איר צו איר? וואָס פאַראַ שלעכטס האָט זי אייך געטאָן? וואָס וועט זיין אויב, חלילה, אַ ראַקעטע וועט אין איר אַ זעץ טאָן און זי וועט צעשפרונגען ווערן? וועט איינער אין איר טרעפן, וועלן דאָך אַנדערע נאָכטאָנצן. איינער האָט אויסגעשאָסן אַ „לוניק", וועט דער אַנדערער אַרויפּ־האַקן אַ „קאָרנפלאָר". וועט דער ערשטער שיקן אַ "פּיאָנער" און דער צווייטער — אַן אַנדער שוואַרץ־יאָר. דערביי וועט דאָך איין שוואַרץ־יאָר מוזן זיין גרעסער פונעם צווייטן; איינס — שווערער פונעם צווייטן. און דער סוף וועט זיין, אַז ס'וועט קומען אַ סוף צו דער לבנה! וואָס וועט איר דאַן טאָן? צו וועמען וועט איר זיך דאַן נעמען? צו דער זון? איצט איז וויניק פינצטער אויף דער וועלט?...

איך קוק אויף דער לבנה און ס'האַרץ וויינט אין מיר. ווי העל זי לייכט דאָס היינט... ווי אומשולדיק ריין זי איז. ווי נאַיִוו זי קוקט איצט אַראָפּ צו מיר. זי קוקט און שמייכלט. מיט וואָסער צוטרוי זי שמייכלט עס... זי פילט אַפילו נישט אַז נאָך אַ מינוט, נאָך אַ רגע קען אין איר אַ זעץ טאָן אַ ראַקעטע — און אויס! אויס וועט זיין מיט דיר, טייערע לבנה! חושך וועט זיין! חושך און שרעקלעך; אומהיימלעך און טריב...

ערגעצוווּ שפּילט אַ פּאַטעפאָן. אַ זינגער וויינט אַרויס: „לונאַ־ראָזאַ..." ער זינגט צו דער לבנה. נאַרישע מענטשן: אין עטלעכע מינוט אַרום קאָן שוין זיין אויס „לונאַ", אויס ראָזאַ" און אויס זינגער...

— אפשר פאַרמאַכסטו שוין דאָס פענצטער און מאַכסט נאַכט?

אוי, די ווייבער, די ווייבער! דאָס קלענסטע געפיל פאַר ראָמאַנטיק האָבן זיי נישט!...

נאָר וואָס זאָל מען טאָן? אָן זיי, וואָלט די וועלט געהאַט אַ פּנים — ווי אָן אַ לבנה...

כ'האָב פאַרמאַכט דאָס פענצטער. אַראָפּגעלאָזט דעם לאָדן, אַריין אין בעט און ווילנדיק־נישט־ווילנדיק — אַנטשלאָפן געוואָרן.

אינדרויסן האָט זיך נאָך דערווייל געגליטשט די לבנה איבערן שוואַרצן הימל און ווי איר שטייגער איז — פּאַמעלעך זיך דערנענטערט צום אָפּגרונט וואָס אויף מערב־זייט...

ווען מענער וואָלטן, חלילה, באַדאַרפט שוואַנגערן...

איר שטעלט אייך פאָר וואָס פאַראַ פּנים די וועלט וואָלט געהאַט ווען מענער וואָלטן, חלילה, באַדאַרפט שוואַנגערן און געבוירן קינדער? אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן, איר הערט? איך פאַרזיכער אייך, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום וואָלט געווען — אויס קינדער, אויס לעבן, אויס וועלט! וואָס דאַרפט איר מער? אָט נעמט, למשל, מיין העלד, מיין מאַן הייסט עס: רעדט מיט אים, וועט ער אייך דערציילן פון זיך נסים ונפלאות; ווי אַזוי ער האָט געקעמפט, וואָס פאַראַ העלדישער סאָלדאַט ער איז געווען, וויפל שונאים ער האָט איינער אַליין גענומען אין געפאַנגענשאַפט, וויפל מעדאַלן און אויסצייכענונגען ער האָט באַקומען פון סאָמעראַדנעם גענעראַל אַליין. מיר וועט ער אָבער די אַלע מעשיות נישט דערציילן. ער ווייסט אַז איך בין אַ מבין אויף אַ טשאַד... איך קען אים צו גוט און ער ווייסט, אַז אויף מיר וועלן זיינע מעשיות און העלדישקייטן נישט מאַכן קיין רושם. איך ווייס דאָך יאָ וואָס פאַראַ העלד, משטיינסגעזאָגט, ער איז.. זאָל ער זיך, חלילה, אַ שניט טאָן אין אַ פינגער, אָדער זאָל אים, נישט דאָ געדאַכט, אַביסעלע ווי טאָן דער קאָפּ, איז באַלד הימל עפן זיך! די גאַנצע שטוב גייט דאַן כּאַדאָראָם! ער וואָלט דאַן באַדאַרפט האָבן צען דאָקטוירים און צוואַנציק קראַנקען־שוועסטער וואָס זאָלן זיך פאָרען אַרום אים, דאָס דערלאַנגען, יענץ אַוועקנעמען, קוקן אים אין די אויגן אַריין און שטיין גרייט אויסצופירן זיין יעדן באַפעל. מען מוז זיך דאַן באַוועגן אויף די שפּיץ פינגער, נישט רעדן צו הויך, נישט אָנמאַכן קיין טומל ווייל מיין העלד איז קראַנק, חרוב קראַנק...

נאָר צו וואָס דאַרף איך ריידן סתם אין דער וועלט אַריין. אָט וועל איך אייך דערציילן אַ שיינע מעשה פון אים, וועט איר שוין אַליין זען צו וואָס אַ מאַן, אַ פאָרשטייער פון „שטאַרקן מין", איז פעאיק:

מיט דריי חדשים צוריק האָב איך, אין אַ מזלדיקער שעה, געבוירן מיין צווייט קינד, מיין יענקעלע הייסט עס. איך בין נישט פון די צע־פּיעשטשעטע ווייבער. ביז דער לעצטער מינוט האָב איך געוואַשן, געפּרעסט,

געקאָכט, גערוימט, געגאַנגען, געלאָפן, געפלויגן ווי קיינמאָל גאָרנישט. קיין איין פּרייטיקצונאַכטס האָב איך נישט דורכגעלאָזן אַז איך זאָל נישט מאַכן קיין קערטל. אַמאָל האָט מען געשפּילט ביי מיר, אַמאָל ביי עמעצן אַנדערש פון דער חברה. ביי מיר איז אָן אָפענע טיר און אַז עס פלעגט עמעצער קומען אינמיטן דער וואָך, פלעגט מען אויך אַריינכאַפּן אַ קערטל. און אַז מענטשן קומען, דאַרף מען דאָך עפּעס דערלאַנגען: אַ טיי, אַ קאַווע, עפּעס איבערצובייסן. מען דאַרף אַראָפּרוימען פון די טישן, אָפּוואַשן דאָס געפּעס, אויפרוימען די שטוב נאָכדעם ווי די געסט זענען אַוועק און איבערגעלאָזט אַ חזיר־שטאַל. מיט איין וואָרט: קיין אַרבעט האָט קיינמאָל נישט געפעלט.

נו, מיינט איר, אַז איך האָב אַמאָל געגעבן אַ קרעכץ, צי זיך באַקלאָגט פאַר עמעצן? איך האָב זיך דען פאַר וועמען צו באַקלאָגן? איך בין נישט קיין צעפּיעשטשעטע, בין איך נישט. איך ווייס, אַז פאַר מיר וועט קיינער גאָרנישט טאָן. מיין מאַן וועט נישט לייגן קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער, וועט ער נישט. ביי אים קאָן זיך איבערקערן די גאַנצע וועלט, אַפילו מיט אַ בולדאָזער וועט איר אים פון קאָרטן־טישל נישט אַוועקשלעפּן. נאָך אַ גליק וואָס ער האָט זיך צייט גענומען צו מאַכן אַ ברכה בשעתן ברית...

די ערשטע נעכט נאָכן געבורט האָב איך נישט צוגעמאַכט קיין אויג. אַלע ווײַלע בין איך געלאָפן כאַפּן אַ בליק צי דאָס קינד שלאָפט, צי עס אָטעמט נאָרמאַל, צי עס האָט זיך, חלילה, נישט פאַרפּלאָנטערט אינעם ליילעך, אָדער דעק. דאָ האָט מען עס באַדאַרפט אָנקאָרמען, אַ צווייט מאָל — איבערוויקלען. איר ווייסט דאָך: משוגענע מאַמעס! אמת: עס איז ביי מיר טאַקע נישט דאָס ערשטע קינד, איך האָב שוין אַ דערוואַקסענע טאָכטער זאָל לעבן. אינגיכן ווערט זי שוין בת־מצווה, ווערט זי. נאָר גאָרנישט: פון דאַן אָן האָב איך שוין צייט געהאַט צו פאַרגעסן...

איצט פאַרשטייט איר דאָך שוין מסתמא, אַז נאָך אַזעלכע נעכט, בין איך בייטאָג אַרומגעגאַנגען ווי שיכור. דער קאָפּ האָט זיך מיר ממש געדרייט און איך בין קוים געשטאַנען אויף די פיס. נו, האָב איך געקענט אינזינען האָבן אַרויסגיין אַמאָל מאַכן אַ קערטל? בין איך טאַקע כסדר געזעסן אינדערהיים. קיין לעבעדיקן מענטש האָב איך נישט געזען פאַר די אויגן. אמת: מיין חברה פלעגט אַמאָל אַריינפאַלן צו אונדז. דאָס הייסט, אַז געקומען זענען זיי גאַנץ אָפטלעך, כמעט נישט געווען דער טאָג זיי זאָלן נישט קומען... און אַז מענטשן קומען, דאַרף מען זיי אויפנעמען ווי

ס׳באַדאַרפט צו זיין. טישלעך פעלן, חלילה, נישט ביי מיר און אויף יעדן טישל ליגט תמיד אָנגעגרייט אַ „תהילימל״ און אַזוי ווי זיי פלעגן אַריינ־קומען האָט מען זיך גלייך צעזעצט ביי די טישן און אָנגעהויבן „דאַווענען״...

מיין זונעלע האָט נאָך דאַן געהאַלטן אין איין שלאָפן, האָב איך זיך געקענט רואיק אַוועקזעצן מאַכן אַ „רעמי״. איך שטאַרב אַוועק נאָך אַ „רעמי״ הערט איר. האָב איך זיך טאַקע יעדע פיר שעה אויפגעשטעלט, אָנגעקאָרמעט דעם ווינער, פאַרשטופּט אים דאָס מיילעכל מיטן סמאָטשעק און זיך ווידער געזעצט צום טישל... מיין מאַן האָט אַפילו דאָס אויך נישט געטאָן. ער האָט זיך בכלל נישט אויפגעהויבן פונעם בענקל...

העלפט גאָט און אין אַ דריי חדשים אַרום נאָך יענקעלעס געבוירן, איז אויסגעפאַלן אַ „פּרייטיק״ ביי ציפּען. טראַכט איך מיר: ציפּע וווינט נישט ווייט. אַ גאַנצע צייט בין איך געלעגן אינדערהיים ווי אַ הונט און נישט געזען קיין לעבעדיקן מענטשן פאַר די אויגן, וועל איך היינט אַרויס־גיין צו ציפּען און זאָל אַמאָל מיין מאַן בלייבן אינדערהיים פּילנעווען דעם תכשיט. זאָל ער אויך אַמאָל וויסן, אַז ער האָט אַ קינד! וואָס איז: אַלץ אויף מיין קאָפּ? הכלל, ער איז געבליבן אינדערהיים!

פאַרן אַוועקגיין האָב איך דאָס קינד אָנגעקאָרמעט, אַרומגעוואַשן, אַרומגעוויקלט, אונטערגעלייגט ריינע ווינדעלעך, אַריינגעשטופּט דעם סמאָ־טשעק אין מיילעכל און אָנגעזאָגט מיין מאַן ער זאָל, למען השם, נישט פאַרגעסן אַז ער איז אַ טאַטע פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש, פון אַ זויגלינג הייסט עס. „אויב דאָס קינד וועט אָנהייבן וויינען״, — האָב איך אים אַריינ־געהאַקט — „זאָלסטו אַ קוק טאָן אפשר איז דער סמאָטשיק אים אַרויסגע־פאַלן פונעם מיילעכל. אויב דער סמאָטשיק איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, זאָלסטו אים צוערשט גוט אָפּשווענקען און ערשט דאַן צוריק אַריינ־געבן... און זאָלסט, חלילה, דאָס קינד נישט נעמען אין דיינע פויערישע הענט אַריין, קענסט עס נאָך צעקוועטשן, אָדער אַראָפּלאָזן. אַ קינד, — דערקלער איך אים — און נישט קיין באַלעם, אַז מען לאָזט עס אַראָפּ — שפּרינגט עס נישט צוריק...״

ער האָט מיך אויסגעהערט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און צום סוף פאַרזיכערט, אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג און אַז איך קען מיט אַ רואיק האַרץ אַוועק צו ציפּען כאַפּן אַ קערטל.

געקומען צו ציפּען בין איך געווען שפּעטלעך. ביי יעדן טישל איז שוין געזעסן אַ „מנין״ און „געדאַוונט״. אין צימער איז געווען אָנגערויכערט,

אַז מען האָט געקענט אין דער געדיכטקייט אויפהענגען אַ האָק. צו מיין מזל האָט ביי איין טישל פונקט געפעלט אַ „פערטע האַנט", האָב איך זיך צוגעזעצט און אָנגעהויבן שפּילן.

אַ קאָרט איז מיר דווקא געגאַנגען נישט קיין שלעכטע. יעדעס מאָל האָב איך געפּאַקט אַ „דזשאָקער" און אַמאָל — ביידע אויך. אַ משוגענע קאָרט זאָג איך אייך. און אַז עס גייט אַזאַ קאָרט, פילט מען גאָרנישט ווי די צייט גייט שנעל אַדורך.

פּלוצלונג האָט עפּעס אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר. דאָס איז נישט געווען סתם אַ קלאַפּ, נאָר ווי אַ זעקל מעל וואָלט אויף איר אַ פאַל געטאָן. ציפּע לויפט צו, עפנט זי און לאָזט אַרויס אַ הילכיקן קוויטש. איך האָב אַ קוק געטאָן און עס איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן: דאָס איז נישט געווען קיין זעקל מעל נאָר מיין מאַן, מיין העלד, וואָס איז געלעגן אויס־געצויגן ווי גרויס ער איז... דאָס האַרץ איז מיר ממש אָפּגעשטאָרבן פון שרעק. איך האָב זיך געוואָלט אויפהייבן, צולויפן צו אים און נישט געקענט. כ'האָב געפילט ווי הענט און פיס זענען מיר אָפּגענומען געוואָרן.

עטלעכע מענער האָבן זיך אַ שטעל געטאָן, אַריינגעשלעפּט מיין געצל אין שטוב אַריין, גענומען אויף אים גיסן וואַסער, געפּאַטשט אים אין פּנים אַריין, געפּאָכעט מיט אַ האַנטוך — אַ נעכטיקער טאָג, מיין געצל עפנט אַפילו נישט די אויגן.

לייבעלע און פּנחס האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן, אַראָפּגעטראָגן צו זייער מאַשין און הענדום־פּענדום אַוועק מיט אים צום דאָקטאָר ווייסבערג.

מיר האָט אַ היץ אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין. מיט איבערמענטש־לעכע כוחות האָב איך זיך אַ ריס געטאָן פון בענקל און שנעל, ווי אַ ווינטער, גענומען לויפן אַהיים. קוים אַ לעבעדיקע בין איך אַריין אין שטוב. כ'האָב געפילט ווי הענט און פיס ברעכן זיך מיר אונטער. אָט גיב איך אַליין אַ חלש אַוועק און עס וועט אַפילו נישט זיין ווער עס זאָל מיך מינטערן. איך האָב זיך צוגעשלעפּט צום קינדער־בעטל. נאָר גאָט זיין דאַנק, מיין יענקעלע איז געשלאָפן ווי קיינמאָל גאָרנישט. אַ שטיין, הערט איר, איז מיר אַראָפּ פון האַרצן. ווען איך שעם זיך נישט פאַר זיך אַליין, וואָלט איך זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד פון גליק. נאָר גיי וויין, אַז דערווייל ווייס איך נאָך נישט וואָס מיט מיין מאַן האָט פּאַסירט.

און אַזוי ווי איך שטיי אויף דער טעראַסע און קוק מיר די אויגן אויס, קומט אַרויס מיין שכנטע, פּעסעלע, און פרעגט מיך: — „נו, לאה,

ווי פילט זיך עפּעס געצל? דער ווייטיק איז אים שוין אַריבער?״ פרעג איך זי: — „וואָס האָט אים ווי געטאָן?״ זאָגט זי: — „אַ צאָן.״ „אַ צאָן?״ — חידוש איך זיך — „וואָס הייסט אַ צאָן? מען האָט אים דאָך אָוועקגעפירט צום דאָקטאָר אַ האַלב טויטן!״ „וואָס הייסט״ — זאָגט זי — אַ האַלב טויטן? וואָס האָט מיט אים פּאַסירט?״ „פונוואַנען זאָל איך וויסן״ — זאָג איך — „וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט? איך זע, אַז דו ווייסט בעסער פון מיר וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט?״ „וואָס זאָל איך וויסן?״ — וווּנדערט זי זיך — „איך ווייס נאָר, אַז מיט אַ שעה צוריק בין איך מיט מיין מאַן אַהיימגעקומען פון שטאָט און באַמערקט, אַז דיין געצל זיצט אויף דער טאַראַסע און קרעכצט. פרעג איך אים: וואָס קרעכצסטו? זאָגט ער: — איך ווער משוגע פון צאָן־ווייטיק. זאָג איך אים: — וואָס דאַרפסטו משוגע ווערן? נעם אַ ביסעלע ספּירט, וועט דיר אויפהערן ווי טאָן״. פרעגט ער, צי ספּירט העלפט? זאָג איך אים, אַז מיר העלפט עס תמיד. איז ער אַריין נעמען ספּירט און איך מיטן מאַן זענען אַריין אין שטוב. טאָ פון וואָס זאָל ער זיין אַ האַלב־טויטער?״

בקיצור, אַזוי ווי מיר שטייען און ריידן, דערזע איך אָנפאָרן לייבעלעס מאַשין.

— נו, — לויף איך צו צו זיי — וואָס הערט זיך?

— שוין בעסער, — זאָגט מיר פּנחס — דער דאָקטאָר האָט אים געמאַכט אַן איינשפּריצונג צום האַרץ און געגעבן פּיגולן אויף באַרואיקונג...

— וואָס הייסט, — זאָג איך — צום האַרץ? ווי קומט צו אים אַ האַרץ? ער איז דאָך תמיד געווען געזונט ווי אַ פערד?!

— אַ קשה אויף אַ מעשה, — זאָגט לייבעלע — היינט אַ מענטש, איז פּונקט ווי אַ פליג...

— געצל! — גיי איך צו צו מיין מאַן וואָס ליגט ווי אַ הייפּטל קרויט — ווי פילסטו זיך?

— ס׳האָט טאַקע אַ ביסל אויפגעהערט... — קרעכצט ער אַרויס — פּעסעלע איז געווען... זי איז געווען גערעכט: ספּירט איז גוט, אַ זייער גוט מיטל...

— לייבעלע, — פרעג איך מיין חבר — דער דאָקטאָר האָט אים עפּעס געגעבן טרינקען?

— טרינקען? — וווּנדערט זיך יענער — וואָס עפּעס טרינקען? ער האָט אים נאָר געמאַכט אַן איינשפּריץ אויפן האַרץ.

— וואָס פאַראַ האַרץ ?! — ווער איך שוין אויסער זיך פון כעס — ווי קומט צו אים אַ האַרץ ?! דו פילסט דען נישט ווי עס טראָגט פון אים מיט קאָניאַק ?

— קאָניאַק ? — וווּנדערט ער זיך — וואָס הייסט קאָניאַק ?

— דו ווייסט נישט וואָס עס הייסט קאָניאַק ?! — שריי איך — „געצל״, — ווענד איך זיך צו מיין מאַן — „דו האָסט אויסגעטרונקען די פלאַש קאָניאַק ?״

— נאָר אַ האַלבע... — ווערט ער פלוצים באַרעדעווּדיק — נאָר אַ האַלבע... מער נישט געווען... טרייב נישט איבער... נאָר אַ האַלבע...

— אַ האַלבע פלאַש קאָניאַק האָסטו אויסגעזשלאָקעט ? — ווער איך אויסער זיך — ווי טרינקט מען דאָס אויס אַ גאַנצע האַלבע פלאַש קאָניאַק ?!

— ווייל דער ספּירט, — דערקלערט ער מיר — האָט אין אָנהייב נישט געהאָלפן... נאָר אַ קליין פלעשעלע געווען... ווייזט אויס געווען צו ווייניק... האָב איך פאַרביסן מיט אַ קאָניאַק...

— וואָאָאָאָס ? — פיל איך אַז איך גיי אַראָפּ פון זינען — אויך דעם ספּירט האָסטו אויסגעטרונקען ?

— איך נישט... — שטאַמלט ער — פּעסעלע האָט געהייסן...

— וואָס הייסט איך האָב געהייסן ? — רופט זיך אָפּ פּעסעלע.

— יאָ, — זאָגט ער — דו האָסט געהייסן... דו... דו !...

— ווי פאַלסטו אויס אַזוי אָנשיכורן אַ מאַן ? — פרעג איך זי.

— וואָס הייסט, איך האָב אים אָנגעשיכורט ? — פאַלט זי אויף מיר אָן —פון ווען אָן שיכור איך דאָס אָן פרעמדע מענער ?! איך האָב אים געהייסן אויסטרינקען אַ פלאַש ספּירט ? איך האָב אים געהייסן נעמען אַ קאַפּינקע, נאָר אויפן צאָן, אַ ק אַ פּ י נ ק ע, אָבער נישט קיין צוויי פלעשער !

— אַז... אַ קאַפּינקע האָט נישט געהאָלפן... — קרעכצט אַרויס מיין העלד — האָב איך גענומען נאָך אַ קאַפּינקע און נאָך אַ קאַפּינקע... און נאָכדעם אַ גרעסער קאַפּינקעלע און דער צאָן האָט אַלץ נישט אויפ־געהערט ווי צוטאָן... נאָר אַ ביסעלע האָט אויפגעהערט... האָב איך געוואָלט נעמען נאָך אַ קאַפּינקע, איז שוין נישט געווען קיין קאַפּינקע... האָב איך גענומען אַ קאַפּינקע קאָניאַק און נאָך אַ קאַפּינקע... בלויז אַ קאַפּינקע... נישט קיין פלאַש... נישט געווען קיין פלאַש !... נאָר אַ האַלבע !... דו

הערסט?! — גיט ער זיך פּלוצלונג אַ ריס פונעם אָרט — נאָר אַ האַלבע!!! נישט קיין גאַנצע!!!

— נו, — גיט פּעסעלע אַ פאַרצי די ליפּעלעך — איך האָב אים אָנגעשיכורט, האַ? איך? וואָלסט זיך בעסער געשעמט אַזוי צו ריידן! ס'וואָלט געפּאַסט אַז דו קענסט מיך פון הייגט... וואָס־וואָס, נאָר אַזאַ מציאה וועל איך ביי דיר זיכער נישט אויסכאַפּן!...

— זיי מיר מוחל, — זאָג איך — אַז ער האָט מיך אינגאַנצן צעדרייט. איך ווייס שוין נישט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. זיי קענען דאָך אַראָפּפירן אַ מענטש פון זינגען. אַ מאַן איז דאָך פּונקט ווי אַ קליין קינד: מען דאַרף אים תמיד פירן פאַרן הענטל און נישט אָפּלאָזן אויף אַ מינוט, ווייל ער קען, חלילה, חרוב מאַכן אַ וועלט און זיך אַליין אויך אָפּטאָן אַ מעשה...

הכלל, זיי האָבן מיר געהאָלפן אַריינפירן מיין העלד אין שטוב אַריין און זענען אַוועק באַרואיקן זייערע ווייבער וואָס האָבן נאָך געוואָרט ביי ציפען. פּעסעלע איז אַן אָנגעבלאָזענע אַוועק צו זיך אין שטוב און איך בין געבליבן מיט מיין פאַרזאָרגער אַליין.

— שיכור, — זאָג איך צו אים — לייג זיך פּאָפּן און לאָמיך דיך שוין פּטור ווערן!

— איך וויל נישט שלאָפן! — רופט ער זיך אָפּ — שטעל מיר אַוועק די אויסלייג־שטול אויף דער טעראַסע... איך וויל זיך אַ ביסל אָפּברענען...

— משוגענער! — שריי איך — איצטער אינמיטן דער נאַכט, ווילסטו זיך אָפּברענען?

— איצטער, — זאָגט ער — איז די בעסטע צייט. ביי טאָג איז צו הייס...

— זאָל ער ליגן אויף דער טעראַסע, — קלער איך מיר — אינ־דרויסן איז קיל וועט פון אים גיכער אַרויס דער ספּירט מיטן קאָניאַק...

און נאָך איידער איך האָב אים באַוויזן צופירן צו דער אויסלייג־שטול, הייבט ער אָן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם סוועטער, דאָס העמד, דאָס לייבל, די שיך און בלייבט ליגן אַ האַלב־נאַקעטער אין די, כ'בעט איבער אייער כבוד, אונטערהויזן, אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער לבנה...

נאָך אַ גליק וואָס עס איז געווען אין מיטן דער נאַכט ווען באַרמאַלע מענטשן זענען שוין געשלאָפן און קיינער האָט נישט צוגעזען מיין חרפּה. שטעלט אייך נאָר פאָר וואָס פאַראַ פנים איך וואָלט געהאַט ווען עמעצער, חלילה, גייט דאָס צופעליק אַדורך און זעט מיין שיכור, ווי ער ליגט עס אין אַזאַ הולך און ברענט זיך אָפּ ביים שיין פון דער לבנה...

איך פיל ווי די אויגן פאַלן מיר צו און אַריינגיין שלאָפן קען איך נישט, ווייל ערשטנס — ווינען מיר אין דער נידער, קען איך דאָך נישט איבערלאָזן אים אינדרויסן, אויף דער טאַראַסע און פאַרמאַכן די טיר. און צווייטנס — בין איך דאָך נישט מער ווי אַ פרוי, טאָ ווי אַזוי קאָן איך זיך לייגן שלאָפן ביי אַן אָפענער טיר? אָבער אַ מענטש איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, ווייס איך טאַקע נישט ווי אַזוי איך בין דאָס פאַרט אַריין אין צימער, אַנידערגעלייגט זיך אויפן בעט און איינגעדרימלט...

נאָר די נערוון האָבן מיך דען געלאָזן שלאָפן? אָפּגעדרימלט אַזוי אַ קנאַפּע שעה, כאַפּ איך זיך אויף און גיי אַרויס געבן אַ קוק וואָס מיין מאַנעלע טוט? צי ער איז שוין עפּעס לייטיש אָפּגעברענט און צי איך וועל שוין איצט קענען ביי אים פועלן, אַז ער זאָל אַריין אין שטוב.

איך קום אַרויס אויף דער טאַראַסע און עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן: די אויסלייג־שטול איז ליידיק און פון מיין געצל איז קיין שפור נישטאָ.

איך לויף צוריק אַריין אין שטוב, זוך אין אַלע צימערן, אין די „באַקוועמלעכקייטן", אין קיך, אונטער די בעטן — אַ נעכטיקער טאָג, מיין גיבור איז אויסגעטרוקנט געוואָרן און שוין!...

נישט לאַנג געטראַכט לויף איך אַרויס אין גאַס און הייב אָן רופן: „געצל! געצל!!!"

געצל — אַהער, געצל — אַהין, שריי פון היינט ביז מאָרגן. געצל איז געוואָרן אַ האָז!... איך זוך אין פרעמדע הייף, באַטאַפּ פרעמדע פּלויטן, קוק אויף די ביימער, אונטער קוסטן — נישטאָ מיין געצל!

איך פיל אַז איך גיי אַראָפּ פון זינען. איך ווייס שוין אַליין נישט וואָס צו טאָן: צי לויפן אין דער פּאָליציי און בעטן זיי זאָלן מיר העלפן אויסגעפינען מיין שאָדן, צי גאָר לויפן צום קינד וואָס איז געבליבן אַליין ביי אַן אָפענער טיר. וואָלט כאָטש מיין טאָכטער געווען אינדערהיים, איז פונקט צום שלימזל האָב איך זי אַוועקגעשיקט צו מיין מומע אויף שבת. „ניין" — טראַכט איך מיר — „מיין מאַן, מיין פערד האָט נישט די ווערט אַז איך זאָל צוליב אים ריזיקירן מיטן קינד. נישט אַלע טאָג געבוירט מען קינדער, און מענער וואַלגערן זיך ווי מיסט אין די גאַסן!"

הכלל, איך לאָז זיך לויפן, ווי אַ משוגענע, אַהיים, כ'באַוויז נישט צוקומען צו דער הייזקע דערהער איך פּלוצלונג ווי עמעצער קרעכצט. איך

גיב אַ קוק און איך גלויב נישט מיינע אייגענע אויגן: מיין געצל ליגט אַן אויסגעצויגענער ווי אַ קאַץ אויפן דעכל פון דער טאַראַסע.

— געצל! — שריי איך — ווי אַזוי ביסטו אַרויף?

— ווי אַזוי איך בין אַרויף ווייס איך, — קרעכצט ער — איך ווייס נאָר נישט ווי אַזוי מען קריכט אַראָפּ... וואַרט אַ ווײַלע, זאָגט ער, איך וועל אַראָפּשפּרינגען...

— שפּרינג נישט! — שריי איך צו אים — וועסט ברעכן האַלדז און נאַקן!

— נישט געזאָרגט! — באַרואיקט ער מיך — ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס איך נורקעווע... נאָר... נאָר עפּעס אַ דראָט האָט זיך מיר פאַרטשעפּעט אין די שווים הייזלעך און כ'קען זיך נישט אויפשטעלן... ווי קומט אַ דראָט אויף אַ טראַמפּאָלינע?...

איך וואַרט נישט לאַנג. מיט איין שפּרונג בין איך שוין אין שטוב. איך כאַפּ אַ צוויי קישנס, אַ פוכענע דעק און לויף אין דער ריכטונג פון דער טאַראַסע. נאָך נישט באַוויזן צו שטעלן די ערשטע טריט, הער איך פּלוצים אַ זעץ, אַ קרעכץ און אַן „אוי"...

— געצעניו! — שריי איך — דו לעבסט?

— יאָ, — זאָגט ער — איך לעב און דו? — פרעגט ער — דו לעבסט אויך? איי, קוויקט ער זיך — אַ מחיהדיק וואַסער! ממש אַ דערפרישונג!...

איך וואַרף אַוועק די קישנס מיט דער דעק, לויף צו צו אים, ערשט מיין געצל ליגט אויף אַ באַרג זאַמד, וואָס אונטערן דעכל, וואַרפט מיט די הענט און פיס, שעפּט נחת פונעם „שווימען" און האָט הנאה פונעם לעבן...

✶

אָט־אָ דאָס קען אויפטאָן אַ מאַן, וואָס איינמאָל אין לעבן האָט אים ווי געטאָן אַ צאָן. הײַנט שטעלט איך פאַר וואָס זיי וואָלטן אָפּגעטאָן ווען זיי דאַרפן דאָס, חלילה, געבוירן קינדער? אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן פון אַזאַ זאַך! די גאַנצע וועלט וואָלט דאַן געגאַנגען כּאַדאַראַם! דאָס זענען שוין איינמאָל העלדן! נאָך אַ גליק וואָס מיר ווײַבער האַלטן זיי פעסט־פעסט אין אונדזערע שוואַכע הענט...

ווו איז דאָס געהערט געוואָרן?

— געוואַלט יידן, אַזאַ זאַך איז דאָך נישט געהערט געוואָרן! שונאי־ציון, אַפּיקורסים האָבן זיך פאַרנומען אויף אונדז און מען גייט אונדז שעכטן אָן אַ מעסער! אין סאַמע האַרץ פון דער הייליקער שטאָט ירושלים גייט מען אויפבויען אַ שווים־באַסיין ווו מענער און פרויען וועלן זיך באָדן צוזאַמען! נאָר אַשמדאי אַליין האָט געקענט אויסקלערן אַזאַ זאַך! ס'איז דאָך אַ חרפּה און אַ בושה פאַר דער וועלט! מענטשן וועלן דאָך לאַכן פון אונדז, אונדז מאַכן מיט דער בלאָטע צוגלייך!...

שטעלט אייך נאָר פאָר: אין אַ הייסן זומער־טאָג וועלן זיך צונויפקומען טויזנטער מענער און פרויען, יידן און נישט־יידן, קינדער און נישט־קינדער, אַלטע לייט און יונגע מיידלעך; מען וועט זיך אויסטאָן, אַנטבלויזן פאַר זיין ליבן נאָמען, און פּליוך — אין קאַלטן וואַסער אַריין...

האָט איר שוין געהערט אַזאַ מעשה? ווו האָט איר דאָס געזען? אַפילו דיווילדע עסקימאָסן טוען דאָך נישט אַזעלכע זאַכן! ווו איז בושה, יידישקייט?

ניין! מיר טאָרן נישט און וועלן דערצו נישט דערלאָזן! אין ירושלים וועט מען זיך נישט באָדן! אין ירושלים וועט מען נישט פאַרשוועכן זיין הייליקן נאָמען! מיר וועלן נישט דערלאָזן, אַז אין איין שווים־באַסיין זאָל מען אויסמישן כשר און טריף, פליישיקס און מילכיקס!

ווען די אַפּיקורסים וואָלטן זיך כאָטש פריער געווענדט צו אונדז, ווען זיי וואָלטן אונדז כאָטש געבעטן אויפהענגען עטלעכע מזוזות, אַוועקשטעלן עטלעכע משגיחים. ווען זיי וואָלטן אונדז כאָטש געבעטן — מאַכן אַ מחיצה. גאָרנישט! הפקר פּיעטרושקע! אַ עזה דאָס האָט! אַ שווים־באַסייך האָט זיך זיי פאַרוואָלט!

דאָס וועט אָבער קיינמאָל נישט געשען! מיר וועלן דערצו נישט דערלאָזן! קיין איין כשרע יידישע טאָכטער וועט נישט אַריינגיין אין דעם טעמפּל פון זינד און אויסגעלאַסנקייט. איר ווילט זיך באָדן? מיר האָבן גענוג מקוואות אין שטאָט! גייט אַריין, טובלט זיך אונטער. איר וועט

אַרויסקומען פון דאָרט אויסגעלייטערטע, ניי־געבוירענע. אַ ספּעציעלער משגיח, וואָס קען גוט שווימען, וועט אַכטונג געבן עס זאָל אייך, חלילה, קיין שום בייז נישט געשען.

אָבער אויסטאָן זיך אין אַן עפנטלעכן פּלאַץ? אַן מורא פאַר דעם וואָס זיצט אויבן און קוקט אונטן?

ניין, אין ירושלים וועט מען זיך נישט באָדן!

אויב מיר וועלן פּאַקן אַ יידישע פרוי, אָדער מיידל, וואָס וועט אַריינגיין אין דעם שמד־באַסיין, וועלן מיר נישט שווייגן! מיר וועלן זיך לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט. זי וועט נישט אַרויס פון אונדזערע הענט! מיר זענען גרייט צו גיין אויף קידוש־השם — אַבי נישט דערלאָזן צו דער שאַנדע!

אין ירושלים וועט מען זיך נישט באָדן!

בלוט וועט זיך גיסן אין די גאַסן! בלוט — און נישט קיין וואַסער! מיר וועלן צו דער דאָזיקער הייליקער מלחמה מאָביליזירן אונדזערע בעסטע כוחות. מיר וועלן אַדורכפירן אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע פון אַלע ישיבה־בחורים וואָס זענען באַפרייט פון מיליטערישן־דינסט. מיר וועלן זיי באַוואָפענען פון קאָפּ ביז די פיס מיט שטריימלעך, ציצות, קאַפּאָטעס, אַטלאַסענע הויזן, ווייסע זאָקן און שוואַרצע שיך! טאָג און נאַכט וועלן זיי שטיין אויף דער וואַך. מיר וועלן טרומייטערן אין שופרות און זיך לאָזן אין אַטאַקע. מיר וועלן באָמבאַרדירן מיט שטיינער און ציגל. מיר וועלן דערקלערן אַ תענית און רייסן קריעה!

אין ירושלים וועט מען זיך נישט באָדן!

מיר וועלן אַרויפלייגן אַ חרם אויף דער וואַסער־געזעלשאַפט „מקורות", פאַר צושטעלן וואַסער פאַר דעם באַסיין. דאָס „מקורות"־וואַסער וועט זיין טריף־פּסול און קיין שום ייד אין דער וועלט וועט זיך נישט טאָרן באַנוצן מיט דעם. מיר וועלן אַרויפלייגן אַ חרם אויף דער עלעקטריע־געזעלשאַפט, פאַר צושטעלן שטראָם פאַר די פּאָמפּ־סטאַציעס וועלכע וועלן טרייבן דאָס וואַסער אין דער הייך, צו דער בריכה. מיר וועלן אַריינלייגן אין חרם די צעמענט־פאַבריקן, וואָס וועלן צושטעלן צעמענט; די רעטער — וואָס וועלן זיך וואַגן ראַטעווען כאָטש איין אַפּיקורס פון דערטרונקען ווערן!

אַלע, אַלע וועט איר ליגן אין חרם, ווי הערינג אין אַ פאַס! איר

וועט זיך שעמען אַדורכגיין די גאַס. אייערע קינדער וועלן אייך פאַרלייקענען אַלס זייערע עלטערן.

ניין, אין ירושלים וועט מען זיך נישט באָדן!

דעם וואָס וועט זיך יאָ באָדן, וועלן מיר עוקר־מן־השורש זיין פון דער הייליקער שטאָט.

קיין איינער פון אייך וועט נישט זוכה זיין אַריינצוקומען אין גן־עדן! קיין איינער, וועמענס פיס עס וועלן נאָר אָנרירן דאָס קילע וואַסער פון דעם שווים־באַסיין!

יידישע זין און טעכטער! באַזינט זיך כל־זמן עס איז נאָך נישט צו שפּעט! כל־זמן עס איז נאָך נישט זומער!

יידישע זין און טעכטער פון ירושלים און קאָרידאָר! לאָזט נישט בויען דעם באַסיין! שרייט, אַז איר ווילט זיך נישט באָדן! אַז איר דאַרפט זיך נישט באָדן! אַז איר האָט זיך שוין געוווינט געבאָדן אין אייער לעבן! אַז איר באָדט זיך אַזוי אויך געוווינט אין אייער אייגענעם שווייס. שרייט הויך! אפשר וועלן זיך אונדזערע שונאים דערשרעקן און פאַרוואַרפן דעם טייוולאָנישן פּלאַן פון בויען אַ שווים־באַסיין אין אונדזער הייליקער שטאָט.

אין ירושלים וועט מען זיך נישט באָדן!

*

נו, מיינט איר טאַקע, אַז מען באָדט זיך נישט?...

אַ חשבון פון אַ יידענע

פאַרוואָס, אַ שטייגער, מיינט איר, ליגן מיר קבצנים אַזוי טיף אין דער ערד? נאָר דערפאַר, ווייל מענטשן האָבן אָנגעהויבן פליען אין די הימלען. וויסן זאָלט איר, אַז וואָס העכער זיי וועלן פליען, אַלץ טיפער וועלן מיר ליגן. איר שטעלט אייך דען פאָר וויפל מיליאָנען מיליאָסן עס קאָסט אַזאַ פלי? ווייסט איר דען וויפל מענטשן האָבן געקאָנט ממש אויפגעריכט ווערן פאַר דעם געלט וואָס עס קאָסט אָפּ איין פלי־כלי? מילא, געלינגט עס, איז ווי יענער זאָגט: אַ האַלבע צרה און אַ פערטל נחמה. וויפל מאָל אָבער געלינגט נישט? איז וויפל קאָסט דאָס אָפּ, ווען עס געלינגט נישט? מיין יידענע, זאָל לעבן, האָט מיר דאָ אַנומלט געמאַכט אַ חשבון, אַז פאַר איין מאָל וואָס עס געלינגט נישט, וואָלטן מיר געקאָנט אויסלעבן אַ לעבן־לאַנג, נישט אַריינטוענדיק די האַנט אין קאַלטן וואַסער — נאָר ליגן אויף דער פלאַזשע, פּאַטשן זיך אין די בייכער, עסן סעמעטשקעס און פייפן אויף דער גאַנצער וועלט. עס וואָלט אונדז נאָך, זאָגט זי, געבליבן אויף צו באַצאָלן אַלע חובות אין די קראָמען, פאַר דער דירה און פאַר מיין תכשיט אין שול אַריין. מיר וואָלטן דאָך געקאָנט קויפן צוויי מאָל אין יאָר נייע שיך (איינע מיט שפּיצן, די צווייטע — אויף זומער, אָפענע). איך וואָלט, זאָגט זי, נישט באַדאַרפט איבערנייען מיינע קליידער פון לאַנג אויף קורץ, פון ברייט אויף שמאָל, פון רעכטס אויף לינקס. נאָר כ׳וואָלט מיר טאַקע געקאָנט אַריינגיין אין אַן עלעגאַנט קאָנפעקציע־געשעפט, אויסקלויבן זיך דאָס בעסטע און שענסטע, באַצאָלן קאַסע־געלט און זיין אַן אָנגעלייגטע קליענטין, פאַר וועלכער מען בייגט זיך אין דרייען, מען זאָגט תודה־רבה און מען עפנט די טיר ברייט, בעל־הבתיש, ווי עס געהערט צו זיין. איך וואָלט זיך, זאָגט זי, געקאָנט דערלויבן אַריינגיין אַמאָל צו אַ פּריוואַטן דאָקטאָר, נישט שטופּן זיך אין די רייען אין קופּת־חולים, ווייל אַז מען האָט געלט, קאָן זיך אַ מענטש דערלויבן צו קרענקען ווי עס באַדאַרפט צו זיין, נישט זיין אָנגעוויזן אויף די דאָקטוירימלעך פון קופּת־חולים, וואָס זוכן אַהער, טאַפּן אַהין — און געפינען גאָרנישט. ווייל אַ פּריוואַטער דאָק־

טאָר איז פאַרט אַ פּריוואַטער דאָקטאָר, פאַר מיין געלט וועט ער אויסגעפינען אַ פּאָר קרענק פון אונטער דער ערד, אַזאַ איינער פאַרשרייבט אויך די בעסטע, די טייערסטע מעדיצינען און מעדיקאַמענטן, ראָט אייך אַרויסצופאָרן ערגעץ קיין אויסלאַנד און ווער מיר גיטס־גינט, אַז מען האָט געלט און מען קאָן זיך דערלויבן צו קרענקען אין אויסלאַנד. ווען איך פאַרמאָג מיר מיין אייגנס וואָס איין ראַקעטעלע איז ווערט, וואָלט איך זיכער אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן און אַריינגעוואָרפן דעם אַ גראַשן, יענעם אַ פּיאַסטער, אַז אויך זיי זאָלן וויסן פון אַ לעבן צו זאָגן, פונקט ווי איך. זיי ווערן דען, מיינט איר, ווינציקער אויסגעריסן פון מיר? גלייבט מיר, אַז זיי שוויצן נישט וויי־ניקער, און אפשר נאָך מער, אַבי זיך דערהאַלטן אויף דער אויבערפלאַך און נישט דערטרינקען צו ווערן אין דעם וויסטן יקרות וואָס וואַקסט פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה.

ווער האָט כוח צו אַזאַ יקרות, ווער קאָן אים דאָס אָניאָגן? אַז די פּרייזן פליען דאָך אין די הימלען אַריין, פונקט ווי די פינצטערע ראַקעטעס. דאָרט טרעפט כאָטש אַ „פּאַנטשער": אַ ראַקעטע וויל זיך אין גאַנצן נישט אויפהייבן, אָדער הייבט זיך אויף צו שווער און מען מוז זי פאַרניכטן. דאָ, זעט איר, ביי אונדז, טרעפן קיינמאָל נישט אַזעלכע גליקן. ביי אונדז ברוך־השם, הייבט זיך און הייבט זיך און ביז וואָס ווען, ביז אייך פאַלט איין צו בעטן אַ הוספהלע, זעגען זיי שוין, די פּרייזן מיין איך, אין דער סטראַטאָספערע, און מיר דאָ, אויף דער ערד, ווערן ממש דערשטיקט, בלייבן אָן לופט צום אָטעמען. טאָ וואָס קאָנט איר טאָן דערצו? כאָטש גיי שריי חי־וקיים, שיט זיי אָן זאָלן אויפן עק און מאַך אַ ברכה איבער אַ קללה.

אָבער ווען מענטשן הערן אויף צו טראַכטן וועגן פליען אין די הימלען? ווען זיי הייבן בעסער אָן צו טראַכטן וועגן אונדזער זינדיקער ערד און וועגן די לעבעדיקע באַשעפענישן וואָס פייניקן זיך אויף איר? עס וואָלט דאָך דאָ געקאָנט זיין אַ גן־עדן, אַן אמתער גן־עדן. וואָס מיר לבנה, ווער מיר יופּיטער? וואָס האָבן מיר דאָרטן פאַרלוירן און וואָס ווילן מיר דאָרטן געפינען? לאָמיר בעסער זוכן דאָ, ביי אונדז אויף דער ערד. זאָלן זיי בעסער אויסגעפינען פאַרוואָס מענטשן לעבן אין אָרעמקייט, אין דחקות? אַדרבא, זאָלן זיי זוכן, אפשר וועלן זיי טאַקע געפינען די סיבה דערפון? אויב מענטשן האָבן שכל צו פליען אין די הימלען, טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי נישט האָבן קיין שכל צו דערגיין — פאַרוואָס מיר ליגן אַזוי טיף אין דער ערד.

מיר פֿאָרן קיין בת־ים זיך באָדן

וויפל מאָל האָב איך זיך שוין געגעבן דאָס וואָרט, אַז כ׳וועל מער נישט נאָכגיין מיין ווייבס קאָפּ — דאָך פֿאַל איך יעדעס מאָל פריש אַריין.

דאָס מאָל איז זי געקומען מיט אַ שפּאָגל נייעם פּלאַן:

— מאָרגן אינדערפֿרי פֿאָרן מיר קיין בת־ים זיך באָדן!

ווי נאָר איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך זיך גלייך אָנגעהויבן באָדן אין אַ קאַלטן שוויס. ווייל ערשטנס קענט איר נישט מיין ווייב און איר ווייסט נישט וואָס דאָס הייסט אַזוינס פֿאָרן מיט איר און נאָך דערצו צום ים; צווייטנס — האָב איך אירס אַ לעבעדיקע קאַפּיע, אַ זעקס יעריק שד׳ל, וואָס כאָטש ער איז נישט קיין געבוירענער סאַברע, שטייגט ער זיי אָבער איבער מיט צען קעפּ. דאָס איז אַ באַנדיט, אַן אַנטיסעמיט, אַ פּאָגראָמשטשיק וואָס כ׳וויס גאָרנישט פון וואַנען דאָס נעמט זיך צו מיר...

מיט אָט דעם פּערל, הייסט עס, דאַרף איך דאָס פֿאָרן צום ים...

כ׳האָב זיי אָנגעהויבן אָפּרעדן, דערקלערן, אַז דער ים איז שטורמיש, טיף, אַז ער גרענעצט זיך מיט די אַראַבישע לענדער, אַז די אינטערנאַ־ציאָנאַלע לאַגע איז אַ אָנגעשטרענגטע, אַ געשפּאַנטע... נאָר גיי שריי חי־וקיים, אַז דו האָסט צו טאָן מיט מיין ווייב און מיט איר טייוול...

באַלד האָב איך דערהערט אַזאַ דועט, אַז די גרעסטע זינגער זענען הינט קעגן זיי. דער קליינער האָט גלייך גענומען די אויבער „צע״ און שרייענדיק פֿאָרטיסימאָ, מיט פֿאַרשידענע וואַריאַציעס, האָט ער געזונגען:

— צום ים! צום ים!

מיין ווייב האָט אים צוגעהאָלפֿן מיט איר קוויטשיקן סאָפּראַנאָ:

— גזלן, וואָס דו ביסט! וואָס פֿאַרא פֿאַרגעניגנס, משטיינסגעזאָגט, האָבן מיר נאָך ביי דיר? אין אַזאַ היץ, אין אַזאַ חמימה, דאַרפֿן מיר זיצן אינדערהיים און אָפּגיין אין שוויס? איך בין דאָך שוין אַן אָפּגעקאָכטע!...

דער לעצטער אַרגומענט, זעט איר, האָט אויף מיר געווירקט מער ווי אַלץ, ווייל אַרבוזן און ווייבער — האָב איך ליב רויע, נישט געקאָכטע...

דערהערט דאָס וואָרט „מסכים״, האָט זיך מיין כאָר דערפֿרייט און

פאַרוואַנדלט אין אַ טאַנק־באַלעט. די שטימונג האָט זיך גלייך אויסגעלייטערט און ביזן שלאָפן גיין, האָבן מיר זיך שוין דעם טאָג מער נישט געקריגט.

פלוצים, אינמיטן בעסטן שלאָף, דערפיל איך אַ שטעכעניש אין נאָז. איך בין אויפגעשפּרונגען אַ דערשראָקענער און דערזען איבער זיך מיין תכשיט מיט אַ שטרוי אין האַנט.

— אַבאַ׳לע, — וועקט ער מיך — שטיי אויף, שוין שפּעט, מיר וועלן פאַרשפּעטיקן צום ים!

איך האָב אַ בליק געטאָן אויפן וועק־זייגער. ס׳איז געווען האַלב פיר פאַרטאָג. איך האָב אָנגעהויבן שרייען, זאָגן מוסר, נאָר פון שלאָפן איז שוין קיין רייד נישט געווען.

זעקס אַ זייגער האָט מיין ווייב געגעבן אַ באַפעל:

— אויפשטיין!!!

יעדער פון אונדז האָט גלייך באַקומען אַן אַנדערע באַשעפטיקונג. מיין ווייב האָט זיך גענומען מאַכן פרישטיק; איך האָב אויפגערוימט די דירה און אָפּגעוואַשן די פאַדלאָגעס; מיין זון האָט צעבראָכן דאָס גלאָז מיט דער מילך און אַ ביס געגעבן דעם שכנס קינד.

זיבן אַ זייגער זענען מיר שוין געזעסן אין אויטאָבוס וואָס האָט זיך געטראָגן קיין תל־אביב. געקומען צו דער צענטראַלער אויטאָבוסן־סטאַציע, האָבן מיר אָנגעהויבן זוכן דעם אויטאָבוס וואָס פאָרט קיין בת־ים. צוליב דער גרויסער פרעקווענץ און באַקוועמלעכקייט פונעם פובליקום, האָט מען די סטאַציע איבערגערוקט אין אַ זייטיקער גאַס מיט דריי קוואַרטאַלן ווייטער. מיין ווייב האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן: מיר האָבן גלייך געכאַפּט אַ „ספּיישל" וואָס האָט אונדז צוגעפירט צום בת־ימער אויטאָ. אַהינגעקומען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס פאָרן מיטן „ספּיישל" איז געווען אומזיסט: דער סוף פון דער ריי האָט זיך געפונען דאָרטן, פונוואַנען מיר זענען אָקאָרשט אַרויסגעפאָרן...

צום סוף ריי זענען מיר שוין דערגאַנגען צופוס. מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אונטער דער פּרעכטיקער ישראל־זון און אָנגעהויבן וואַרטן.

נאָך אַ האַלבער שעה וואַרטן איז דורך דער ריי אַדורך אַ ציטער:

— צוגעפאָרן אַן אויטאָ!

און אין אַ פערטל שעה אַרום:

— אַוועקגעפאָרן דער אויטאָ!

מיר זענען נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דעם זעלבן פּלאַץ. אַ זייגער

האַלב־ניין האָבן מיר זיך פֿאַרויסגערוקט אויף אַנדערטהאַלבן מעטער. אַרום ניין אַ זייגער — אויף נאָך אַ מעטער.

אַלע ווײַלע זענען דורכגעפֿלויגן ליידיקע אויטאָבוסן. מײַן זון האָט זיך געריסן פֿון מײַנע הענט און דווקא געוואָלט אַרונטער אונטער איינעם פֿון זיי.

מײַן ווײַב איז שוין געווען אַ האַלב־אָפּגעקאָכטע. מײַן זון איז ביס־לעכווײַז צעשוואומען אין מײַנע הענט. איך בין צוגעגאַנגען כאַפּן אַ בליק וואָס עס טוט זיך אין אָנהייב ריי.

דאָרט זענען געווען צוויי רייען, נישט איינע. אין דער צווייטער ריי זענען געשטאַנען סאָלדאַטן, שוואַנגער־פֿרויען, ווײַבער מיט קליינע און גרויסע קינדער, אומזיסטיקע פֿאַרער און סתם פּראָטעקציע־מענטשן וואָס דאָס האָבן מיר ברוך־השם אין אַ געזונגנדיקער מאָס.

עס איז צוגעפֿאָרן אַן אויטאָ. דער עולם האָט אים גלייך גענומען שטורעמען מיט גוואַלט. פֿון דער ריי האָט מען געשריגן:

— בתור! רק בתור!!!

— וואָס מיר תור! — האָט מען צוריקגעשריגן — איך שטיי שוין דאָ פֿון פֿיר פֿאַרטאָג!...

— ווען גייט דאָס אָן פֿון ווען איר שטייט? שטעלט זיך אַרײַן אין דער ריי!

— וואָס מיר ריי, ווער מיר ריי!? איך פֿאָר צו דער אַרבעט!

— ווען גייט עס אָן? שטעלט זיך אַרײַן אין דער ריי.

— איך וועל פֿאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט...

— פֿאַרשפּעטיקט! אַרבעט אינגאַנצן נישט! ווען מאַכט איר גליקלעך מיט אײַער אַרבעט? שטעלט זיך אַרײַן אין תור ווי אַלע שטייען!

— „לא לעלות"! אַ האַסטיקער טראַסק פֿון דער אויטאָבוסן־טיר. אַ געשריי פֿון אַ פֿרוי מיט אַן איינגעקוועטשטן פֿוס. דער אויטאָ רירט פֿון אָרט אָפּפֿירנדיק די גליקלעכע צום ים.

איך לויף צוריק צו מײַן ווײַב. גיב איר איבער די לעצטע נײַעס און ביידע באַרעכענען מיר אויף גיך, אַז אין אַ צוויי־דריי שעה אַרום וועלן מיר שוין מסתמא זיצן אין אויטאָבוס.

מײַן זון דערפֿרייט זיך און לויפֿט אַוועק קויפֿן אַן „עסקימאָ". איך טו אָן די באָד־הייזלעך אויפֿן צעהיצטן קאָפּ.

צען אַ זייגער זענען מיר געווען אינגאַנצן אַ פֿערטל קילאָמעטער

פון אויטאָבוס. מיט אַ גוטער לאַרנעטע, האָט מען שוין געקענט זען וואָס דאָרט קומט פאָר.

10.15 איז צוגעפאָרן נאָך אַן אויטאָ. אין פינף מינוט אַרום האָט דער רויטער מגן־דוד אַוועקגעפירט אַ מפלדיקע פרוי און צוויי צעקוועטשטע קינדער.

איך האָב זיך דערוויל אויסגעבאָדן אין אייגענעם שווייס וואָס איז געווען געזאָלצן — פונקט ווי דער ים. ביי מיין ווייב איז שוין אַראָפּגעקראָכן די צווייטע הויט פון דער נאָז. איך האָב אויסגעטאָן די שיך פון די געשוואָלענע פיס און אַוועק קויפן אַ צייטונג, כדי מיין ווייב זאָל האָבן מיט וואָס זיך צו פאַרדעקן דעם קאָפּ...

עלף אַ זייגער זענען מיר שוין געווען גאָר נאָענט פון דער סטאַציע. פאַר אונדז האָבן זיך אַוועקגעשטעלט עטלעכע צענדליק עקסקורסאַנטן, וועלכע זענען אַריין אין נאָענסטן אויטאָ. אַ פרוי האָט דערוויל באַוויזן אָפּצוחלשן. אַ מאַנספּערשוין האָט פּלוצים אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענט — ווי ער וואָלט געשווומען. צוויי ווייבער האָבן געשאָלטן דעם ים און זייערע מענער — די רעגירונג...

12.30 איז אָנגעקומען אַ גרויסער „טייגער". מיר האָבן זיך גענומען שטופּן מיט אַלע כוחות. עמעצער איז געקראָכן איבער מיינע אַקסלען.

— פעטער, ווו גייט איר?!

— אויף קידוש־השם! — האָט ער מיר געענטפערט און אַרייַנגעקראָכן דורך אַ פענצטער.

פאַר מיר האָט זיך געשטופּט דער, וואָס דאַרף פאָרן צו דער אַרבעט. די גאַנצע צייט האָט ער געהאַלטן אין איין ריידן וועגן יושר און גערעכטיקייט. מסתמא אַ געריכטער פונעם זינען — אפשר פאָרט ער גאָרנישט צו דער אַרבעט נאָר אין דעם באַוווסטן בת־ימער משוגעים־הויז?

דערוויל האָט זיך מיר איינגעגעבן אַריינצושטופּן מיין ווייב און זון דורך אַ פענצטער. עפּעס אַ ווייבל האָט זיך געוואָלט אַריינשטופּן דווקא פאַר מיר. איך האָב נישט געוואָלט אַז מיין מענער־ערע זאָל געטרעטן ווערן מיט אירע פיס. איך האָב זי אָנגעכאַפּט פאַרן קלייד און זי איז שטיין געבליבן — אין באַד־קאָסטיום...

דער שאָפער האָט פּלוצים אויסגעשריגן: „לא לעלות"! די טיר האָט מיך געגעבן אַ קלעם איין און צעבראָכן די ברילן אין קעשענע. אַפּפאָרנדיק

עטלעכע הונדערט מעטער האָט ער געעפנט די טיר און מיך באַפרייט פון דער קלעם.

מיין ווייב איז געהאָנגען אויף אַ פּאָליציאַנט. דער זון איז געלעגן אונטער אַ באַנק און איך האָב ערשט איצט באַמערקט, אַז כ׳האָב נישט מיינע שיך.

דער „אַרבעטער״ איז געשטאַנען אויף מיין רעכטן באָרוועסן פוס און זיך געהאַלטן ביי מיינע האָר. איך האָב אים העפלעך איבערגעבעטן און אָנגעוויזן אויף די געלאָקטע האָר פון דער פרוי אין באָד־קאָסטיום...

פּלוצלונג האָט דער שאָפער האַסטיק פאַרהאַמעוועט. מיין ווייב מיטן פּאָליציאַנט זענען אַ פלי געטאָן אין מיין ריכטונג; דער „אַרבעטער״ איז געבליבן ליגן אויף דער וואָס אין באָד־קאָסטיום און איך אויף טאָמאַטן...

מיין זון האָט זיך דערוויל רואיק געגעסן וויינטרויבן פון אַ פרעמד קוישל.

ביים סוף מלך־דזשאָרזש, אין יפו, קלינגט מען. דאָס וויל דער „אַר־בעטער״ אַראָפּגיין.

דער שאָפער גיט אַ געגעץ און פאָרט ווייטער.

דער אַרבעטער הערט נישט אויף צו קלינגען. קינדער וויינען; מאַמעס באַרואיקן זיי און דער שאָפער שרייט אַלעמען איבער:

— וואָס האָט איר זיך צעקלונגען!? וואָס איז דאָ — אַ קלויסטער? איך פאָר עקספּרעס ביזן ים.

— אָבער איך וויל זיך נישט באָדן! איך דאַרף צו דער אַרבעט!

— קענט איר נישט געפינען ערגעץ אַנדערש קיין אַרבעט, נאָר דווקא אויף דער ליניע מיט וועלכער מען פאָרט צום ים?

— לאָזט אים אַראָפּ — בעט זיך עמעצער ביים שאָפער — ער איז שוין זיינס אָפּגעקומען...

— דער שאָפער גיט אַ „ברעקס״, עפנט די טיר און שרייט אים נאָך:

— אייזל!

די לופט אין אויטאָבוס ווערט וואָס אַמאָל געדיכטער. די קליידער קלעבן זיך צום פאַרשוויצטן לייב. דער באָד־קאָסטיום אויף מיין קאָפּ איז נאָך אַלץ טרוקן...

1.30 זענען מיר, מיט גאָטס הילף, אָנגעקומען קיין בת־ים.

2.00 אַ זייגער האָבן מיר אָפּגעגעבן אונדזערע זאַכן אין גאַרדעראָבע.

— ווו איז דער ים? — פרעג איך אַ דורכגייער.

— וואָסער ים?

— דער מיטללענדישער.

— אָט־אָ דאָרט, — ווייזט ער מיר אויף מעריב זייט — די מענטשן פאַרשטעלן אים.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן דורכשטופּן צום ים.

— העי, אַדוני, ווו שטופּט איר זיך?!

— צום ים.

— אַ משוגענער! — לאַכט ער און ווייזט מיט אַ פינגער אויפן שטערן.

וואָס איז, נישטאָ קיין ים?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? מען קען דען צוקומען אַהין?

כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט אײַנגאַנצן אַ דערשעפּטער. מײַן ווײַב האָט אויסגעזען ווי אַ ראַק, וועלכן מען האָט נאָר וואָס אָפּגעקאָכט. מײַן זון איז אויסגערונען. אַוועקגעקומען און שוין.

— מרים! — שריי איך — ווו איז דער טיוול?

— וועלכער טיוול?

— וויפל טיוולאָנים האָבן מיר דאָס?

— ווער, יאָסל? אוי אַ צרה האָט מיך געטראָפן? ווו איז ער?

— וועמען פרעגסטו, מיך?

— וועמען דען זאָל איך פרעגן, יאָקלען?

פּלוצלונג, — ער איז דאָ דער תכשיט. טאַטע — זאָגט ער — קום — כ׳האָב מיר געמאַכט אַ ים.

— אַ וואָס?

— אַ ים!

— וואָס הייסט, האָסט דיר געמאַכט אַ ים?

— כ׳האָב אויסגעגראָבן אַ גרוב אין זאַמד און איצט איז עס שוין פול וואַסער. קום, מיר וועלן זיך דאָרט קענען אַביסל פּאַטשקען.

— זיץ אויף אַן אָרט און ריר זיך נישט פון דאַנען! — האָב איך אים שטרענג אַ זאָג געטאָן — מיר וועלן זיך אַביסל אויסרוען און מיר פאָרן גלייך צוריק אַהיים!

— און וואָס וועט זיין מיטן ים?

— אויס ים! עס ווערט שוין טונקל. מיר פאָרן אַהיים!

* * *

דאָס אַלץ איז פאַרגעקומען מיט אַ וואָך צוריק. מײַן ווייב ליגט נאָך אַלץ אין היץ, אַ אָפּגעסמאַליעטע, אַ אָפּגעשיילטע.

מײַן זון דרייט זיך אַרום אַ הונגעריקער, אַ נישט־געגעסענער און האָט אַפילו קיין כוח נישט צו שלאָגן זיך מיט פרעמדע קינדער.

מיך דאַרפט איר אויך נישט מקנא זײַן. איך בין נאָך היינט אַ טויטער. נאָר איין טרייסט האָב איך: איך האָב אין זיי ביידן דערלעבט אַ נקמה...

איך בין זיכער, אַז אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועלן מיר שוין צום ים נישט פאָרן...

מיר מאַכן אַ לעבן פון גאָרנישט

אָנגעהויבן האָט זיך עס פון גאָרנישט. אָט סתּם אַזוי זיך. מאָטל איז אַריין אין אַרבעטס־אַמט און געבעטן עפּעס אַ באַשעפטיקונג.

— „ווי אַלט זענט איר?" — האָט יענער געפרעגט.

— „צוויי־און־פערציק"...

— נישטאָ גאָרניט. — האָט דער אָנגעשטעלטער געענטפערט נישט אויפהויבנדיק די אויגן פון דער צייטונג.

— וואָס הייסט גאָרנישט? — האָט מאָטל זיך געחידושט — גאָרנישט איז גוט צו די אויגן. אָבער איך דאַרף דאָך עפּעס־וואָס פאַרן מאָגן אויך... אַראָפּגענומען מענטשן פון דער שיף, פאַרפירט זיי ערגעץ אין אַ וויסטן מדבר און הייסט זיי לעבן פון גאָרנישט?

— וואָס האָט איר זיך צעשריגן?! — האָט יענער אויפגעהויבן די אויגן פון דער צייטונג און אַ בליק געטאָן אויף מאָטלען — אין אַ קריסטלעכן אַרבעטס־אַמט וואָלט איר אויך געהאַט די חוצפּה אַזוי צו שרייען?

— פאַרדעם בין איך דאָך אַהערגעקומען, אַז איך זאָל קענען שרייען. געענוג זיך אָנגעשוויגן. איצט ווילט זיך אַביסעלע אַ שריי טאָן... וואָסי, מען טאָר נישט?

— שרייט, שרייט וויפל איר ווילט. אָבער נישט דאָ. דאָ שטערט איר אין דער אַרבעט.

— אין וועלכער אַרבעט?

— אין דער נאָרמאַלער אַרבעט פון אונדזער אַמט.

— דאָס הייסט ביי אייך אַ נאָרמאַלע אַרבעט? איך זע דאָך אַז איר טוט גאָרנישט.

— טאָ וואָס האָט איר געוואָלט, אַז איך זאָל קריכן אויף די גלייכע ווענט? אַז מען האָט דאָ צוטאָן מיט בלויזע מיוחסים. גיב זיי אַלע גוטע פּאָסטנס! פונוואַנען זאָל איך נעמען די גוטע פּאָסטנס? פון אַרבל אויסקראַצן?

— ווער הייסט אייך קראַצן? וואָס וועט אייך העלפן אַ קראַצן? מען דאַרף אַמאָל אַן אַרבעט טאָן מיטן קאָפּ, מיטן מוח, אויב איר פאַרמאָגט בכלל אַזאַ זאַך...

— רב ייִד, טשעפּעט אייך אָפּ פון מיר! איך האָב גאָרנישט!

— דאָס זע איך. אָבער איך מוז דאָך פאָרט פאַרדינען אַ פּאָר פּיאַסטער.

— דחק־אַרבעט ווילט איר?

— וואָס איז דאָס פאַראַ אַרבעט? וואָס דאַרף איך טאָן?

— גאָרנישט.

— דאָס גייט אויפן טאָג, צי דאָס איז אַ אַקאָרד־אַרבעט?

— דאָס גייט אויפן חודש. צוועלף טעג אַ חודש צו פינף שעה אַ טאָג...

מאָטל האָט זיך אַ רוק געטאָן נענטער צום פענצטערל און אַ ווייז געטאָן זיינע צוויי הענט:

— איר זעט: אויף יעדן פינגער צוויי מאָזאָליעס. די הויט איז האַרט ווי אַ טרוקענע פּאָדעשוועי, ווילט איר אַז מיט אַזעלכע הענט זאָל איך אַרבעטן ביי גאָרנישט? פונוואַנען ווייסט איר, אַז איך וועל זיך בכלל פּאַסן צו דער אַרבעט? אפשר טויג איך גאָרנישט צו איר? וואָס מיינט איר, אַז גאָרנישט טאָן איז קיין אַרבעט נישט? טאָ הערט זשע וואָס איך זאָג אייך: גאָרנישט טאָן איז אַ שווערע אַרבעט, אפשר די שווערסטע אַרבעט מיט וועלכע מען קען באַשטראָפן אַ מענטשן...

— טאָ וואָזשע ווילט איר, אַז איך זאָל אייך מאַכן פאַר אַ מיניסטער?

— איז נישט קיין מיניסטער! איך מוז נישט זיין גלייך אַ מיניס־טער... אָבער אַ שטיקל אַמבאַסאַדאָר, אַ פּיצעלע שליח־צבור קען איך זיין? דאָס אויך נישט? טאָ מאַכט מיך פאַר אַ טרעגער! מען בויט דאָך דאָ אַ נייעם פּאָרט, דאַרף מען נישט קיין טרעגער? אַ פּאָרט אָן טרעגער?

— דערווייל איז נאָך אויפן הימל אַ יאַריד...

— טאָ מאַכט מיך פאַר אַ גאַסן־קערער! אויסקערן דאָס מיסט פון די גאַסן וועל איך קענען? זאָל זיין אַ גאַסן־קערער אַבי פאַרדינען און לעבן בכבוד.

— מיר דאַרפן נישט קיין גאַסן־קערער. נישטאָ וואָס צו קערן. דערווייל איז נאָך נישטאָ ווער עס זאָל אָנמאַכן.

— טאָ פאַרוואָס זאָרגט איר נישט, אַז עס זאָל זיין? פאַרוואָס זאָלט איר אַליין נישט אַרויסגיין אין גאַס און אָנמאַכן, אַז נאָך אַ ייד זאָל האָבן פון וואָס צו לעבן? זיצן און משוגע ווערן פון גאָרנישט טאָן איז בעסער? איר אַליין ווילט נישט? דאַרף מען נישט! אָבער איר זאָגט דאָך אַז דחק־אַרבעטער טוען גאָרנישט. שיקט מען זיי אַרויס אין גאַס און מען הייסט זיי אָנמאַכן: אָנוואַרפן פּאַפּירן, אַלטע צייטונגען, שאָלן פון באַנאַנען, אַלטע שמאַטעס, אַז עס זאָל זיין וואָס צו קלויבן, וואָס צו רייניקן. ווערן גאַסן־קערער האָבן פרנסה און אַז גאַסן־קערער ווערן פאַרדינען געלט, ווערן זיי קענען פאַריכטן די אַלטע שיך מען זאָל האָבן אין וואָס אַרויסצוגיין שבת שפּאַצירן; ווערן דאָך שוסטער האָבן אַרבעט. ווערן זיי זיך אויפבויען אַ פּאָר הויזן; ווערן שניידער זיין פאַרזאָרגט מיט פרנסה און דאַרפן נאָדל־פאָדעם. וועט מען דאָך דאַרפן פאַבריקן און שפּינערייען מיט אַרבעטער, מיט אָנגעשטעלטע, מיט דירעקטאָרן, מיט שאָפערן, מיט אַ הסתדרות, מיט שטרייקן, מיט שטרייקברעכער, מיט פּאָליציי, מיט תפיסות, מיט שומרים; און זייערע ווייבער און קינדער ווערן מוזן האָבן שולן, און קינדערהיימען מיט לערער און לערערינס. איצט ווי וועט מען קענען עפּעס קויפן? אַ שטיקל ברויט, אַ פאַלאַפל, אַ צוקערקע, אַ זיסן לעקער אויף אַ שטעקעלע, אַ פערטל עוף אויף מיטאָג, אַ סלויעקל „לעבען", צי סמעטענע, צי גאַר פיש אויף שבת — וועט מען דאָך דאַרפן שפּייז־געוועלבלעך און דעליקאַטעסן־קראָמען און יאַטקעס און פיש־געוועלבער און פישער וואָס זאָלן כאַפּן די פיש.

און פאַר שולן און קינדער־גערטנער דאַרף מען דאָך טישן און בענק עס זאָל זיין אויף וואָס צו זיצן און וואָס צו צעברעכן — וועט מען דאָך זיכער דאַרפן טישלער וואָס זאָלן דאָס אַלץ מאַכן. און ווי וועט מען נעמען אַזויפיל מענטשן צו דעם אַלעם? פאַרשטייט זיך אַז מען וועט זיי מוזן אַריינפירן. און אויב יידן ווערן וויסן, אַז דאָ וואַרטן אויף זיי אַרבעטס־פּלעצער און פרנסה, ווערן זיי זיך נישט לאָזן לאַנג בעטן און קומען; ווערן יעדן טאָג אָנקומען נייע שיפן צום פּאָרט און אין אַ פּאָרט דאַרף מען טרעגער און שאָפערן און דירעקטאָרן. עס ווערן קומען מאַטראָסן, וואָס ווילן כאַפּן אַ טרונק, אַ שהכל, זיצן אין אַ נאַכט־לאָקאַל צי סתם אין אַ קאַפע־הויז. און ווו האָט איר געזען קאַפע־הייזער אָן קעלנערס, אָן באַרמאַנס, אָן פאַרטעצערינס, אָן אונטערגעהאַקטע זייטן און אויסגעהאַקטע ציינער מיט וועלכע מען מוז לויפן צו אַ צאָן־דאָקטאָר, צי סתם זיך אַריינלייגן אין אַ שפּיטאָל? וועט מען טאַקע אויף שנעל מוזן בויען אייגענע שפּיטאָלן, מיט דאָקטוירים,

מיט קראַנקן־שוועסטער, מיט סאַניטאַרן, מיט לאַבאָראַנטן, מיט כירורגן און מיט אַן אייגענער חברה־קדישה...

נו, זעט איר שוין ווי אַזוי מען קאָן קומען צו אַן אייגענער שטאָט? נישט מיטן זיצן אין דעם ענגן ביורא און משוגע ווערן פון גאָרנישט טאָן. טאָ זייטזשע מוחל: לייגט אַוועק די צייטונג, נעמט אַביסל מיסט, אַביסל פאַרשטויבטע אַקטן און וואַרפט זיי אַרויס אין גאַס. קודם־כל וועל איך האָבן וואָס צו קערן. לאָמיר טאַקע גלייך אָנהייבן אַנטוויקלען די שטאָט! איך וועל נאָר צולויפן און ברענגען דעם בעזים. ווייל אַז מען וויל אָנהייבן עפּעס־וואָס טאָן, דאַרף מען — קודם־כל — האָבן אַ גוטן בעזים...

אולטראַ־מאָדערניזם

איך האָב אַ פריינד, איז ער משוגע אויפן פונקט פון מאָלעריי.

— קום — גיט ער מיך נעכטן אַ כאַפּ — לאָמיר גיין זען אַן אויס־שטעלונג פון אולטראַ־מאָדערנער קונסט.

— מיט וואָס עסט מען דאָס? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

— מיט די אויגן... — האָט ער מיר סודותפול געענטפערט.

כ׳בין פשוט געוואָרן פּאַראינטריגירט. ווייל קודם־כל, וועל איך זיך באַרייכערן מיט נייעם וויסן, מיט נייע באַגריפן, והשנית — שאַדט נישט אַמאָל אַרויסצורייסן זיך פון דער טאָגטעגלעכער גרויקייט און זען עפּעס נייעס, דערפרישנדיקס, מאָדערנעס. בפרט נאָך, אַז דאָ רעדט זיך וועגן קונסט.

זענען מיר געגאַנגען.

— דו זעסט? — גיט ער מיר אַ זאָג נאָכן אָנקומען אויפן אָרט, — דאָס איז קוביסטישע מאָלעריי. זע ווי גראַציעז, ווי אַנטציקנדיק!

— וואָס זעסטו אין דעם?

— וואָס הייסט וואָס איך זע? וואָס זע איך נישט? אַלץ האָסטו דאָ: פאַרב, קאָמפּאָזיציע, מחשבה, גייסט, וויזיאָנערישקייט...

— הרגע מיך אַוועק, — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט — איך זע דאָ גאָרנישט.

— וואָס הייסט, גאָרנישט? וואָס ביסטו בלינד?

— וויזט אויס... מען האָט גענומען אַ ריין שטיק לייוונט, פאַר־פּאַטשקעט עס מיט עלף־און־ניינציק פאַרבן; דאָ אַ שטריך, דאָרט אַ רעדל, דאָ אַ פּאַסיקל, דאָרט אַ דרייעק... דאָס איז ביי דיר אַ מייסטער־ווערק? פון דעם ווערסטו עס אַזוי נתפעל? דאָס הייסט ביי דיר מאָלעריי?

— אויב דו רעדסט אַזוי, מיין פריינט, — זאָגט ער — איז אַ סימן אַז די צייט האָט דיך איבערגעיאָגט און געלאָזן ווייט־ווייט הינטער זיך. אָבער איצט קום, לאָמיר גיין ווייטער.

זענען מיר געגאַנגען ווייטער.

— וואָס איז דאָס?

— אַ פּאַרט.

— ווּ איז דער ים, די שיפן?

— וואָס הייסט, ווּ? קענסט נישט לייענען? אָט שטייט דאָך בפירוש געשריבן: „דער האַפן". זעסט נישט די שיפן?

— אַ שוואַרצער חלום אויפן מאָלערס קאָפּ! אָט האָסטו דיר אַן אול־טראַ־מאָדערנעם האַפן. זאָגט מיר: אפשר העננגט דאָס בילד פאַרקערט?

— ש... ש... ש... — לייגט ער צו אַ פינגער צום מויל און קוקט זיך דערשראָקן אַרום — רעד כאָטש אַ ביסל שטילער. זאָלן מענטשן נישט הערן וואָסער עם־הארץ דו ביסט...

און אַליין ווערט ער רויט, ווי אַ רויט קיילעכל אויפן „בילד", וואָס דאַרף מיט זיך פאָרשטעלן אַ שיף.

כ'האָב מער נישט גערעדט קיין וואָרט. כ'האָב באַשלאָסן מער נישט צו עפענען דאָס מויל. כ'וואָלט אפשר געהאַלטן מיין וואָרט, נאָר פּלוצים האָב איך דערזען אַ שוואַרצע לייוונט אין אַ ווייסער ראַם.

— וואָס איז דאָס? — האָב איך געפרעגט אויף שטום־לשון, אַ דריי־טוענדיק מיט דער האַנט.

— יפו.

— אונדזער יפו?

— יאָ.

— ווּ זענען די הייזער, די שמאָלע געסלעך, דער זייגער, דער „פּליי־מאַרק", דער שטח־הגדול, דער צירק? — האָב איך אים געשעפּ־טשעט אין אויער אַריין.

— זעסט דאָך, אַז עס איז ביינאַכט! — האָט ער מיר צוריקגעסיקעט אין אויער אַריין.

— נו, און אויב אַפילו ביינאַכט? — האָב איך שוין גענומען ריידן אַ קאַפּיטשקע העכער — ווי זעט מען דאָס נישט קיין מענטש, קיין לעבע־דיקן הונט, קיין איין באַלויכטן פענצטער? קיין איין גאַסן־לאַמטערן? ס'איז דאָך עפּעס יפו!

— געוואָוען אַ קורצשלוס אין דער עלעקטרישער־סטאַנציע! אַ קורצ־שלוס!!! — קריצט ער אַרויס דורך די פאַרביסענע ציינער. — זע בעסער וויפל שטימונג, וויפל ראָמאַנטישע צוריקגעהאַלטנקייט, וויפל עראָטיק...

— ווּ?

— דאָ!... — זע דעם הינטערגרונט, די פּאַנאָראַמע, די מאַגנעטישע

צוציונגס־קראפט, די וויזיאנערישע געשטאלטונג פון דעם אומענדלעכן ארום, די גראנדיעזע, ממש היפנאטישע ווירקונג אויפן צושויער.

— דו רעדסט נאך אלץ וועגן דעם שווארצן „בילד״?

— נאר א בלינדער קען זאגן אז דאס איז שווארץ. נאר איינער מיט אזא שווארץ געמיט ווי דו.

— מעגלעך אז דו ביסט גערעכט... איך קען דיר אבער מיט גארנישט העלפן. איך זע דא א שטיק לייוונט אויף וועלכן מען האט אויסגעגאסן א האלבע קילא שווארצע פארב, צעשמירט עס מיט א קאלך־פענדזל, איינגערעמט עס אין א וויסער ראם און אויפגעהאנגען אט־א דא צום טרוקענען...

— דאס איז אלץ וואס דו זעסט?

— נישט אלץ. אויסער דעם זע איך א בהמה וואס שטייט און גלאצט מיט די אויגן, וואס פאלט אריין אין קעלבערנער התפעלות, וואס שיט מיט הויכע ווערטער וועלכע דארפן פארדעקן פוסטקייט; וואס וויל מיך איבערצייגן, אז דער מלך גייט אנגעטאן אין א בגד פון געוואנט, וועלכן נאר חכמים קענען זען, און איך זע דאך, אז דער מלך איז נאקעט! אדם נאקעט! אזעלכע בילדער וואלטן אפשר געפאסט אויף צו באצירן בלומענטעפּ, אדער ערדענע וואסער־קרוגן. נאר אויפהענגען עס אויף דער וואנט? א בילד וואס זאגט גארנישט, וואס באווייזט גארנישט, וואס מען קען עס אויפהענגען מיטן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף?... איבריקנס: דיין גאנצע מאדערנע קונסט איז דאך, דעם אמת געזאגט, בכלל אן א קאפ און אן פיס. דו לאכסט? לאך! לאך! וועמען ארט עס... זאל זיין אז איך בין אפגעשטאנען, אומקולטורעל. איך וועל זיך אבער ווייטער קוויקן מיט א רעמבראנד און א וואן־גאך, מיט א רובענס און א שאגאל. זייריידן צו מיר און איך פארשטיי וואס זיי ריידן. צו זיי דארף איך נישט קיין הימל־הויכן לעקסיקאן. זיי זענען גרויס אין זייער באשיידנקייט, אין זייער נאטוראליזם, אין זייער קינסטלערישער קלארקייט, אין זייער טיפער מענטשלעכקייט. ביי זיי איז א מענטש — א מענטש; א פארד — א פארד; א שטאט — א שטאט און א בהמה — א בהמה... ווייסטו פארוואס? ווייל זיי זענען געווען מאלער וואס האבן געקענט מאלן און אזעלכע וועלן זיי פארבלייבן אויף אייביק, אויף תמיד...

מיר האבן פארלאזן די „אויסשטעלונג״, אריין אין א קאפע אויסטרינקען א געוויינטלעך גלאז טיי און כאפן א געשמאקן רעאליסטישן „סענדוויטש״...

דער טוריסט

איך זאָג אייך, פּלאַצן קען מען פון די ישראל־יידן! איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ קליין לאַנד מיט אַזעלכע גרויסהאַלטערס. רעד מיט זיי, וועסטו הערן, אַז זייער לאַנד איז דאָס שענסטע, דאָס לענגסטע, דאָס בעסטע, דאָס טייערסטע — ממש דער פּופּיק פון דער וועלט!

אַנומלט, הערט איר, זענען מיר אַרויס אויף אַן אויספלוג. דער וועגווייזער איז געווען אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ קורץ געשוירן בערדעלע, מיט פּאות אַ־לאַ רודאָלף וואַלענטינאָ, מיט אַ געשליפן ציגעלע און פּאָר־פּרעסטע, קורצע כאַקי־הויזן.

— איר זעט, — ווייזט ער מיר — דאָס איז דער גלבוע־באַרג.

— וווּ? פרעג איך.

— אָט־אָ דער באַרג, וועלכן איר זעט פאַר זיך...

— אָט־אָ דאָס בערגעלע? — שטעל איך אויס אויף אים אַ פּאָר אויגן — דאָס איז ביי אייך אַ באַרג? אַ וואַזשנער באַרג! איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן? איר זענט דאָ אַלע קראַנק, מסוכן קראַנק זענט איר! אייער קרענק רופט זיך: גרויסקייט־מאַניע! אויף אייער אייגן לאַנד קוקט איר מיט ריזיקע פאַרגרעסערונגס־גלעזער און אַז איר דאַרפט זען עפּעס־וואָס פּרעמדס — דרייט איר איבער די לאָרנעטע... אַ טראָפּן וואַסער איז דאָ ביי אייך אַ טייך, אַ טייכל — אַ ים און אַן אַזיערע — אַן אָקעאַן רחמנאַ לצלן! אַדרבא, זאָגט איר אַליין: אָט דאָס אָ קען מען אָנרופן באַרג? ס'איז דאָך גרויס ווי אַ גענעץ! מיין בייכל איז דאָך שוין באַלד גרעסער כאַ־כאַ־כאַ... געזען אַ באַרג? ס'וואָלט געפּאַסט, אַז איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געזען קיין ריכטיקן באַרג. עך, „באַי", „באַי"! ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך שוין אויסגעוועזן אַ וועלט, און בערג האָב איך געזען, אַז איר וואָלט געעפּנט אויג און אויערן! איר דאַרפט אָנקוקן אַ מאָנט־עווערעסט, אַ מאָן־בלאַן, אַ מאָנאַ־ליזאַ. אָט דאָס זענען בערג! אַז מען דראַפּעט זיך אַרויף אויף אַזאַ מאָן־בלאַן, צי מאָנאַ־ליזאַ, פאַרגייט אייך דער אַפּעטיט אַראָפּצוקריכן... דער קאָפּ פאַרדרייט זיך אַזש...

— אמת, אמת, — שאָקלט מיין וועג־ווייזער מיטן קאָפּ — דאָס זענען טאַקע די ריכטיקע בערג, אָבער אונדזער גלבוע איז אַן אַלטער באַרג, אַ היסטאָרישער. אָט־אָ דאָ האָט דער מלך שאול געקעמפט מיט די פלשתים און זעענדיק, אַז עס דראָט אים אַריינצופאַלן אין געפאַנגענ־שאַפט, האָט ער זיך דערשטאָכן מיט דער אייגענער שווערד...

— ער האָט, הייסט עס, געמאַכט כאַראַקירי? — פרעג איך.

— אַזוי הייסט עס...

— ער איז דען געווען אַ יאַפּאַנער?

— ניין, אַ ייד. אַ שטאָלצער ייד. אַ יידישער מלך!

— אַ מאָדנער מלך... — זאָג איך.

— אַ גרויסער מלך! — הייבט ער אויף אַ פינגער צום הימל.

— ביי אייך! ביי אייך! — ווער איך שוין ווידער אין כעס פאַר זיין באַרימען זיך מיט אַ מלך, פון וועלכן איך האָב אַפילו נישט געהערט, — ביי אייך איז אַלץ גרויס! ווען ער וואָלט געווען אַן אמתער מלך, וואָלט ער נישט געמאַכט קיין כאַראַקירי. אַן אמתער מלך נעמט זיך נישט דאָס לעבן! ער נעמט עס צו ביי אַנדערע... אַן אמתער מלך וואָלט געכאַפּט אַן אַעראָפּלאַן, צי אַ העליקאָפּטער און גלייך געקומען צו אונדז, קיין אַמע־ריקע... וויפיל מלכים דרייען זיך אַרום ביי אונדז? ווו איר גייט און שטייט טרעפט איר געוועזענע מלכים, פריצים, פרינצן און כל־מיני אימפּעראַ־טאָרס! אַ וועלט מיט געוועזענע... און אַז עס איז דאָ אַזויפיל, וואָלט דאָס זיכער קיינעם נישט געאַרט, ווען עס דרייט זיך אַרום נאָך עפּעס אַ מלך... אָבער שטעכן זיך? פע, אַן אומזין! נישט שיין!...

איר מיינט, אַז ער האָט מיר געהאַט וואָס צו ענטפערן? ער איז געשטאַנען, געקוקט אויף מיר און כ׳האָב באַשיינפּערלעך געזען, אַז כ׳האָב אים געגעבן אַ „מאַט". ערשט נאָך אַ לאַנגן שטילשווייגן, רופט ער זיך אָפּ:

— איר ווילט אפשר פאָרן קיין ירושלים?

— מ׳קען פאָרן... — זאָג איך — וואָס איז מיר דער אונטערשיד וווהין איך פאָר? זאָל זיין ירושלים. אויסגעוועזן אַ וועלט; געזען פּאַריז, לאָנדאָן, רוים, מאַדריד, גענואַ, — וועל איך זען נאָך אַ שטאָט...

טאָ זייט זשע מוחל... — זאָגט ער, אַז מען האָט קוים געהערט וואָס ער רעדט — און קריכט אַריין אין אויטאָ. מיר פאָרן קיין ירושלים...

אָנגעקומען אין דעם ירושלים, גיט ער מיך אַ פרעג:

— איר ווילט, אפשר, אַרויפגיין אויפן ציון־באַרג?

— אַרויפגיין? — פרעג איך אַ פאַרוואונדערטער.

— יאָ, אַרויפגיין...

— צופוס?

— צופוס...

— נישטאָ דאָרט קיין קאַלייקע, ווי אין דער שווייץ?

— נישטאָ... — צעפּירט ער די הענט.

— נו מילא, — זאָג איך — נישטאָ איז נישטאָ... קומט, לאָמיר קלעטערן.

— אַרויפגעדראַפּעט זיך מיט מזל, גיט ער מיר אַ ווייז:

— איר זעט אָט־אָ דאָרטן? דאָס איז אונדזער כותל־המערבי.

— איך גיב אַ קוק: עס שטייט אַ וואַנט, אַן איינאיינציקע וואַנט! דערצו איז זי נאָך באַוואַקסן מיט גרינעם מאָך... אַרום איר — גאָרנישט! אַ ליידיקער פּלאַץ.

— ביי אונדז, — זאָג איך — אין אַמעריקע, וואָלט מען אַזאַ וואַנט גלייך צעלייגט און אויף דעם אָרט אַוועקגעשטעלט אַ הויז, אָדער אַ וואָלקנ־קראַצער מיט סטאָרן, מיט אָפיסעס, מיט אַ סינימאַ, עס זאָל זיין פאַרשטייט איר מיך, אויף וואָס צו קוקן...

— אַ שאָד — זאָגט ער — טאַקע אַ גוטע עצה, נאָר מיר קענען דאָס נישט מאַכן, ווייל די וואַנט איז אויף יענער זייט גרענעץ — אין ירדן...

איר הערט אַ מעשה? צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן הער איך, אַז מענטשן זאָלן זיך באַרימען מיט דעם, וואָס עמעץ אַנדערש האָט... איך אַליין, הערט איר, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, האָב איך נישט פאַרמאָגט קיין צעבראָכענעם סענט. גאָרנישט, זאָג איך אייך! מיינט איר, אַז איך האָב זיך עפּעס געגומען צום האַרצן? ווייס איך וואָס! קודם־כל האָב איך פאַר־קויפט צייטונגען; שפּעטער האָב איך זיך איבערגעוואָרפן צו דער שיך־בראַנזשע. איך האָב, הייסט עס, אָנגעהויבן פוצן שיך; נאָכדעם האָב איך אַ שטיקל צייט געפּעדלט און אַז איך בין געקומען צו די ערשטע עטלעכע דאָלאַר, בין איך צוגעשטאַנען אַלס שותף צו אַ שטאָל־גיסעריי. כ׳האָב אָפּגעקויפט אַקציעס פון עטלעכע נאַפט־געזעלשאַפטן, אַריינגעלייגט געלט אין אַ שיפס־קאָמפּאַניע, געוואָרן פּרעזידענט פון דער שול, פּרעזעס פון עטלעכע פילאַנטראָפּישע „סאָסיעטעס" און געעפנט אַ ריזן־פאַבריק פון קיי־גומי וואָס אַזעלכעס זעט מען נישט אין קיין שום אַנדער לאַנד. אין ערגעץ, פאַרשטייט איר מיך, קייט מען נישט אַזויפיל גומי ווי ביי אונדז

אין אַמעריקע. און קייען קייט מען נאָר מיין גומי! זיי קייען און איך מאַך די קערבלעך... כאַ־כאַ־כאַ! נו, האַלט איך זיך דערפאַר אין גרויסן? דערציייל איך דאָס יעדן איינעם ווער איך בין, וואָס איך בין און פון וואַנען איך בין? וואָלט מיר אַמאָל איינגעפאַלן צו רימען זיך מיט דעם, וואָס עס האָט אַ ראָק־פעלער, אַ בלאַושטיין, צי אַ פאָרד?

— אַ מענטש, פאַרשטייט איר מיך, דאַרף זיך האַלטן באַשיידן. נישט בלאָזן פון זיך! איך אַליין, ווי איר קוקט מיך אָן, בין בכוח אָפּצוקויפן אייער גאַנץ ירושלים, צוזאַמען מיטן באַרג, מיטביידע בערג, ווי הייסן זיי דאָרט: גיל... גילבוע און דעם ציוניסטישן באַרג דעם הר־ציון מיט דער וואַנט וואָס געהערט נישט צו אייך, און איך פאַרזיכער אייך, אַז עס וועט מיר נאָך בלייבן אַ רעשט!... נו, וועט מיר אַמאָל איינפאַלן זיך מיט דעם צו באַרימען? אַ מענטש דאַרף זיין באַשיידן! באַגנוגענען זיך מיט דעם וואָס ער האָט און נישט קריכן יענעם אין די אויגן אַריין! נישט מיינען, אַז ער איז דאָס אויבערשטע פון שטויסל! ביי מיר, הערט איר, איז אַ מיליאָן — אַ שפּיי! אַ גאָרנישט שבגאָרנישט! פונדעסטוועגן, אַז מען קוקט אויף מיר, קען מען מיינען, אַז איך פאַרמאָג נישט קיין צעבראָכענעם דרייער... ווייל איך האָב פיינט אויסשטעכן יענעם די אויגן! איך וויל נישט, אַז מענטשן זאָלן מיך מקנא זיין. אַ מענטש מוז זיך תמיד היטן פון אַ בייז אויג, פון אַן עין־הרע... נאָר וואָס איז דאָ צו ריידן: איר וועט עס סיי־ווי־סיי נישט פאַרשטיין, טאָ נעמט זשע מיינס אַ קיי־גומי... איר זעט: אייגענע „פּראָ־דוקשן"!... נעמט, ס'וועט אייך זיכער שמעקן. איר קענט גאַנץ דרייסט זאָגן אייערע „פרענדס", אַז אויב קייען, זאָלן זיי קייען נאָר מיין גומי! קיין בעסערס וועלן זיי אין ערגעץ נישט באַקומען! נעמט, נעמט! איך פאַרלאַנג דערפאַר גאָרנישט... כ'וועל נישט אָרעמער ווערן. טעם גן־עדן, זאָג איך אייך! איר קענט זיך אויף מיר פאַרלאָזן, איך ווייס וואָס גוט איז!...

איך ווייס נישט פאַרוואָס יענער האָט זיך פּלוצים אויף מיר באַליי־דיקט, — „איך וויל נישט קיין קיי־גומי". — האָט ער אַ ברוגזער זיך אָפּ־געקערט פון מיר — „איך האָב פיינט צו קייען, דאָס פּאַסט גיכער פאַר אייך"!

און נישט זאָגנדיק אַפילו קיין „גוד־ביי" איז ער פאַרשוווּנדן, ווי די ערד וואָלט אים פּלוצלונג איינגעשלונגען...

זי איז צעגאַנגען...

ווען איך וואָלט געוווּסט, אַז עס וועט זיך אַזוי טראַגיש ענדיקן, וואָלט איך אַהין זיכער נישט געגאַנגען, אַזוי ענדיקט זיך עס תּמיד ווען מען הערט אַ ווייב. פּלוצלונג האָט זיך איר פאַרוואָלט זען דעם „לאָנדאָן־פעסטיוואַל־באַלעט".

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָב איך געפרעגט.

— אַ באַלעט.

— וואָס טוט מען דאָרטן?

— מען טאַנצט.

— וואָס טאַנצט מען?

— באַלעט.

אַ נײַ משוגעת! יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק קלערט מען אויס אַ נייעם טאַנץ. אַ טאַנצנדיקע וועלט געוואָרן. נאָר מען שפּרינגט, נאָר מען הוידעט זיך. אָבער אַפּשטיין פונעם לעבן טאָר מען נישט. איך וויל נישט מײַן ווייב זאָל זאָגן אַז איך ווער אַלט. בפרט, אַז טאַנצן, טאַנצן אַנדערע און איך דאַרף נאָר זיצן און קוקן...

איר האָט געדאַרפט אָנקוקן אַ „היכל־התרבות". אַ פּאַלאַץ, זאָג איך אײַך! אַ קעניג ווינטשט זיך נישט קיין שענערס. בלויז מאַרמאָר און גלאָז! לאָמפּן, — אפשר אַ מיליאָן! ס'דאַרף אָפּקאָסטן אַ פאַרמעגן דאָס אויסברענען אַזויפיל עלעקטרע! נאָר ווייזט אויס אַז מען מוז עס האָבן. אין „היכל־התרבות" מוז זײַן גוט ליכטיק. די פאָדלאָגעס זענען אַזוי גליטשיק, אַז טאָמער, חלילה, גיסטו זיך אַ פאַרקוק, קענסטו ברעכן האַלדז און נאַקן. כ'ווייס גאָרנישט צו וואָס מען דאַרף אַזעלכע גליטשיקע פאָדלאָגעס? עס שפּילט אַ ראָלע אויסשיטן אַביסל זאַמד, צי אַש, אַז מענטשן זאָלן נישט פאַלן און בלײַבן אייביקע אינוואַלידן? עס קאָסט אַזויפיל, וועט עס קאָסטן נאָך אַ ביסל!...

אין זאַל גופא איז שטיל — ווי אויף אַ בית־עולם. אַזוי ווי שטומע וואָלטן דאָ געזעסן. גאַנץ אַנדערש ווי אין יידישן טעאַטער. אַז דער פאָרהאַנג

האָט זיך אויפגעהויבן, איז קיינער נישט געלאָפן צו די ערשטע רייען. אַלע זענען געבליבן אויף זייערע ערטער! מאָדנע מענטשן קומען אין „היכל־התרבות". זיי ווייסן אַפילו נישט, אַז מען קען קויפן דעם ביליקסטן בילעט און שפּעטער, ווען ס'ווערט פינצטער — איבערלויפן אין די ערשטע רייען...

אויף דער בינע זענען דערווייל אַרויפגעקומען מיידלעך, אָנגעטאָענע אין ווייסן טיול. אַלע האָבן זיי זיך באַוועגט אויף די שפּיצן פינגער. ווייזט אויס, נישט געוואָלט אָנמאַכן קיין טומל. פאַרט אויסלאַנד!

— דאָס איז דאָך אַ שטום־טעאַטער... — האָב איך אַ שעפּטשע געטאָן צו מיין ווייב.

— ש... ש... ש... — זאָגט זי — קוק און שוויג.

ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען פאַרוואָס אין זאַל איז אַזוי שטיל. דאָס זענען מסתמא אַלע טויב־שטומע וואָס הערן סיי־ווי־סיי נישט, שפּילט מען דאָס טאַקע פאַר זיי טעאַטער אויף שטום־לשון...

— וואָס איז דאָס? — האָב איך שטיל אַ פרעג געטאָן מיין ווייב און אָנגעוויזן אויף דער בינע.

— אַ קאַרעטע.

— אַ וואָס?

— אַ קאַרעטע.

— אַ קאַרעטע?

— יאָ.

— טאָ ווו זענען די פערד?

— וואָס איז, דו ביסט בלינד?

— נישט בלינד, נאָר הרגע מיך אָוועק צי איך זע אַ פערד... איך זע נאָר דריי מיידלעך וואָס שפּרינגען.

— דאָס זענען טאַקע די פערד.

— צווייפיסיקע פערד? און ווו איז דער איזוואָשטשיק, דער אָנטרייבער?

— די וואָס האַלט ביי די לייצן.

— די נקבה?

— ש... ש... ש... — דאָס איז די פּרימאַ־באַלערינע.

— אויף מיר געזאָגט אַזאַ איזוואָשטשיק...

— פאַרמאַך שוין דאָס מויל...

ש... ש... ש... שטערט נישט... — האָט עמעצער אַ שושקע געטאָן פון הינטן.

— איך שטער? וואָס איז דאָ דאָ צו שטערן? זיי רעדן דאָך נישט קיין וואָרט...

— הער זיך שוין אויף צו דרייען ווי אַ וואָרעם... — האָט מיין ווייב מיר אַ קנופּ געטאָן אין דיקן פלייש.

די מוזיק האָט געשפּילט אַזאַ טרויעריקן ניגון, פון וועלכן עס האָט געצופּט אַזש ביים האַרצן. כ'האָב געפילט ווי די אויגן פאַלן מיר צו...

— הער אויף צו כראָפּען... — האָב איך פלוצים דערהערט מיין ווייבס שטימע און ווידער אַמאָל דערפילט אַ קנופּ אין דיקן פלייש.

— הער מיר אויף צו מאַכן בלויע צייכנס! — האָב איך אַ געשריי געטאָן.

— ש... ש... ש... — האָט זיך אַ טראָג געטאָן פון אַלע זייטן.

מיין ווייב האָט זיך פון מיר אָפּגערוקט אַ ברוגזע.

— וואָס איז דאָס? — האָב איך אַ פרעג געטאָן אַ שכנטע.

— שוואַנען־אָזיערע.

— ???

— טשייקאָווסקיס...

— אַ ייד?

— ניין.

— ווו איז די אָזיערע?

— די שוואַנען שווימען איבער איר?

— ווו זענען די שוואַנען?

— איר זעט דאָך...

— איך זע גאָרנישט... נישט קיין אָזיערע און נישט קיין שוואַנען... איך זע נאָר מיידלעך וואָס גייען אויף די שפּיצן פינגער. אַמאָל, אַז מיין טאַטע האָט זיך צוגעלייגט שלאָפן אַ שבת נאָכמיטאָג, זענען מיר, זיינע קינדער, אויך אַזוי געגאַנגען אויף די שפּיצן פינגער... אַ נישט וואָלט ער אונדז אָנגעבראָכן די ביינער...

עס איז געוואָרן ליכטיק. אַלע זענען אַרויס רויכערן. אויך איך בין אַרויס.

— וואונדערבאַר??! פאַנטאַסטיש!!! — האָב איך דערהערט אין וואַרטע־זאַל.

— משוגעים! — האָב איך זיך אַ טראַכט געטאָן — עפּעס אַ גוי וויל זיי איינריידן אַ קינד אין בויך און זיי גלייבן אים...

נישט באַוויזן אויסרויכערן דאָס ציגאַרעטל, איז ווידער געוואָרן פינצטער. אַלע זענען צוריק אַריין אין זאַל. איך אויך. די מוזיק האָט זיך צעוואָיעט, ווי הונדערט קינדער וואָלטן געוויינט און געבעטן מילך ביי דער מאַמען. דער פאַרהאַנג האָט זיך פאַמעלעך צעעפנט און מיר האָבן דערזען אַ פאַרשנייטן וואַלד. דער שניי האָט געהאַלטן אין איין שיטן. אין זאַל איז געוואָרן קאַלט ווי אין סיביר. נאָר דאָס האָט מיר געפעלט, אַז איך זאָל כאַפּן אַ פאַרקילונג.

אַלץ אַרום איז געווען וויס. אויך די מיידלעך אויף דער בינע. ווידער זענען זיי געגאַנגען אויף די שפּיצן פינגער.

— זיי קענען נישט גיין ווי נאָרמאַלע מענטשן? — האָב איך אַ פרעג געטאָן מיין ווייב.

זי איז געזעסן פאַרקוקט אויף דער בינע און נישט געענטפערט קיין וואָרט.

— דו ביסט שוין אויך טויב און שטום געוואָרן? הערסט נישט וואָס מען רעדט צו דיר? ווער איז דאָס?

— „דאָס שניי־מיידל"...

— טשייקאָווסקיס... — האָט מיין שכנטע מיר אַ שעפּטשע געטאָן.

— וויפל טעכטער האָט ער דאָס, דער גוי?

אַ פּאָרל איז אַרויפגעקומען. געוואָרפן זיך מיט שניי־קוילן, ער האָט זי געיאָגט און נישט געקענט כאַפּן.ביידע זענען זיי געשפּרונגען ווי יונגע לאַשעקלעך. ענדלעך האָט ער זי געכאַפּט. ער האָט זי אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך.

— גיב איר אַ קוש, יאַלד! — האָב איך אַ געשריי געטאָן — זיי אַ מאַנספּערשוין!

— ש... ש... ש!!! — האָט מען זיך צעשריגן פון אַלע זייטן — שטיל זאָל זיין!

געהערט אַ טעאַטער? מען זאָל נישט לאָזן עפענען דאָס מויל?...

דערווייל איז ווידער געוואָרן ליכטיק. איך האָב פרייער אָפּגעאָטעמט און אַרויס רויכערן אַ ציגאַרעטל.

— וואונדערבאַר!!! פאַנטאַסטיש!!! — האָב איך געהערט פון אַלע זייטן.

— סנאָבן! — האָב איך זיך אַ טראַכט געטאָן — פֿאַרשטייען אַ מכה און מאַכן זיך פֿאַר גאַנצע חכמים... געזען אַ טעאַטער מען זאָל נישט הערן קיין איין וואָרט, קיין איין לידל?

נאָכן איבעררייס איז דער פֿאַרשנייטער וואַלד פֿאַרשוווּנדן. דער שניי האָט אויפֿגעהערט צו פֿאַלן. אין זאַל איז געוואָרן עטוואָס וואַרעמער.

די בינע איז געווען פֿול מיט יונגעלייט און מיידלעך. עטלעכע האָבן געטאַנצט אַ רוסישן קאַזאַטשאָק. גאַרנישט שלעכט! גאַנץ פֿיין! ענדלעך הייבט מען אָן עפּעס־וואָס זען! נאָר די אין ווייסן, דאָס שניי־מיידל, איז ווידער אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיצן פֿינגער. אָבער איצט האָב איך שוין נישט געקוקט אויף איר. אַ קאַליקע נעבעך! די גאַנצע צייט האָט זי זיך געשאַרט צום יאַלד, ווען זי האָט געזען אין וואַלד מיט זיין כלה. מיט כוח האָט זי אים געצוווּנגען אַז ער זאָל זי אַרומנעמען און צודריקן צו זיך. זיין כלה איז דערווייל געשטאַנען אַן איינפּערזיכטיקע און געוויינט. (נאָר מיט די אויגן. מען האָט נישט געהערט קיין איין כליפּע), די לצים אין רוסישע רובאַשקעס זענען דערווייל געקראָכן פֿון דער הויט. יעדער מאָל ווען דער יאַלד האָט זי אַרומגענומען, האָבן זיי געטאַנצט אַ נייעם רוסישן טאַנץ. כ׳ווייס נישט וואָס די גדולה איז געווען אויף זיי? דאָס האָט ער דאָך גע־קושט — נישט זיי!...

— פּלוצלונג זענען אַלע שטיין געבליבן.

— וואָס איז געשען? — האָב איך אַפּרעג געטאָן מיין ווייב.

— די זון...

— די וואָס?

— די זון איז אויפֿגעגאַנגען...

— איז דאָך גוט!

— ס׳איז ביטער... — האָט מיין יענטעלע אַרויסגעקרעכצט — זי איז דאָך פֿון שניי...

— ווער?

— דאָס שניי־מיידל...

— פֿון אמתן שניי?

— ה־הם...

— איך וואָלט געקענט שווערן, אַז זי איז פֿון בלוט און פֿלייש...

— אוי־ווי!... — האָט מיין יענטעלע פּלוצים אויסגעשריגן.

— וואָס איז, יענטעלע? דו פֿילסט זיך, חלילה, נישט גוט?

— זי צעגייט !...

— ווער ?

— דאָס שניי־מיידל...

כ׳האָב געכאַפּט אַ בליק אויף דער בינע. דאָס שניי־מיידל איז געלעגן אויף דער ערד אַ צונויפגעקאָרטשעטע ווי אַ באַלעם. אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום איר און אַז זיי זענען זיך צעגאַנגען, איז זי שוין מער נישט געווען.

— צעגאַנגען... — האָט מיין יענטעלע אַרויסגעקרעכצט.

— אויף וואָסער ?...

— אַפילו קיין פלעק נישט געבליבן...

— טאָקע נישט... — האָב איך באַשטעטיקט — די בינע איז אינגאַנצן טרוקן...

— אָרעמע... — האָט יענטעלע געכליפּעט.

— הער אויף וויינען, — האָב איך זי אַרומגענומען — ס׳פּאַסט נישט פאַר מענטשן... ווער האָט זי געהייסן קומען קיין ישראל ? זי האָט דען נישט געוווסט אַז דאָ איז אַ הייסער קלימאַט מיט כאַמסינען ?...

מיר זענען אַרויס אינדרויסן. אַ וואַרעם נגב־ווינטעלע האָט געיאָגט און געגלעט אונדזערע פּנימער. כ׳האָב גלייך אָנגעהויבן שוויצן...

— איך פאַרשטיי נישט, — האָב איך זיך פלוצים אָפּגעשטעלט — אינעווייניק איז דאָך פאַראַן „אייר־קאָנדישן״, טאָ פאַרוואָס האָט זי געדאַרפט צעגיין ?

— ווען נישט דער „אייר־קאָנדישן״ — האָט יענטעלע נאָך אַלץ געווישט די אויגן — וואָלט זי צעגאַנגען אַ סך פריער. נאָך אין ערשטן אַקט...

אויפֿן פלי־פּלאַץ אין לוד

אַ משוגענעם טאָג האָב איך נעכטן געהאַט. כ׳האָב געמיינט אַז איך וועל אַראָפּ פון זינען. אויפגעשטאַנען בין איך פיר אַזייגער פאַרטאָג און ביז פיר אַזייגער — האָב איך נישט צוגעמאַכט קיין אויג. ווייל ווי אַזוי קען מען דאָס אַנדרימלט ווערן, אַז מיין ביילינקע האָט געהאַט ביי זיך די מומע הדסה און די קוזינע חנה. פון אייערנעכטן מיטאָג אָן, ווען זיי האָבן נאָר געעפנט די טיר פון מיין הויז, האָבן זיי נאָך נישט פאַרמאַכט די מיילער.

— טייערע, — האָב איך זיך ביי זיי געבעטן מיט טרערן אין די אויגן — לאָזט כאַפּן אַ דרימל. כאָטש איין שעה לאָזט שלאָפן. עס איז דאָך איינס אַזייגער ביינאַכט. שוין גאַנצע צוועלף שעה ווי איר האַלט אין איין מאָלן...

— קוקסט נאָר אָן דעם מאַנספּערשוין, — איז מיין ווייבס מומע, הדסה, אַרויף אויף מיר — וואָס איז אַז דו וועסט איינמאָל נישט שלאָפן? מיר קומען צו דיר אַלע טאָג?

— נאָר דאָס וואָלט מיר געפעלט... — האָב איך אַ טראַכט געטאָן מיט שרעק — ווייל ווער־ווער, נאָר איך קען גוט מיין ווייבס מומע, הדסה, און איך ווייס מיט וואָס זי שמעקט...

— ווייבער, — האָב איך אַ געשריי געטאָן אַרום צוויי אַזייגער ביינאַכט — איר וועט דאָך שפּעטער אויף די פיס נישט קענען שטיין.

— זאָרג זיך נישט פאַר אונדז! — האָט הדסה אַרויסגעשאָסן — מיר וועלן שוין שטיין. מיר זענען דאָך נישט קיין מענער ווי דו ביסט. מיר זענען דאָך שוואַכע פרויען. פאַרשטייערינס פון שוואַכן מין...

און אַלע דריי האָבן זיך צעלאַכט הויך אַויף אַ קול.

— מעגסט זיך בעסער שעמען, — האָט מיך מיין ביילינקע אָנגעהויבן שטאָרצן — קומען געסט איינמאָל אין אַ יובל, און דו לאָזט קיין וואָרט נישט אויסרעדן.

— איינמאָל אין אַ יובל, — האָב איך זיך געטראַכט — ביי זיי איז צוויי מאָל אין חודש אַ יובל.

— ווערסט זיך נאָך צייט האָבן אויסצושלאָפן, — האָט אויך חנהלע געהאַלטן פאַר איר חוב אַריינצווואַרפן אירע צוויי גראָשן — ביסט נאָך יונג...

און ווידער האָט מען זיך צעלאַכט ווי פונעם בעסטן וויץ.

איך האָב פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. אַ ברירה האָב איך געהאַט? אַזוי זעט דאָס תמיד אויס ווען ווייבער זענען אין דער מערהייט...

פיר אַ זייגער האָט מען זיך אָנגעטאָן, כאָטש כ׳וויס נישט, צוואָס מען האָט זיך בכלל אויסגעטאָן. מיטן ערשטן אויטאָבוס זענען מיר אַוועק קיין לוד. אַכט אַזייגער פרי האָט מיין ווייבס מומע, דאָבע, געדאַרפט אָפּפליען קיין פּאַריז צו איר טאָכטער אויף אַ באַזוך. אָבער דאָס איז נאָכנישט אַלץ, ווייל פונקט עלף אַזייגער, האָט געדאַרפט קומען צופליען מיין ווייבס אָנקל, דער פעטער אשר כהן פון אַמעריקע.

— אַ שאָד, — האָט די מומע דאָבע אַרויסגעזיפצט — וואָס מיר וועלן זיך מוזן אויסמיידן. כ׳וואָלט אים זייער געוואָלט זען. איך קאָן אים דאָך אפילו נישט.

— און מיר קאָנען אים דען יאָ? — האָט מיין ווייבס מומע, הדסה, אַרויסגעלאָכט מיט איר דיקער, מענערישער שטימע — אַלץ וואָס מיר ווייסן פון אים איז, אַז ער איז אַ נידעריקער, אַן אַלטער, אַ גרויער און אַז ער איז אויף דיעטע...

— האָסט נישט געקענט אָפּלייגן די נסיעה אויף אַן אַנדער מאָל? — האָט חנהלע אַ פרעג געטאָן.

— וואָס הייסט אָפּלייגן? — איז מיין ווייבס מומע דאָבע אַרויף אויף איר — שוין דריי מאָנאַטן ווי איך לויף אַרום ווי אַ משוגענע און קוים מיט צרות באַקומען אַ פּלאַץ אין אַעראָפּלאַן, הייסטו מיך אָפּלייגן. עס וועגדט זיך עפּעס אין מיר? ווער ווייסט, ווען איך וועל זיך ווידער קענען אַרויסרייסן פון שטוב? און פאַרוואָס זאָל איך נישט פאָרן זען מיין איינציקע טאָכטער? אַסך טעכטער האָב איך דאָס?

די מומע דאָבע איז היינט אויסגעסטראָנצלט — ווי חוהלע צום גט. אויפן פריש צוגעשוירענעם קאָפּ טראָגט זי אַ הוט — אַ גאַנצן גאָרטן! מיט בלומען, מיט צווייגן, מיט בלעטער. איך זאָג אייך: אַ וואַלד, נישט קיין הוט... אין איר קורצן זשאַקעט און רעקל זעט זי אויס ברייטער ווי לענגער. די טופל — צוויי שפּיציקע קילאָפן. כאָטש נעם זיי צום אויסקאַרטשעווען

ביימער אין וואַלד. באַלאָדן איז זי ווי אַ צוויי־הויקערדיקער קעמל. גרויסע און קליינע רענצלעך און טאַשן און טאָרבעס, אַז איך ווייס גאָרנישט ווי אַזוי זי וועט דאָס אַלץ דערשלעפּן. אַלע ווײַלע פאַרלירט זי עפּעס אַנדערש, דאָ זוכט זי אַ רענצל, דאָ די טאַש. אַלע ווײַלע פאָרט איר דער גאָרטן אַראָפּ אויף די אויגן. זי רוקט אים צוריק און הערט נישט אויף צו פּאָפּראַווען דעם אונטערגעשוירענעם קאָפּ.

— ווען וועט שוין קומען מיין אַעראָפּלאַן? — הערט זי נישט אויף צו קוקן אויפן זייגער — אַזוי זעט עס תמיד אויס, אַז מען פליט מיט יידישע אַעראָפּלאַנען...

— שוחט, שעכט מיר די גענדז! — קען איך זיך שוין נישט איינ־האַלטן פון לאַכן — עמעצער וואָלט טאָקע געקענט מיינען... וויפל מאָל אין אייער לעבן זענט איר דאָס געפלויגן מיט אַן אַעראָפּלאַן וואָס איר ווייסט דאָס אַזוי גוט ווי עס זעט אויס דאָס פליען מיט אונדזער „אל־על״?

— אָט האָסטו דיר אַ נייעם צעלייגער! — מעסט זי מיך אָפּ מיט אַ מערדערישן בליק פון וועלכן מען קען אָוועקשטאַרבן אויפן פלאַץ...

ענדלעך איז אָנגעקומען אַ אַעראָפּלאַן און געבליבן שטיין אַנטקעגן דער טעראַסע. אַ רעש, אַ טומל אַ שטופעניש. דורכן הילכער רופט מען אויס דעם נומער פון דעם אַעראָפּלאַן. מענטשן לאָזן זיך צום אַרויסגאַנג. מען האַלדזט זיך, מען קושט זיך, מען שרייט זיך איבער פון ווייטנס. מענטשן מאַכן מיט די הענט, אַנדערע ווישן זיך די אויגן.

— גיט אַכטונג — שרייט מיין ווייבס מומע דאָבע, — אַז מען זאָל מיר נישט פאַרגעסן צופירן דעם באַגאַזש!

— געהערט אַ מעשה? זי האָט נאָך אַ באַגאַזש אויך?

— צוואָס שלעפּסטו מיט זיך אַזויפיל שמאַטעס? — שרייט חנהלע.

— ס'איז דען מיינע? — שרייט יענע אויף צוריק — דאָס זענען דאָך כמעט בלויז מתנות וואָס מען האָט מיר מיטגעגעבן פאַר קרובים. איך קען נישט די, וואָס האָבן מיר געגעבן און קען נישט די, וועמען איך דאַרף אָפּגעבן!...

ווידער צעקושט מען זיך, איך ווייס שוין נישט צום וויפלטן מאָל. מיין ווייבס מומע דאָבע כאַפּט די רענצלעך און הויבט זיך אָן דורכשטופּן צום אַרויסגאַנג. אונדזער מומע דאָבע קען זיך דאָס אַביסעלע שטופּן. אַרום איר ווערט גלייך ליידיק. מען אַנטלויפט פון איר ווי פון אַ פייער. אַז מיין

ווייבס אַ מומע גייט און נאָך דערצו מיט רענצלעך, דאַרף מען אָפּטרעטן פון וועג...

מיר לויפן אַרויף אויף דער טעראַסע. די מומע דאָבע איז שוין ביים אַעראָפּלאַן. מיר מאַכן מיט די הענט. זי מאַכט צוריק מיט די רענצלעך.

— פּאַמעלעך! — שריי איך, — גיב אַכטונג — וועסט נאָך עמעצן הרגענען מיט אַ רענצל!

זי שרייט עפּעס אויף צוריק, נאָר מיר הערן שוין גאָרנישט. נאָך אַ מאַך און זי פאַרשווינדט פון אונדזערע אויגן.

— פאָר געזונט! קום געזונט! אַ גרוס פאַר...

— וואָס שרייסטו? — פרעג איך מיין ווייבס מומע הדסה — זי איז דאָך שוין אַריין אין אַעראָפּלאַן. זי הערט דען עפּעס?

— וואָס זאָגסטו? — פרעגט מיין ביילינקע.

גיי זאָג איר וואָס איך זאָג, אַז איך אַליין הער נישט וואָס איך זאָג...

— פלוצים זע איך ווי מיין ביילינקע ווערט ווייס ווי קרייד. אַ דערשראָקענע גיט זי זיך אַ וואָרף צו מיר.

— ישכר, — כאַפּט זי מיך אָן — די מומע דאָבע דאַרף דאָך פליען מיט „אל־על”, אמת?

— אמת ויציב, — ענטפער איך איר.

— און דער איז דאָך גאָרנישט „אל־על”! דאָ שרייבט דאָך „איי־בי־איי”... לויף, — שרייט זי — און פרעג זיך אין ביוראָ, אפשר איז עס גאָרנישט דער אַעראָפּלאַן?!

גוט צו זאָגן, לויף. מען קען דען לויפן? מענטשן — ווי מוראַשקעס. אַ שטופּעניש, אַ שטויסעניש, סכנות־נפשות. קוים זיך דערשלאָגן צום ביוראָ פון „איי־בי־איי”.

— „אל־על” פליט נישט? — גיב איך אַ פרעג.

— וואָס דרייט איר אונדז אַ מוח מיט „„אל־על”?! — גיט יענער אַ פאָר אַרויס אויף מיר — גייט פרעגט זיך אין „אל־על”! איר זעט נישט אַז מיר ווערן אויסגעריסן אָן „אל־על”? מיר דאַרפן אָדפּראַווען דעם אַעראָפּלאַן!...

— דער אַרעפּלאַן וואָס שטייט אַנטקעגן, גרייט אָפּצופליען, איז אייערער?

— וועמענס דען איז ער, אייערער?

— 832?

— וואָסער 832? דאָס איז 801!

— 801? ווהין פליט ער?

— קיין יאַפּאַן!

— אַ דונער האָט מיך געטראָפן! — גיב איך אַ געשריי — מיין ווייבס מומע דאָבע איז דאָך אַריין אין אייער אַעראָפּלאַן!

— וועמענס מומע?!

— מיין ווייבס!

— ווהין דאַרף זי?

— קיין פּאַריז!

— קיין פּאַריז?

— יאָ קיין פּאַריז!

— געוואַלט! — האָט יענער אַ געשריי געטאָן — זי האָט נישט קיין אויגן?

— זי האָט...

— ווי הייסט זי?

— דאָבע...

— זי האָט נישט קיין פאַמיליע־נאָמען?

— זי האָט...

— טאָ ווי־זשע הייסט זי?

— קאַפּיטולניק.

— אַלע מיינע וויסטע חלומות אויף קאַפּיטולניקס קאָפּ! — גיט ער אַ געשריי און כאַפּט דאָס טרייבל אין האַנט אַריין:

— האַלאָ! האַלאָ! אָבסערוואַציע־טורם! גיט נישט קיין אָפּפלי־סיגנאַל פאַר 801! וואַרט צו מיטן סיגנאַל! צווישן די רייזנדיקע איז פאַראַן אַ קאַפּיטולניק! פירט זי אַרויס! שלעפּט זי אַראָפּ פון אַעראָפּלאַן. פאַרבינט זיך מיט דער פּאָליציי!

— האַלאָ! פּאָליציי? אויפן אַעראָפּלאַן איז פאַראַן אַ קאַפּיטולניק! נעמט זי אַראָפּ!!! נעמט זי גלייך אַראָפּ!

— ווי אַזוי איז זי אַריין? — גיט ער מיך אַ פרעג.

— מיין ווייבס מומע דאָבע וועט איבעראַל אַריין... — וויל איך אים געבן צו פאַרשטיין, נאָר ער הערט שוין נישט וואָס איך רעד. הענדום־פּענדום גיט ער זיך אַ לאָז צו דער טיר און לאָזט מיך איבער מיט אַ אָפן מויל.

איך לויף צוריק צו די וויבער. אויפן פלי־פּלאַץ אַ רעש, אַ טומל, צווי פּאָליציי־דזשיפּן טראָגן זיך מיט אַ יללה אין דער ריכטונג צום אַעראָפּלאַן. מענטשן שטופּן זיך, ווילן זען וואָס דאָ איז פּלוצלונג געשען. עפּעס אַ פרוי שרייט אויס: „מיין מאַן! מיין מאַן!" און פאַלט אין חלשות. פונדערווייטנס זע איך ווי מען שטעלט אויפסניי צו די טרעפּ, עס עפנט זיך די טיר און דער גאַנצער אַעראָפּלאַן הויבט זיך אָן פּלוצים צו וואַקלען. דאָס גייט מסתמא מיין וויבס מומע, דאָבע. איר פּרינציפּאַלע פיגער באַווייזט זיך טאַקע אין דער טיר. פּאַטאַ־רעפּאָרטערן וויסן נישט וואָס צו טאָן. אויף יעדן פאַל בליצן זיי מיט זייערע אַפּאַראַטן. מיין וויבס מומע דאָבע מאַכט אַ פריילעכע מינע, פּאָפּראַוועט זיך דעם גאָרטן אויפן קאָפּ און לאָזט זיך גיין אין דער ריכטונג פון אַ דזשיפּ.

— מיינע רענצלעך! — גיט זי פּלוצים אַ געשריי צו די פּאָליציאַנטן וועלכע פירן זי — ברענגט מיר מיינע רענצלעך, איינס פון בלויען געוואַנט און דאָס צווייטע אַ גרויע מיט פּינטעלעך!

איינער פון די פּאָליציאַנטן קערט זיך אום צום אַעראָפּלאַן און מיין וויבס מומע דאָבע שרייט אים נאָך:

— מיט שוואַרצע פּינטעלעך, מיט שוואַרצע!!!

ענדלעך איז זי ווידער מיט אונדז. מען דריקט זיך, מען קושט זיך, ווי זי וואָלט עס אָקאָרשט צוריקגעקומען פון פּאַריז.

— אָט אַזוי זעט מען אויס, — קלאָגט זי זיך — אַז מען וויל פאָרן מיט אַ יידישן אַעראָפּלאַן! געהערט אַ מעשה: קיין יאַפּאַניע גאָר! נאָר דאָס וואָלט מיר געפעלט, האָבן צוטאָן מיט די יאַפּאַנטשיקעס... איך קען זיי גוט. מיין מאַן, עליו־השלום, האָט זיי געזען אין פערטן יאָר... און איר זענט אויף יענע סחורה, — גיט זי זיך פּלוצים אַ דריי אויס צו מיר — אַ מענטש זעט אַז איך גיי אַריין אין אַ פרעמדן אַעראָפּלאַן, שטייט מען זיך אַזוי און מען שווייגט?

— אַז איך האָב אסור באַמערקט. — פּרוביר איך זיך פאַרטיידיקן.

— ווו דען זענען געווען אייערע אויגן? — דרייט זי זיך אַוועק פון מיר מיט אַ ברוגזע מינע — דעם מענטש איז געגעבן געוואָרן אויגן, אַז ער זאָל יאָ באַמערקן...

✶

האַלב ניין האָט דער „אל־על" עעראָפּלאַן צוגענומען מיין ווייבס מומע, דאָבע. איך האָב לייכטער אָפּגעאָטעמט. אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרצן.

— קומט, לאָמיר דערוויל אַריינגיין אין בופעט עפּעס איבער־כאַפּן, — האָב איך אַ שלעפּ געטאָן די ווייבער — דער רוח קאָן זי נאָך אַנטראָגן אויף צוריק...

מיר האָבן נאָך דריטהאַלבן שעה צייט צו וואַרטן אויפן אָנקל אשר. אין בופעט — אַ אויסרייסעניש. פּרייזן — ביזן הימל. בדיל־הדל קען מען ווערן.

— קעשענע־שניידער! — שרייט מיין ווייבס מומע, הדסה.

— הויט־שינדער! שרייט חנהלע.

— ספּעקולאַנטן! — העלפט זיי אַרויס מיין יידענע.

איך וויין און צאָל. נאָך אַ גליק וואָס מיין ווייבס מומע, הדסה, איז אויף דיעטע... זי קען איינשלינגען אַ וועלט... נישט אומזיסט איז זי אינ־גאַנצן ענדלעך צו דער מומע דאָבע.ביידע זענען זיי פון זעלבן שניט. איך צווייפל צי די שטרענגסטע דיעטע קען שוין דאָ עפּעס־וואָס העלפן... מיר זיצן אָפּ דאָס עסן. דער זייגער שטייט כמעט אויף אָן אָרט. ווי דערלעבט מען שוין צו זען דעם אָנקל סימאָן? הער נאָר אַ מעשה: פון אשר זאָל פלוצים ווערן סימאָן. נאָר גיי וווּנדער זיך אויף אַמעריטשקע. דאָרט מאַכט מען פון משה — מאָוריציוס; פון פישל — דג און פון שמייע — דזשאָן. אויך מיר אַ לאַנד — אַמעריקע.

פונקט עלף אַזייגער איז אָנגעקומען מיין אָנקלס אַעראָפּלאַן. מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג. די דריי ווייבער פאָרויס און איך — פון הינטן.

מיין ווייבס מומע, הדסה, האַלט אין האַנט אַ בוקעט בלומען אַז מען זעט זי קוים אַרויס. אַ גייענדיקער גאָרטן. אויסגעגעבן גאַנצע צוויי־און־אַ־האַלבן פונט. אַז איך קוק אויף איר ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך זע מיין ווייבס מומע, דאָבע. ביידע זענען זיי, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. כאָטש עס רעדט זיך נאָר אַזוי: טראָפּנס. זאָלן זיי ביידע אַריין אין ים, ווערט אַ פאַרפּלייצונג. זיי זענען דאָך לייבלעכע שוועסטער. פון צוויי מאַמעס טאַטע, אָבער פון איין טאַטן. ווען איך זע זיי, קומט מיר פאַר די אויגן שלום־עליכמס פּאָפּ וועלכן יידן האָבן איבערגעקערט, אַ שלאָפנדיקן, אין וואַגאָן און געמאַכט אויף אים אַ זעקס און זעכציק... כאָטש מיר דוכט זיך אויס,

אַז יענער איז געווען אַ הונט קעגן מיין ווייבס מומעס. אויף יעדער איינע פון זיי וואָלט מען דרייסט געקענט שפּילן אין אַכט הענט...

— אָט איז ער! — האָט הדסה אויסגעשריגן.

— וועלכער? האָט חנהלע אַ פרעג געטאָן.

— אָט יענער, דער גרויער!

— וואָס מיר גרויער? ווער מיר גרויער? — האָב איך זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן — קודם־כל הייסט ער נישט כהן און צווייטנס קען איך אים פון רמת־גן. דאָס איז אַ פאַרברענטער מפא״יניק וואָס פאָרט אַלע דינסטיק און דאָנערשטיק קיין אויסלאַנד...

— כהן?! — האָט מיין ביילינקע פּלוצים אויסגעשריגן און אַרויפ־געפאַלן אויף אַ נידעריקן מאַנספערשוין מיט אַ ברייטן הוט.

— כהן... — האָט יענער אַרויסגעשטאַמלט.

אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים. הדסה האָט אָפּגעשטופּט מיין ווייב, אַרויפגעפאַלן אויפן אָנקל, אַרומגעגאַרטלט אים מיט אירע צוויי „הענטעלעך״ און אָנגעהויבן באַלייגן מיט קושן. און אַז מיין ווייבס מומע קושט, איז דאָ וואָס צו הערן. אין איין אויגנבליק איז דעם אָנקלס פּנים געווען באַלייגט מיט רויטע שמינקע, אַז עס האָט מער אויסגעזען ווי אַ פעלד מיט רויטע מאָן בלימלעך, איידער אַ מענטשלעכע צורה. יענער האָט זיך געריסן פון אירע הענט, געוואָלט זיך באַפרייען פון אירע קושן, נאָר אַ נעכטיקער טאָג: אַז מיין ווייבס מומע נעמט עמעצן אַרום, איז שווער זיך צו באַפרייען פון אירע אָרעמס. אַז אַ מאַן פאַלט אַריין אין אירע הענט, איז ער שוין אויף תמיד אַ פאַרפאַלענער. אַזוי לייכט וועט זי אים פון אירע הענט נישט אַרויסלאָזן...

— הדסה, — בעט איך זיך ביי איר — לאָז אים אָפּ, זעסט דאָך אַז ער איז שוין ברוין און בלוי!...

— הדסה, — זאָגט חנהלע — לאָז מיך אויך אַ קוש טאָן דעם אָנקל.

מיר פּרובירן זיך צושטופּן פון הינטן, מיין ביילינקע קושט אים אין קאַרק. פאָרט אַ אייגענער אָנקל וואָס וואַרפט, פון צייט־צו־צייט, אַריין אַ פּעקל שמאַטעס.

ענדלעך האָט זי אים אָפּגעלאָזן. זי האָט אים אַ שטופּ אַריין געטאָן דעם בוקעט בלומען אין האַנט און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— געגאַנגען!

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ רענצל, דאָס צווייטע האָב איך גענומען;

מיין ביילינקע און חנהלע האָבן אים גענומען אונטער די הענט און מען האָט אים גענומען שלעפּן צום אַרויסגאַנג.

— וואַרט אַ ווײַלינקע... — האָט יענער קוים אַרויסגעשטאַמלט — ווער זענט איר דען אײגנטלעך ?...

— וואָס הייסט, ווער מיר זענען ? — האָט הדסה אָנגעשטעלט אויף אים אירע אויגן — אייגן בלוט און פליש זענען מיר, משפחה...

— משפחה ? — האָט יענער זיך געוווּנדערט — איך האָב נישט דאָ קיין משפחה. בלויז איין פּלימעניצע... מיר ווינען צוזאַמען...

— סבא ! — האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ קלינגענדיק קעלעכל און אַ יונג מיידל איז אַרויפגעפאַלן אויפן זיידן — סבא, וווּ טוסטו זיך אַהין ? שוין אַ האַלבע שעה ווי איך האַלט דיך אין איין אַרומזוכן...

— איר זענט איר זיידע ? — האָט הדסה אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, איר זיידע.

— איר האָט דאָך געזאָגט, כהן... ?

— נו, און אַז כהן, איז וואָס ? ווינציק כהנים פאַראַן ביי יידן ? איך הייס טאַקע כהן, שמחה כהן פון ירושלים.

— פון ירושלים ? טאָ פאַרוואָס האָט איר באַלד נישט געזאָגט ?

— איר האָט דען געלאָזן אַרויסריידן אַ וואָרט ? — האָט יענער נאָך אַלץ געסאָפּעט און געווישט זיין פאַרשוויצט, רויט פּנים.

מיר האָבן צוריק אָוועקגעשטעלט די שווערע רענצלעך און זיך גענומען רוקן אויף צוריק.

— וואַרט אַ ווײַלע ! — האָט זיך הדסה פּלוצים אָפּגעשטעלט.

זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום יידן, אַרויסגעריסן די בלומען פון זיינע הענט און זיך אומגעקערט צו אונדז.

— כ׳האָב שיעור נישט פאַרגעסן ! נו, די בלומען האָב איך שוין. איצטער ווו איז דער פעטער ?

מיר האָבן זיך פאַריאַכמעטע, פאַרשוויצטע אַ לאָז געטאָן צום אַרויס־גאַנג אויפזוכן דעם אָנקל...

ווער איז זיין טאַטע?

איר האָט געהערט וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין באר־שבע? איך מיין טאַקע די מעשה מיט די צוויי זויגלינגען וועלכע מען האָט פאַרביטן.

ווייל אַזאַ זאַך קאָן פּאַסירן נאָר ביי אונדז! אַמאָל האָט מען נישט געהערט אַזעלכע געשיכטעס. מיין באָבע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, האָט זיכער פון אַזאַ זאַך נישט געחלומט, ווייל ערשטנס — האָט זי אירע צוועלף קינדער געבוירן אינדערהיים און נישט אויף פרעמדע שפּיטאָל־בעטלעך; צווייטנס — איז זי נישט געלעגן געוואָרן אין באר־שבע; דריטנס — זענען נאָך דאַן נישט געווען אַזוי פיל דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער און געהילפן און סאַניטאַרן, וואָס ווייסן נישט ווו איין און ווו אויס; פערטנס — ווייס איך שוין אַליין נישט צי מיין באָבע איז טאַקע געווען מיין אמתע באָבע און צי איך — בין איך...

איך זאָג אייך; נאָך דעם לעצטן פאַל אין באר־שבע, גיי איך אַרום ווי אַ נעכטיקער. דער קאָפּ דרייט, דאָס האַרץ קלאַפּט און כ׳בין גאַרנישט דער זעלבער וואָס געווען.

וועט איר דאָך מסתמא פרעגן — וואָס איז די סיבה? פאַרוואָס דאַרף איך זיך איבערנעמען מער ווי אַנדערע? וואָס בין איך עפּעס — אַ טאַטע פון די פאַרטוישטע קינדער, צי וואָס?

אמת, איך בין טאַקע נישט זייער פאָטער. נאָר אַ טאַטע בין איך דאָך און קינדער האָב איך אויך! און געבוירן געוואָרן זענען זיי דאָך דאָ, אין ישראל, אָדער בעסער געזאָגט: אין איינעם פון די היגע שפּיטאָלן. אין אַ שפּיטאָל, ווו איין קימפּעטאָרן גייט אַריין און די צווייטע אַרויס. ווו איינע ענדיקט קרעכצן און די צווייטע הייבט אָן.

ערשט איצט דערמאָן איך זיך, ווי מ׳האָט מיך דאָס געגעבן אַ פיר אַריין אין דעם שפּיטאָל. איך האָב זיך דאָרט אַרומגעדרייט אַ גוטע שעה, ביז וואַנען איך האָב געפונען מיין אייגן ווייב. און אַז איך האָב זי שוין געפונען, מיינט איר, אַז כ׳האָב זי דערקענט? ווייס איך וואָס? ווען נישט

דאָס שוואַרצע האַר־אינדזעלע אויף דער לינקער באַק, וואָלט איך געקענט שווערן, אַז דאָס איז אַ פרעמדע פרוי און נישט מיין שלימזל.

— דבורה, דאָס ביסטו? — האָב איך נישט זיכער אַ פרעג געטאָן.

— וואָס איז, דו ביסט שוין געוואָרן קורצזיכטיק? — האָט זי מיר גלייך אָפּגעשאָסן.

— דו זעסט דאָך אויס — האָב איך געשטאַמלט — ווי מען וואָלט דיך אַרויסגענומען פון אַן עלעקטרישער וואַש־מאַשין. אָט־אָ דאָס ווייסע פנים, דאָס ווייסע העמד, די ווייסע האָר... ווי לאַנג איז ווי דו האָסט זיי געפאַרבט? ביסט דאָך אינגאַנצן אָפּגעבליאַקעוועט... יאָ, כ׳האָב שיעור נישט פאַרגעסן: דו האָסט כאָטש עפּעס געהאַט?

— אַ זונעלע! אַ זונעלע האָב איך געהאַט

— אַ זונעלע? טאָ ווו איז ער, דער תכשיט?

— בעט אַ שוועסטער, וועט זי דיר ווייזן.

איך גיי צו צו דער שוועסטער (אַ גאַנץ נישקשהדיקע שוועסטער) און בעט, זי זאָל מיר ווייזן דאָס קינד, מיין קינד, הייסט עס.

פירט זי מיך אַריין אין אַ זאַל וואָס איז לאַנג ווי דאָס יידישע גלות און גיט מיר אַ ווייז מיט דער האַנט:

— אָט־אָ דאָרטן ליגט עס!

איך דערנענטער זיך צום בעטל, כאַפּ אַ בליק און עס ווייזט זיך מיר אויס אַז איך חלום. דער קאָפּ האָט זיך מיר אַזש פאַרדרייט: ווי אין אַ הערינג־פאַס ליגן דאָרט אויסגעלייגט קינדערלעך, איינס ענלעך צום צווייטן, איינס רויטער פון צווייטן, איינס מיאוסער פון צווייטן. גיי זיי אַ חכם, און טרעף, וועלכעס פון די סאַרדינען איז מיין סחורה?

— אָט־אָ דאָס איז מיינס? — פרעג איך די שוועסטער.

— ניין דאָס צווייטע.

— פונוואַנען ווייסט איר? — חידוש איך זיך.

— זיי זענען נומערירט.

— און דאָס איז אַלץ? וואָס הייסט: נומערירט? וואָס איז דאָ: מפעל־הפיס? און וואָס וועט זיין אַז אַ נומערל וועט זיך אָפּקלעבן און אַראָפּפאַלן? זיי ליגן דאָך נישט איין! האַלטן אין איין קאָמאַנדעווען מיט די הענטעלעך. פונוואַנען ווייס איך אַז דאָס איז טאַקע מיין ריכטיקער „לאָס", מיין נומער הייסט עס? פונוואַנען בין איך זיכער, אַז איר האָט נישט פאַרביטן די נומערן?

— פאַרלאָזט זיך אויף מיר... — גיט זי מיר אַ זאָג.
אַ ברירה האָב איך געהאַט? האָב איך זיך פאַרלאָזן אויף איר...

*

היינט איז שוין מיין זון אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער. מיינט איר אַז איך בין אינגאַנצן זיכער, אַז דאָס איז טאַקע מיין זון?

נאָך דער מעשה אין באר־שבע, האָב איך זיך אָנגעהויבן נעענטער צו־קוקן צו אים און כ׳הויב אָן אויסצוגעפינען, אַז עפּעס־וואָס שטימט דאָ נישט. דאָס איז מיין זון? אַזאַ שד? האָב איך אַמאָל אַזוי אַרומגעהאַצקעט און גע־מאַכט איטלעכן אַ לאָך אין קאָפּ? זענען דען ביי אונדז אין דער משפחה געווען אַזעלכע שדים? און צוריקגעשמועסט: פונוואַנען ווייס איך, אַז כ׳האָב זיך געמעגט אַזוי פאַרלאָזן אויף דער שוועסטער? איך קען זי? איך ווייס ווער זי איז און וואָס זי איז? פונוואַנען קאָן איך זיין זיכער, אַז זי האָט מיך נישט אָפּגענאַרט? און אַז זי האָט פאַרטוישט די קינדער — וואָלט זי מיר דאָס געזאָגט? מען וואָלט זי דאָך אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט! האָט זי טאַקע געמאַכט אַ שוויג! אַנשטאָט מיר געבן מיין זון, מיין בלוט און פלייש, האָט זי מיר אַריינגערוקט יענעמס קינד, אַ שד, אַ פרעמדן נומער, וואָס וויל זיך נישט לערנען און וויל נישט זיין קיין מענטש. נאָר ספּאָרט ליגט אים אין קאָפּ. אַ גאַנצער פוטבאָליסט! כאַטש נעם און שיק אים צו דער וועלט־אָלימפּיאַדע. נאָר דאָס לויפט, נאָר דאָס קאָפּעט און צערייסט יעדע וואָך אַ פּאָר שיך. אָט־אָ דאָס דאַרף זיין מיין קינד?

ניין, איצטער בין איך שוין זיכער, אַז דאָס איז אַ פרעמד קינד. איצט בין בין שוין זיכער, אַז נישט איך בין זיין טאַטע! נאָר גיי ווייס — ווער ס׳איז דער ריכטיקער טאַטע?

אפשר ווייסט איר?

אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אין כפר יחזקאל

— מיר בעטן אַלע חברים אַרויספירן די הינט!

אויף דער בינע שטייט דער תרבותניק פונעם דאָרף. דער זאַל איז איבערפולט. אויף די בענק זיצן יידישע פּויערים מיט זייערע פרויען. אונטער די בענק — ליגן זייערע הינט. ווייזט אויס אַז נאָך יעדן פּאָרל האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ הונט, און הינט האָבן אַזאַ טבע, אַז ווי נאָר זיי באַגעגענען זיך, הייבן זיי זיך גלייך אָן אַרומצורייסן ווי להבדיל — מענטשן...

ס'איז שוין שפּעט. זייער שפּעט. די זון איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן און איר אָרט האָט פאַרנומען די לבנה, אינמיטן דעם צעשטערנטן הימל. איצט, נאָכדעם ווי מען האָט שוין אויסגעמאָלקן די בהמות און אָפּגעפּירט די מילך אין צענטער, קען מען זיך דערלויבן גיין זען אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג.

דער עולם האָט זיך אויסגעפּוצט אין שענסטן און בעסטן. אַ קלייניקייט — אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אין כפר יחזקאל! די שטימונג איז אַ געהויבענע, כאָטש יעדער פון זיי איז מיד פון צונויפזאַמלען, אָפּוואַשן, אָפּוועגן און אָפּליפערן די אייער, פּוטער, קעז און פּרוכטן.

די שטאַלן זענען שוין פאַרמאַכט. אָבער די הייזער זענען געבליבן אָפן. נישטאָ דאָ פאַר וועמען מורא צו האָבן. קיין גנבים זענען דאָ נישט פאַראַן, און אויב ס'וועט, חלילה, פאַרבלאָנדזשען אַהער אַן אַראַבישער אַריינדרינגלער, וועלן אים אויפנעמען די הינט. דערפאַר מוז יעדער פּויער האָבן אַ הונט. אָבער היינט, מעשה שטן, האָבן אַלע הינט, ווייזט אויס, זיך צונויפגערעדט און באַשלאָסן קומען זען די פאָרשטעלונג...

— מיר בעטן אַרויספירן די הינט! — שרייט דער תרבותניק — אויב נישט וועלן מיר נישט אָנהויבן!

— סטראַשע די געגנדז! — ענטפערט אים שמואל.

— וואָס איז, זיי זענען נישט קיין מענטשן? — הערט זיך גדעונס קול. עטלעכע בעלי־הינט הייבן אָן טרייבן זייערע שומרים. נאָר גיי טרייב,

אַז די הינט זענען קליגער פון די טרייבער. זיי האָבן, ווי אויף צו להכעיס, זיך פאַרשטעקט אונטער די בענק, כאָטש גיי, שריי חי וקיים...

עטלעכע האָט מען דאָך געכאַפּט. זיי רייסן זיך אָבער פון די הענט און פּראָטעסטירן, בילנדיק אויף וואָס די וועלט שטייט. אַנדערע סאָלידאַריזירן זיך מיט זיי, פּרובירן פאַרהאַלטן די האַרצלאָזע בעלי־הינט, טשעפּענדיק זיך צו זייערע הויזן און הוילע פיס. אַ מהומה, אַן עכטע איבער־קערעניש. זעט אויס, אַז אַלע הינט וועט מען שוין הייגט נישט פאַר־טרייבן. מ׳וואָלט אויף דעם געדאַרפט פטרן די גאַנצע נאַכט...

עס הויבט זיך אָן די פאַרשטעלונג. אויף דער בינע באַווייזן זיך נעגער. איינער שוואַרצער פונעם אַנדערן. ביי איינעם ווייסלט זיך אַן אויער, ביים צווייטן איז די נאָז אין צוויי קאָלירן: אַרום שוואַרץ און דער שפּיץ — ווייס...

אין זאַל זיצן אמתע נעגער. יונגע אַפריקאַנער פון גאַנאַ, מאַלי און טאַנגאַניקאַ, וואָס זענען אַהערגעקומען צו אונדז אויפנעמען די קונסט פון עופות־צוכט און פעלד־אַרבעט. זיי קוקן אויף די צוויי־פאַרביקע נעגער און שמייכלען...

אין זאַל איז הייס. צוזאַמען מיטן שוויס שווימט אַראָפּ פון די אַרטיסטן זייער גאַנצע נעגערישקייט און ביסלעכווייז פאַרוואַנדלען זיי זיך אין אייראָפּעער... דער עולם זיצט צעשוויצט, צוגעקלעפּט מיט די פייכטע העמדער צו די הילצערנע בענק און פאָלגט נאָך, מיט אינטערעס, די אַקציע אויף דער בינע:

— נו, פאַרוואָס שוויגסטו? — ווענדט זיך די אַלטע נעגערין צו איר טאָכטער.

— האו! האו! — ענטפערט אַנשטאָט די נעגערן־טאָכטער אַ געלער, קודלאַטער הונט.

— פאַרשטופּ אים דאָס מויל! — שרייט איינער צו יונהן.

— דו ביסט מיט אים ברוגז? — שרייט יונה צוריק.

פּלוצלונג — אַ רעש. די טיר גיט זיך האַסטיק אָן עפן און עס פאַלט אַריין דער קליינער אמנון:

— טאַטע, ווו ביסטו?!

— וואָס איז געשען? — שפּרינגט אויף דער פאָטער.

— אַבאַ! — שרייט אַמנון — חמודה קעלבט זיך!

— מזל־טוב! מזל־טוב! — ווינטשט מען אים פון אַלע זייטן.

דער טאַטע מיטן זון פאַרלאָזן גיך דעם „בית־העם". אינמיטן צווייטן אַקט קומט אַשר צולויפן אַ פאַרסאַפּעטער:

— קום! — גיט ער אַ צי מיין פעטער פאַרן אַרבל — העלף מיר אַפּנעמען דאָס קעלבל! אַ שווערע געבורט! קום גיכער! און דו אויך! — ווענדט ער זיך צו מיר — איך דאַרף עטלעכע וואָס זאָלן מיר העלפן שלעפן!...

— וואָס שלעפּן? — פרעג איך.

— וואָס הייסט „וואָס"? — קוקט ער אויף מיר ווי אויף אַ נעכטיקן — דאָס קעלבל!

— פאַרוואָס גייט עס נישט אַליין? — פרעג איך אַ גרויסשטאָטישע שאלה.

— ווייל די מאַמע איז אַ בהמה!... — גיט ער מיר אַ כיכיקע אין אויער אַריין. אַלע אַרום קאַטשען זיך פון געלעכטער. איך ווייס נישט פון וואָס זיי לאַכן, צי פון זיין וויץ, צי פון דעם „וויסנס" רייד אויף דער בינע.

„זייט מוותר אויף אייער ניי הויז אין קוואַרטאַל פון די ווייסע, איך וועל אייך באַצאָלן אַ סך מער ווי עס האָט אייך געקאָסט, איר קענט נאָך דערביי פאַרדינען! נו, איר האָט באַשלאָסן?"...

— מו־ו־ו־ו!!! הערט זיך פונדערווייטנס אַ בהמיש קול.

— קומט שנעלער! — גיט זיך אַשר אַ ריס פונעם אָרט — דאָס איז חמודהס קול! זי ליידט נעבעך שווער!...

מיר זענען זאַלבעדריט אַוועק אינמיטן צווייטן אַקט, העלפן אַרויסשלעפן דאָס קעלבל.

— אַזוי זעט עס תמיד אויס, אַז מען האָט צו טאָן מיט אַ בהמה! — האָט זיך אַשר געקאָכט, שפּרייזנדיק מיט זיינע לאַנגע פיס — ווען עס קומט אַראָפּ אַ שטיקל טעאַטער, מוז איך אַוועק אינמיטן. דאָ האָבן די בהמות אויפגעבראָכן די טיר פון שטאַל און אַוועק שפּאַצירן אינמיטן דער נאַכט; אַ צווייט מאָל האָט אַ היענע אָפּגעשטאָט אַ וויזיט אין הינער־שטאַל און אָנגעהויבן שטיקן די עופות; דאָ האָט זיך דער הונט אָפּגעריסן פון דער קייט; אַן אַנדערשמאָל האָט זיך אַ בהמה צעקריגט מיטן אָקס, עס האָט זיך דאַן געטאָן אויף טיש און אויף בענק. זיי האָבן מיר שיעור די שטאַל נישט צעלייגט און אויב גאָט העלפט שוין און איך האָב שוין אַמאָל יאָ אַ ביסל קאָפּ־מנוחה מיט די בהמות — פאַרגלוסט זיך פלוצלונג מיין ווייב צו קינדלען... איך האָב נאָך קיין איין מאָל נישט געזען דעם סוף פון אַ

פֿאַרשטעלונג. נישט אַנדערש, נאָר מ׳דאַרף איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פֿאַרבאָטן אַהערצוברענגען טעאַטער־טרופּן!

אַז מיר זענען אַרייַן אין אַשרס שטאַל, האָט שוין חמודה אָפּגעלעקט דאָס ניי־געבוירענע קעלבל.

— דו זעסט, עס איז אַליין אַרויסגעקראָכן! — האָט דער צען יאָ־ריקער אַמנון זיך דערפֿרייט.

— עס קומט דיר אַ מזל־טוב! — האָט זעלדע אָפּגעווונטשן איר מאַן.

— אם־ירצה־השם, ביי דיר! — האָט איר אַשר צוריקגעווונשן — נאָר באַמי זיך דאָס מאַכן דעמאָלט, ווען עס וועט ווידעראַמאָל אַראָפּקומען עפּעס אַ טעאַטער־טרופּע...

לויט זעלדעס אויסזען, דוכט זיך מיר, אַז גאָר אינגיכן וועלן מיר אין כפר־יחזקאל האָבן אַ נייע טעאַטער־פֿאַרשטעלונג...

פון דער ערשטער האַנט...

איך בין אַ מענטש, פאַרשטייט איר מיך, וואָס האָט פיינט ווען יענער וויל לעבן אויף מיין חשבון. פון קינדווייז אָן האָב איך פיינט עקספּלאָאַטאָרן, פּיאַווקעס, הויט־שינדער, קעשענע־קריכער, פּאָלע־שניידער און אַנדערע פּאַראַזיטן וועלכע פאַרמאָגן נישט קיין הארץ, קיין נשמה און געוויסן. אַ שבועה איז ביי זיי קיין שבועה נישט און אויף זייערס אַ וואָרט קענט איר שטעלן אַ פּאַפּירענע בריק. איך האָב פיינט זייער קלאָפּן זיך אין האַרץ אַריין, ווי אַ פרומער ייד קלאָפּט זיך, להבדיל, אין דער סליחה־נאַכט, נאָכדעם ווי ער האָט אַ גאַנץ יאָר געזינדיקט, אָנגעפּאַסקודיעט, אַרויסגעצויגן יענעם דעם מאַרך פון די ביינער און גאָר פאַרגעסן אַז עס איז דאָ אַ רבונו־של־עולם אויף דער וועלט וואָס זעט אַלץ, הערט אַלץ און פאַרשרייבט יעדער זאַך, אַ גרויסע ווי אַ קליינע, אין זיין נאָטיץ־ביכעלע, אַקוראַטנע, פּינקטלעך אַזוי ווי אין אונדזער מס־הכנסה, להבדיל אלף הבדלות...

איך האָב פיינט סוחרים פאַר זייער „בבקשה", „זיצט", „קומט נענטער", „וואָס פאַרלאַנגט איר", „איך בין צו אייער דינסט" און כדומה וכדומה אַזעלכע האַרציקע, כלומרשט גוטמוטיקע, לאַקריץ־זיסע ריידעלעך, מיט וועלכע זיי נעמען אייך אַרויס די נשמה צוזאַמען מיטן געלט און אַז זיי האָבן שוין אייערע „גרייצערס" אין האַנט, הערן זיי אייך אויף זען און הערן, כאָטש איר האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרלאָזן זייער קראָם...

אַנטקעגן וואָס, מיינט איר, דערצייל איך אייך דאָס אַלעס? אַנטקעגן טאָמאַטן. וועט איר דאָך זיכער פרעגן: סטייטש? וואָס האָט צו טאָן לאָקשן מיט בוידעם? פּיעטרושקע מיט האָבערגריץ? טאָ האָט אַ ביסעלע געדולד און איר וועט אַליין זען, אַז איך בין נאָך דערווייל ביים קלאָרן זינען.

ביי אונדז, פאַרשטייט איר מיך, דאַרף מען קענען לעבן. ביי אונדז איז דאָס וויכטיקסטע, אַז איר פּאַקט די ערשטע האַנט. דאַן זענט איר אויפן פערדל! ווייל וויסן מוזט איר אַז יעדע זאַך, איטלעכעס אַרטיקל, ביז עס קומט אָן צו אייך, גייט עס דורך אָן אַ שיעור הענט. אָט נעמט למשל אַ הון. דער פויער ליפערט אָפּ די הון אין „תנובה", „תנובה" האָט זיך אירע מעקלער

וואָס ליפֿערן זי אָפּ צו די גרויסע הורט־סוחרים, יענע ווידער האָבן זיך זייערע קלענערע מעקלער וואָס ליפֿערן זי אָפּ צו די קלענערע הענדלער, פֿון קלענערן הענדלער קומט די הון צום עופֿות־הענדלער און ערשט פֿון אים קענט איר קויפֿן אַ שטיקל עוף אויף שבת. ביז אָבער די הון קומט אָן צו אײַך, גייט זי דורך זיבעצן הענט וואָס באַטאַפּן זי, בלאָזן אויף איר, ווארפֿן זי, טרייסלען און מאַטערן. דערבײַ פֿאַלט קיינעם נישט אײַן, אַז אַ הון איז אויך אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש וואָס דאַרף עסן און אַמאָל טאַקע כאַפּן אַ טרונק אויך. עסן, פֿאַרשטייט איר מיך, קאָסט געלט און קיינער פֿון זיי איז נישט מחויב אויסצוגעבן אַ גראָשן, ווײַל שטעלט אײַך נאָר פֿאָר וויפֿל זיי וואָלטן שוין דאָ, משטיינסגעזאָגט, פֿאַרדינט, ווען זיי דאַרפֿן געבן עסן די טויזנטער הינער פֿון דער אייגענער קעשענע. קומט טאַקע די הון צו אײַך אַ מידע, אַ שוואַכע, אַ הונגעריקע און פֿאַרחלשטע וואָס האַלט זיך קוים אויף אירע הינערישע פֿיסלעך.

האָט איר אָבער אַ קאָפּ אויפֿן קאַרק און איר פּאַקט די ערשטע האַנט, איז די הון אַ הון, ס׳איז נאָך דאָ, פֿאַרשטייט איר מיך, אויף וואָס צו קוקן — און דער פּרייז איז צום דערליידן.

* * *

די זעלבע מעשה איז מיט טאָמאַטן. ווי אַזוי קען מען בײַ אונדז לעבן אָן טאָמאַטן, אַז אויף פֿרישטיק עסט מען טאָמאַטן, אויף מיטאָג האָט איר אַ זופּ פֿון טאָמאַטן און אָוונט־ברויט רירט זיך נישט אָן אַ טאָמאַט. ווײַל טאָמאַטן זענען היינט געוואָרן דאָס אויבערשטע פֿון שטויסל. טאָמאַטן, מוזט איר וויסן, האָבן אין זיך וויטאַמינען, פּראָטעינען און אַנדערע קאָ־קאַינען וואָס גיבן כוח, לעבן און געזונט. די צרה איז נאָר די, וואָס נישט תמיד זענען פֿאַראַן טאָמאַטן. דאָס הייסט: טאָמאַטן זענען פֿאַראַן כמעט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, נאָר נישט אַזויפֿיל ווי אין סעזאָן. קומט דער סעזאָן ווערט איר ממש פֿאַרשאָטן מיט טאָמאַטן. איך וויס גאָרנישט ווו מען נעמט אַזויפֿיל מאַגנס וואָס זענען אימשטאַנד דאָס אַלץ צו פֿאַרדייען? ווו נעמען מיר אַזויפֿיל פֿעלדער אויף צו פֿאַרזעצן די מיליאָנען טאָמאַטן? טאָמאַטן זענען דאַן ממש אומזיסט, שפּאָט ביליק, כאַטש גיי און באָד זיך אויס אין דעם ים פֿון טאָמאַטן! יאָ, טאַקע אויסבאָדן זיך, ווײַל טאָמאַטן זענען דאַן ביליקער פֿון וואַסער, אַ סך ביליקער, כאַטש פֿאַרקויפֿן, פֿאַרקויפֿט מען אײַך די ערגערע סאָרטן

און די בעסערע — וואַרפט מען אויפן מיסט. יאָ, ממש אויפן מיסט! פאַראַן ביי אונדז אַן אָרטשאַפט, הייסט זי סקיה, איז דאָס דער הויפּט־מיסקאַסטן, דער לאַנדס־מיסטקאַסטן אויף וועלכן מען וואַרפט אַרויס צענדליקער טאָנען טאָמאַטן און נישט סתם טאָמאַטן, נאָר די בעסטע, די שענסטע, די רויטסטע. פאַרוואָס? ווייל עס לוינט נישט צו פאַרקויפן! ווייל אַזעלכע טאָמאַטן דאַרפן קאָסטן אַ סך געלט און אין סעזאָן, קען מען נישט נעמען אַזעלכע הויכע פרייזן. נעמט מען נידעריקע פרייזן און מען פאַרקויפט טאָמאַטן פון אַ ביי־ליקערן סאָרט וואָס מיט זיי קען מען זיך אויך נישט קרעקן און שאַטן צום געזונט, קענען זיי אַוודאי נישט... און אַז מען וואַרפט אַרויס טאָמאַטן אויפן מיסט, זענען דאָך אויפן מאַרק פאַראַן ווייניקער טאָמאַטן, קען מען פאַר די טאָמאַטן נעמען אַ העכערן פרייז...

דאָס איז אין סעזאָן. ווו זאָלן מיר אָבער נעמען אויף צו קויפן טאָמאַטן נישט אין סעזאָן? טאַקע דאַן, ווען עס איז נישטאָ וואָס אַרויס־צוּוואַרפן? קויפט מען טאַקע נישט. טאָ ווי אַזוי קען מען לעבן אָן טאָ־מאַטן? דאַרף מען טאַקע האָבן אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס און אויסגעפינען די ערשטע האַנט! און ווער איז ביי אונדז די ערשטע האַנט? פאַרשטייט זיך — דער לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטער! טאַקע ער אַליין, דער „טאַטע" פון דער באַרימטער „מאַנימייקער"־טאָמאַטע, וואָס איז רונדיק, שיין, האַרט און דאָס וויכטיקסטע — קליין, דאַרף מען אים נישט שניידן נאָר מען קען נעמען אין מויל אַריין אַ צוויי־דריי טאָמאַטן מיט איין מאָל און פילן דערביי טעם גן־עדן.

האָב איך טאַקע לאַנג נישט געטראַכט און אַזוי ווי עס האָט זיך געענדיקט דער סעזאָן, האָב איך זיך אויפגעהויבן און אַוועק גלייך צו אים, צום מיניסטער הייסט עס.

— צו וועמען דאַרפט איר? — גיט מיך אַ פרעג עפּעס אַן אויס־געמאָלטע לאַלקע אין דער אינפאָרמאַציע.

— צום מיניסטער! — גיב איך אַ זאָג.

— אין וואָסער ענין? — פרעגט זי.

— אין ענין פון טאָמאַטן! — ענטפער איך.

— ווי איז אייער נאָמען? — פאָרשט זי מיך ווייטער.

— דאָס קען איך אייך לײדער נישט זאָגן... — מאַך איך זיך וויכ־טיק — איך בין דאָ אינקאָגניטאָ...

בקיצור, וואָס זאָל איך אייך דערציילן: מען האָט מיך אַריינגעלאָזן צום שר, צום מיניסטער הייסט עס, אַליין.

— וואָס פאַרלאַנגט אַ ייד? — גיט ער מיך אַ מעסט אָפּ פון קאָפּ ביז די צעפּאַרענע קאַמאַשן, נאָכדעם ווי איך האָב אים אָפּגעשטעקט אַ ברייטן „שלום־עליכם” נאָר ער האָט עס לײַדער נישט באַמערקט...

— וואָס קען אַזאַ ייד ווי איך פאַרלאַנגען פון אַ מיניסטער? — ענט־פער איך אים דיפּלאָמאַטיש — איך האָב געהערט אייער רעדע נעכטן אין ראַדיאָ און זיך דערוווּסט, אַז בײַ אייך קאָסט אַ קילאָ טאָמאַטן 60 פּיאַסטער. אויפן מאַרק, דערקלער איך אים ווייטער, פאָדערן די קעשענע־רײַסערס 90 פּיאַסטער. אָבער בײַ מיר האָבן זיי נישט געטראָפן. איך וועל זיי נישט צאָלן אַזעלכע גזלאָנישע פּרײַזן! איך בין אַ ייד וואָס קען זיך אַן עצה געבן! דערפאַר טאַקע בין איך געקומען גלײַך צו אייך, צו דער ערשטער האַנט הייסט עס. גיט מיר אַ האַלבן קילאָ טאָמאַטן, אָבער רויטע, נישט צע־קוועטשטע...

הכלל, וואָס זאָל איך אייך דערציילן: איר מיינט טאַקע אַז ער האָט מיר פאַרקויפט כאָטש איין טאָמאַט? ווייס איך וואָס! גיי זײַ אַ חכם און ווייס, אַז ער אַליין, דער גאַנצער „יאַ טיעביע דאַם”, פאַרמאָגט נישט קיין צע־קוועטשטן טאָמאַט בײַ דער נשמה.

— „זײַט מוחל”, — האָט ער זיך אָפּגעדרייט פון מיר און אַ קוועטש געטאָן עפּעס אַ קנעפּל — „איך בין נישט קיין גרינס־הענדלער”! און נאָך איידער וואָס־ווען, האָט זיך אָן עפּן געטאָן די טיר אין וועלכער עס האָט זיך באַוויזן אַ ייד מיט אַ גויִיש פּנים. „וואַרפט אייך אַרויס”! — האָט ער מיר אַ שעפּטשע געטאָן אויפן אויער און אָנגענומען לײַכט פאַרן אָרעם.

פאַרשטייט זיך אַז איך האָב זיך מיט אים נישט געשטעלט באָרען, איך האָב פײַנט גראָבע יונגען וואָס ווייסן נישט ווי אַזוי מען באַנעמט זיך מיט אָנשטענדיקע מענטשן. נאָר אַמערסטן האָט מיך פאַרדראָסן אויפן מיניסטער אַליין: „איך בין נישט קיין גרינס־הענדלער” זאָגט ער מיר. ערשט נעכטן האָט ער זיך באַרימט אין זײַן ראַדיאָ, אַז פאַר 60 פּיאַסטער קען מען בײַ אים באַקומען אַ קילאָ טאָמאַטן. ווייס איך וואָס! ס'איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. סתם אַ באַרימער! אַלע זענען זיי אַזוי! וואָס איז געוועזן דער סוף? דער סוף איז געווען, אַז איך בין זיך באַגאַנגען... כ'האָב זיך אויסגעלערנט אויסקומען אָן טאָמאַטן... דאָס איז נישט קיין אַר־טיקל פאַר קבצנים!

שווייצאַריע?—אויך מיר אַ מציאה!...

שוין! אויס סודות! אויך אין די בענק זענען זיי אַריינגעקראָכן!

איצטער איז שוין אויס וועלט. כאָטש נעם די אַלע טויזנטער וואָס זענען ביז אַהער רואיק געלעגן אין די בענק און פאַרשטופּ זיי אין זאַק אַריין. נאַר, גוט צו זאָגן „נעם״. דאָס הייסט, אַרויסנעמען — קאָן מען, אָבער ווער וועט ריזיקירן טאָן אַזאַ זאַך? באַלד וועט מען דיך אַ פרעג טאָן: פאַרוואָס האָסטו געכאַפּט? פאַרוואָס האָסטו מורא? הייסט עס דאָך, אַז דאָס איז טריפה געלט, אַ שוואַרצער קאַפּיטאַל? און אויב אַ שוואַרצער — טאָ פאַרוואָס האָסטו ביז היינט נישט געצאָלט דערפון קיין שטייערן?

ווּעסטו אָבער ריזיקירן און נישט אַרויסנעמען דאָס געלט פון באַנק, וועלן קומען זיינע מענטשן, עפענען די ביכער און גלייך דערנאָך — עפענען פאַר דיר ברייט די תפיסה־טויערן...

טאָ גיי זיי דאָ אַ חכם און וויס וואָס צוטאָן: יאָ אַרויסנעמען, צי נישט אַרויסנעמען? וואָס דו זאָלסט נישט טאָן וועט זיין שלעכט און עס וועט אויף דיר גלייך פאַלן אַ חשד. גלייך וועט מען דיך דערקלערן אַלס פאַרברעכער. אַ פאַרברעכער קעגן זיך, קעגן דעם שטייער־אַמט און קעגן די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פונעם פאָלק! אַזאַ איינעם דאַרף מען דאָך אויפהענגען, פשוט אויפהענגען, אַז אַלע זאָלן זען למען ידעו און נישט נאָכטאָן זיין ביישפּיל. נישט פאַרשטעקן קיין געלט אין באַנק, נישט אויסבאַהאַלטן עס פון זייערע אויגן נאָר אַרבעטן ערלעך, פאַרדינען ערלעך און צאָלן ערלעך... און דאָ טאַקע ליגט דער הונט באַגראָבן: — ווייל ווער קען היינט לעבן פון ערלעכער אַרבעט? ווער קען זיך היינטצוטאָג דערלויבן — צאָלן ערלעך?...

ס׳איז שלעכט, איר הערט? ס׳איז ביטער ווי גאַל! מען לאָזט דאָך אונדז פשוט נישט זשיפּען! און דאָ האָט געקענט זיין ווי אין פסוק שטייט: „ארץ זבת חלב ודבש...״ אַ צווייטע שווייצאַריע האָט דאָך דאָ געקענט זיין. וואָס רעד איך „אַ צווייטע״ — אַן ערשטע, די אמתע שווייצאַריע וואָלט דאָך דאָ געווען! ווייל מיט וואָס מיינט איר זענען מיר ערגער פון זיי? זיי האָבן

בערג אויף וועלכע מען ברעכט ווינטער הענט און פיס? מיר האָבן אויך בערג! זיי האָבן אַ שיינע לאַנדשאַפט? מיר האָבן אַ שענערע, אַן עלטערע פון זיי! זיי האָבן אַ מילדן קלימאַט? מיר האָבן גאַנצע זעקס קלימאַטן! וויל מען זיך ווינטער אָנוואַרעמען — פאָרט מען קיין טבריה, וויל מען זיך זומער אָפּקילן — פאָרט מען קיין צפת; וויל מען זיך אָפּקאָכן — פאָרט מען קיין סדום „אַן אַ מורא״; וויל מען זיך צוקילן — פאָרט מען צום ים! מיר האָבן גאַנצע דריי ימען!״ — און זיי וויפל? מיר האָבן אַ כותל־המערבי און זיי האָבן — אַ פייג!

אמת, מיר האָבן אים נישט, ער געפינט זיך אין עבר־הירדן, אָבער זען קען מען אים און ווײנען — אויך. מען מוז נישט ווײנען פון דער נאָענט, מען קען זיך גאַנץ גוט אויסקלאָגן פון דער ווייטנס...

אין שווייץ רעדט מען צוויי שפּראַכן? ביי אונדז — 72 אויסער עברית וואָס רעכנט זיך נישט, ווייל זי איז נאָך דערווייל ווייניק פאַרשפּרייט... אין שווייץ האָט איר צוויי פּאַרטייען און ביי אונדז — 22, אויסער די קלענערע פּאָליטישע גרופּירונגען און אומפּאַרטייאישע, עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע באַוועגונגען. שווייץ איז נייטראַל? מיר ווילן אויך זיין נייטראַל! נאָר וואָס; זיי האָבן שווייצער־קעז! אוי־וואַ, אַ גרויסע מציאה! אויב עס האַנדלט זיך אין מיר, בין איך זיי מוחל דעם קעז מיט די לעכער צוזאַמען מיטן ריח...

נאָר מיט איין זאַך בין איך זיי מקנא: מיט די בענק! אוי, ווען מיר האָבן אַזעלכע בענק!? דאָס הייסט, אַז בענק האָבן מיר גענוג. ביי אונדז וואַקסן אויס בענק — ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. ווו מען קערט זיך און ווענדט זיך זעט מען בענק און בענק און בענק! (אויסער די שול־און־בית־המדרש בענק וועלכע מען קען, פאַר אַ שיבוש, פשוט פאַר פּיאַסטערס, אויס־באָרגן צו חתונות, צו בריתן, בר־מצוות און סתם פאַרווײלונגען...) נאָר דאָס אַלץ איז שוין נישט דאָס. אין שווייץ, אַז איר לייגט אַריין אַ סומע געלט אין באַנק, איז עס באַגראָבן, פאַרשאָטן און אָוועקגעשטעלט אויף דעם אַ מצבה. איר קענט זיך שטעלן אויפן קאָפּ, וועט איר זיך נישט דערוויסן, ווער, וויפל עס האָט אַריינגעלייגט. דאָרט אַ באַנק — איז אַ קבר, אַ מאַוזאָלעום; אַריינגעלייגט, באַלזאַמירט און רעד מיר צום דאַשעק! דאָרט, אַז מען לייגט אַריין — ליגט עס! אָט דאָס, פאַרשטייט איר מיך, הייסט אַ באַנק!

און ביי אונדז? ביי אונדז זענען די בענק געגליכן צו אַ שכון־״עממי, צו אַ פאָלקס־שיכון הייסט עס: יעדער איינער ווייסט וואָס ביים צווייטן קאָכט זיך אין טעפּל... טאָמער איז ביז איצט געווען איין שטיקעלע פּלאַץ

ווו אונדזער פינאַנס־מיניסטער האָט קיין שליטה נישט געהאַט — האָט ער איצטער אויך דאָ אַריינגעשטעקט זיין נאָז...

איך זאָג אייך: אויס וועלט! פּשוט משוגע צו ווערן! כאַטש נעם דעם גאַנצן קאַפּיטל און שטופּ אים אַריין אין מאַטעראַץ, אָדער צו דער יידענע אין בוזים... און דאָרט, מיינט איר, זענט איר שוין זיכער? אויב נישט אַ גנב, וועלן זיך זייערע מענטשן אויך אַהין דערקלייבן...

דאָס גאַנצע גליק איז, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט קיין צעבראָכענעם גראָשן ביי דער נשמה... נישט אין באַנק און נישט אינדערהיים. האָב איך טאַקע מיט איין דאגה ווייניקער...

דער מאַסן־מערדער...

— העי, „מיסטער״! — הער איך דאָ אַנומלט עמעצן רופן אין גאַס. וואָס אַן אמת, האָב איך זיך אַפילו נישט אָפּגעשטעלט, ווייל וואָס פּאַראַ, משטיינסגעזאָגט „מיסטער״ בין איך דאָס? נאָר אַז איך האָב געהערט ווי מען חזרט נאָכאַמאָל איבער דעם רוף, האָט זיך דער קאָפּ אינסטינקטיוו געגעבן אַ דריי אויף צוריק. איך האָב באַמערקט אַ פאַרשווינדל אין די יאָרן, אין אַ גלאַנציק־גרויען אַנצוגל, מיט אַ רעגנבויגן־קראַוואַטל, אַ קאַפּעלושל מיט אַ שטרויס־פעדער, צוויי וואַליזעס אין יידע הענט און איבערן אַקסל — צוויי פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן און אַ טראַנזיסטאָר.

— אַ טוריסט, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, ווייל ווער שפּאַצירט עס איז אַזאַ חמסין־טאָג אַזוי באַלאָדן ווי אַ קעמל? ווער טראָגט עס נאָך היינט ביי אונדז קאַפּעלושן? (אויסער שוואַרצע קאַפּעלושן און שטריימלעך) וועלכער משוגענער וועט דאָס אינמיטן זומער אָנטאָן אַ קראַוואַט און נאָך דערצו — מיט אַזאַ שלל פון קאָלירן? איז עס, הייסט עס, טאַקע נאָר אַ טוריסט, און אויב אַ טוריסט, דאַרף מען דאָך אַוודאי זיין העפלעך און אַ פריינטלעכן שמייכל געבן, בפרט ווען ער רופט מיך „מיסטער״.

— העלאָ! — גיב איך אים אַ וואָרף צו מיין גאַנצן ענגלישן זאַפּאַס — היי־דו־יו־דודו!, איר האָט מיך גערופן?

— יעס־יעס! — סאַפּעט ער — איר זענט אַ ייד?

— אַ שיינע מעשה! וואָס דען בין איך אַ טאַטער?

כ׳האָב באַלד דערקענט — שמייכלט ער — אַז איר זענט אַן אייגע־נער. אויב אַזוי, האָב איך צו אייך אַ ביטע: אפשר ווייסט איר ווו עס געפינט זיך איוואַן גאַווריל͏אָ?

— ווער? — פרעג איך אַ דערשטויגטער.

— איוואַן גאַווריל͏אָ! — חזרט ער איבער — דאָס איז נישט קיין מענטש נאָר אַ גאַס...

— אַ גאַס? — וווּנדער איך זיך — קיינמאָל נישט געהערט וועגן אַזאַ גאַס. און אפשר — טראַכט איך אויפן קול — איז עס אַ נייע גאַס? ביי

אונדז, פאַרשטייט איר מיך, ווערן יעדן טאָג געבוירן נייע גאַסן, נייע שטעט...

— ניין, — זאָגט ער — דאָס איז שוין אַן אַלטע גאַס. מיין באַי, מיין פּלימעניק, הייסט עס, וווינט שוין דאָרט איבער אַ יאָר... איין מאָמענט... אָט האָט איר זייַנס אַ בריוו...

— ר' מיסטער, — זאָג איך נעמענדיק דעם בריוו אין האַנט אַריין — דאָס לייענט זיך „אבן גבירול" („עווען גוויראָל") און נישט איוואַן גאַווריל.

— הער נאָר אַ שפּראַך! — ציט ער מיט די אַקסלען. גיי זיי אַ חכם און ווייס ווי אַזוי דאָס לייענט זיך. זאָל שוין זיין ווי איר זאָגט, אָבער ווי אַזוי דערקלייבט מען זיך אַהינצו?

— גאַנץ פּשוט — דערקלער איך אים — איר נעמט דעם 12־ער און ער וועט אייך שוין פאַרפירן.

אין דעם מאָמענט איז מיין בליק צופעליק געפאַלן אויף אַ גרויסן קאַלירטן אַפיש: „הסבר פניך לתייר" — „זיי העפלעך צו טוריסטן", הייסט עס אויף מאַמע־לשון. אויף יעדן אָרט, אויף יעדן פּלאַץ, זעט איר די זעלבע קאַלירטע אַפישן וואָס בעטן זיך: „זיי העפלעך צום טוריסט"! און אָט, טראַכט איך מיר, האָב איך אויך געפונען אַזאַ פּאַסיקע געלעגנהייט אַרויסצווייזן מיין העפלעכקייט צו אַ טוריסט, צו אַן אמתן טוריסט וואָס שטייט דאָ אַ פאַר־לוירענער אין דעם תל־אביבער דזשונגל, אין דעם אומענדלעכן הו־האַ און זוכט אַן איוואַן גאַווריל...

— קומט, — זאָג איך צו אים פריינטלעך — איך וועל אייך צופירן צום 12־ער. סיי־ווי גיי איך אין דער זעלבער ריכטונג.

— „אָ, טענקיו"! רופט ער אויס אַ געריירטער — „דעטס איז וואָנ־דערפאָהל"! „טענקיו וועדי מאַטש"! אַ גליק וואָס היינט קורסירט דער 12־ער...

— פאַרוואָס זאָל ער נישט קורסירן? — פרעג איך אים אַ פאַר־וווּנדערטער.

— מען האָט מיר געזאָגט, — דערקלערט ער מיר — אַז נישט אַלע טאָג קורסירן זיי...

— וואָס רעדט איר? — וויל איך אים אַרויספירן פון טעות — היינט איז דאָך אַ פּראָסטער מיטוואָך! אָט זעט איר — שבת — איז שוין עפּעס אַנדערש. שבת טאָר מען נישט פאָרן מיט קיין אויטאָבוסן, שבת מעג מען פאָרן נאָר מיט טעקסיס...

— „אָ", — זאָגט ער — „דעטס איז וואָנדערפאָהל!!!" אַזוי דאַרף

זיין אין אַ יידישע קאַונטרי, אין אונדזער ישראל!... נעמט, זייט אַזוי גוט, איינעם פון מיינע טשעמאָדאַנטשיקעס און לאָמיר גיין...

אָפּגעגאַנגען עטלעכע מעטער, גיט ער מיך אַ פרעג: — „איר זענט מיד, האַ?״

— אַ ניין, — זאָג איך — איך בין נישט מיד.

— טאָ נעמט, — זאָגט ער — אויך די צווייטע וואַליזע, ווייל דער שוויס איז מיר אַריין דורכן קאָלנער און קיצלט מיך...

— אפשר אייך געבן אַ קראַץ? — פרעג איך אים פריינטלעך — מיר ישראל יידן זענען תמיד גרייט צו העלפן אַ טוריסט, בפרט ווען מען דאַרף קראַצן...

— אָ, טענקיו״! — זאָגט ער און שטופט מיר אין האַנט אַריין די צווייטע וואַליזע — איר ווילט מיר צונעמען דאָס איינציקע פאַרגעניגן זיך אַליין אַ קראַץ צו טאָן?...

— חלילה! — זאָג איך — אַדרבא ואדרבא, קראַצט זיך געזונטער־הייט ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר... יאָ, וואָס האָב איך אייך געוואָלט פרעגן: זאָגט מיר, וואָס האָט איר אין די וואַליזעס, אייזן?

— אָ, ניין! — בלאָזט ער זיך אָן — דאָס איז אַ קאָפּ פון אַ זינגער!...

— אַ קאָפּ?! — בלייב איך שטיין פּילנדיק ווי די פיס ברעכן זיך מיר אונטער, — אַ קאָפּ?!

— יעס, יעס, — זאָגט ער ווי קיינמאָל גאָרנישט און גיט אַ קוק אויף מיר מיט זיינע קליינע, כיטרע אייגעלעך — אַ זינגער־קאָפּ! מיין פלימעניק, פאַרשטייט איר מיך, איז אַ טיילאָר...

— אַ פילם־אַרטיסט?... — פרעג איך און איך פיל ווי די ווערטער בלייבן מיר שטעקן אין האַלדז.

— אָ ניין! — גיט ער אַ שמייכל, פון וועלכן די הויט ווערט מיר מאָמענטאַל גערונצלט — נישט קיין פילם־אַקטער... ער האָט אַמאָל געוואָלט זיין אַזעלכער, נאָר איך האָב נישט דערלויבט. איך האָב פיינט אַקטערס! ביי מיר זענען דאָס נישט קיין מענטשן! — גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט ווי ער וואָלט אָפּגעיאָגט אַ זלידנע פליג — זיי שוועבן אין די הימלען און איך האָב ליב צו שטיין מיט ביידע פיס אויף דער האַרטער ערד! זיין אַן אַקטער קען יעדער איינער, אָבער זיין אַ טיילאָר — אָהאָ, דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש! און מיין פלימעניק איז אַ טיילאָר, אַ גוטער טיילאָר!

שוין דריי קעפּ האָב איך אים געשיקט און איצט פיר איך אים נאָך אַ קאָפּ, אַ זינגער־קאָפּ!

אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַשלאָגן. אין קאָפּ האָט זיך געגומען דרייען אַ ווילדער קאַראַהאָד און שוואַרצע פלאַכטעס האָבן אַ שוועב געטאָן פאַר די אויגן.

— דאָס איז ביי אים אַזאַ „האָבי"? — האָב איך קוים אַרויסגעשטאַמלט — צו זאַמלען קעפּ?...

— וואָס איז אייך? — האָט מיין טוריסט אויף מיר אַזוי מאָדנע אַ קוק געטאָן און זיינע הענט האָבן זיך אַ צי געטאָן אין מיין ריכטונג — איר זענט אָל־רייט?

— רירט מיך נישט אָן! — האָב איך אַ געשריי געטאָן און זיך אַרויסגעריסן פון זיינע ברייטע, אָדערדיקע, דיקע הענט — רירט מיך נישט אָן! איך בין נישט קיין זינגער און נישט קיין אַקטער! איך בין אַ פּשוטער בשר־ודם!...

— איך האָב גלייך באַמערקט, — גיט ער אויף מיר אַזאַ מאָדנעם קוק — אַז איר זענט אַ פיינער באַי...

— איך גיי נישט וויטער!!! — האָב איך אַ געשריי געטאָן — איך ריר זיך נישט מער פון אָרט!

— אָ, — זאָגט ער — איר האָט זיך מסתמא פאַרמאַטערט — איים סאָרי! איך צווינג אייך חלילה נישט... איך וויל נאָר וויסן ווו איך קען דאָ פאַקן אַ באַס?...

— אָ...?

— יעס, אַ באַס. איך זאָל מיט אים קענען קומען צו מיין פּלימעניק...

— אַ באַס? — האָב איך אַ פרעג געטאָן און געפילט דערביי ווי מיינע אויגן קריכן מיר שיעור נישט אַרויס פון די אויגן־לעכער — און דער, אין דער וואַליזע, איז געווען אַ טענאָר?

— אָ נייַן! — דערקלערט ער מיר קאַלטבלוטיק ווי אַ גזלן — דאָס איז אַ געוויינטלעכער „זינגער"...

ער האָט מיר נאָך עפּעס־וואָס געוואָלט דערקלערן, נאָר איך האָב שוין מער גאָרנישט געהערט. ווי אַ דיבוק וואָלט אין מיר פּלוצלונג אַריין, האָב איך אַ וואָרף געטאָן די צוויי טשעמאָדאַנעס און ווי נישט מיט מיין קול אָנגעהויבן שרייען: — „פּאָליציי!!! פּאָליציי!!!"

איך בין אַ פאַל געטאָן צו דער ערד, דורך די האַלב־אָפענע אויגן

האָב איך נאָך באַוויזן צו זען קעפּ, קעפּ וואָס האָבן זיך אָנגעבויגן איבער מיר וואָס אַמאָל טיפער, טיפער, נידעריקער... אין אַ רגע אַרום האָט זיך דורך זיי דורכגעשטופּט אַ רויטער קאָפּ מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק וואָס האָט זיך געמאַכט אַ וועג צווישן אַנדערע קעפּ... ממש מיט די לעצטע כוחות האָב איך נאָך באַוויזן אַ געשריי טאָן: — „האַלט אים!!! האַלט אים!!! אַ מערדער!!! אַ מאַסן־מער..."

און שוין. מער האָב איך גאָרנישט געפילט. נאָר אַ שוואַרצע נאַכט האָט מיך איינגעהילט אין איר שלייער און פּלוצים גענומען טראָגן אין דער הויך, אין אומענדלעכע ווייטן...

איך ווייס נישט וויפל צייט איך בין געווען אָן באַוווסטזיין. איך דער־מאָן זיך נאָר, אַז דורך דער גאַנצער צייט האָב איך געפילט אַ שאַרפן ריח פון רפואות און נישט אויפגעהערט צו זען איבער זיך קעפּ, כל־מיני קעפּ: ווייסע קעפּ און שוואַרצע קעפּ, בלאָנדע קעפּ און פּליכעוואַטע, אָפּגעהאַקטע קעפּ פון זינגער, זינגערינס, פון באַסן, טענאָרן, באַריטאָנען, אַלטן, סאָפּ־ראַנען און מעצאָ־סאָפּראַנען; גאַנצע אָפּערן־אַנסאַמבלען אָן קערפּערס, בלויז זייערע קעפּ וואָס האָבן געשוועבט אין דער לופטן, זיך געדרייט, גע־ווירבלט און... געזונגען. יאָ, געזונגען... אָפּגעהאַקטע זינגענדיקע קעפּ האָב איך געזען און האַרט־האַרט ביי דער בינע־ראַמפּע איז אויף אַ הויכן פּאָדיום געשטאַנען מיין טוריסט מיט אַ לאַנג־לאַנג מעסער אין דער האַנט און דיריגירט מיט דעם שרעקלעכן, אויסטערלישן כאָר. דער שווייס איז אים גערונען פון פּנים אונטערן קאַלנער אַרונטער און יעדעס מאָל האָט ער דאָרט אַריינגעשטעקט זיין דיריגענטן־מעסער און זיך געקראַצט, גע־קראַצט מיט אויסערגעוויינלעכער הנאָה...

און אָט האָט זיך דער קאָנצערט פאַרענדיקט. דער דיריגענט האָט צונויפגענומען אַלע זינגער־קעפּ, זאָרגפעליק זיי פאַרפּאַקט אין צוויי גרויסע, שווערע טשעמאָדאַנען און אַ געשריי געטאָן צו מיר: — „העי, מיסטער! טראָג זיי אָפּ צו מיין פלימעניק איוואַן גאָורילאָ!"

ביזן היינטיקן טאָג, אַז איך געפין זיך אַמאָל צופעליק אויף דער אבן גבירול־גאַס און זע די צוויי לאַנג־לאַנגע שורות הייזער אויף זיילן, דוכט זיך מיר תמיד אויס, אַז נישט זיילן זענען דאָס נאָר פיס, פיס אויף וועלכע עס האַלטן זיך די מאַסיווע הייזער־גופים וועמענס קעפּ זענען אַזוי ברוטאַל אָפּגעשניטן געוואָרן...

נו, קען מען זיין פריינטלעך צו טוריסטן?...

אין „הג״א״*

הכלל, איך בין געוואָרן אַלט. דאָס הייסט: נישט אַזוי ווייט אַלט ווי אומטויגלעך צו דינען אין אַ רעגולערער פראָנט־איינהייט. מיינע נערוון, זאָגן זיי, זענען שוין צו גאָרנישט. דערפאַר טאַקע האָט מען מיך איבער־געפירט אין דער ציווילער אַנטי־לופט־פאַרטיידיקונג, אין הג״א הייסט עס. אויב עס וועלן, חלילה, ערגעצווו פאַלן באָמבעס און אַ הויז וועט ברענען, דאַרף איך קומען ראַטעווען, העלפן לעשן דאָס פייער, אַרויסטראָגן, נישט דאָ געדאַכט, פאַרוווּנדעטע, עוואַקוּאירן קראַנקע, שוואַכע, אַלטע לייט און קינדער.

מילא, זאָל זיין הג״א. אויך דאָס דאַרף מען האָבן. עס איז נאָר אַ שאָד וואָס די גאַנצע תורה, וועלכע מען האָט אין מיר ביז איצט אַריינגעקנעלט, ווי שיסן פון אַ ביקס, וואַרפן גראַנאַטן, לויפן, שרייען, גראָבן אָקאָפּעס, וואַלגערן זיך אין זאַמד, אין בלאָטע און טאַפּן אַ וואַנט — איז געוועזן אומ־זיסט. דאָס אַלץ וועל איך שוין מער נישט דאַרפן. איצט דאַרף מען זיך אויסלערנען קריכן אויף לייטערס, אַראָפּלאָזן אויף שטריק, שפּרינגען פון דעכער, דראַפּען זיך אויף די גלייכע ווענט, מאַכן באַנדאַזשן, צעקאַלעטשען די הענט, פאַרשמירן זיך דאָס פּנים, לויפן אין גאַז־מאַסקעס, פאַלן אויף דער נאָז, רעדן, שרייען, טעלעפאָנירן, פייפן מיט סירענעס, באַקומען אַ היבן בלוט־דרוק, אויסגעריסן ווערן און באַהערשן די נייע תורה וואָס הייסט: קינסטלעכע אָטעמונג „פון מויל צו מויל״...

אָט דאָס איז הג״א. אָט דאָס טוען די, וועלכע זענען אויף דער עלטער און טויגן שוין נישט צו עפּעס אַנדערש.

אַנומלט, הערט איר, האָט מען ביי אונדז אין דער איינהייט דער־קלערט אויסנאַמס־צושטאַנד. עס וועט היינט זיין, — האָט מען אונדז דער־קלערט — אַ פאַלשער אַלאַרם. „פיינטלעכע״ אַעראָפּלאַנען וועלן ניבע־דאָס,

---

* הגנה אזרחית — ציווילע פאַרטיידיקונג.

באָמבאַרדירן, אונטערצינדן הייזער און מיר וועלן דאַרפן באַווייזן וואָס מיר קענען.

אונטערצינדן איז אונטערצינדן. עפּעס־וואָס האָבן מיר שוין פּאָרט געלערנט. אינדערפרי האָבן זיך צעוואָיעט די סירענעס. מען האָט אונדז אַרויפגעלאָדן אויף מאַשינען און אַוועקגעפירט אין אַן עלעגאַנטן ווויִן־קוואַרטאַל אין צפון תל־אביב. אינדערלופטן האָט זיך דערהערט דאָס רוישן פון אַן אַעראָפּלאַן. עטלעכע חברה האָבן אויפגעריסן רויך־באָמבעס כדי דער רושם זאָל זיין אַ שטאַרקערער און מער ענלעך צו דער ווירקלעכקייט...

— איר קענט דאָס הויז? — האָט אונדזער מפקד אַ פרעג געטאָן אַנווייזנדיק אויף אַ הויכער פירשטאָקיקער געביידע — עס ברענט! אין די אויבערשטע שטאָקן זענען געבליבן אָפּגעשניטן עטלעכע מענטשן, וועלכע מען דאַרף עוואַקואירן. און איצטער — שנעלער! צו דער אַרבעט!

ווי אַ וויכער בין איך אַריין אין הויז און גענומען לויפן איבער די טרעפּ. איך האָב גלייך דערפילט ווי דער אָטעם ווערט מיר אָפּגעהאַקט, דאָס האַרץ האַלט ביים פּלאַצן און די פיס ברעכן זיך אונטער. אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַשלאָגן און אין קאָפּ האָט זיך גענומען דרייען. געהערט אַ מעשה: דווקא די אויבערשטע שטאָקן זענען געבליבן אָפּגעשניטן!... מען האָט נישט געקענט אָפּשניידן דעם פּאַרטער און פון דאָרט עוואַקואירן די אָפּגעשניטענע?...

הכלל, קוים אַ לעבעדיקער בין איך אַרויף אויפן פערטן שטאָק און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר וווּ אויף אַ מעשן שילדל איז געווען אויפגעשריבן: „געניאַ גינגאָלד". ביז וואָס־ווען האָב איך זיך דערוויל פאַרריכט אַ ביסל די בגדים, דעם שטאָלענעם צילינדער אויפן קאָפּ און אָפּגעווישט דעם שווייס פונעם פּנים.

— ווער איז? — דערהער איך פּלוצלונג אַ קלינגענדיקע פרויען־שטים.

— הג"א! — ענטפער איך.

— ווער? — פרעגט די שטים ווידער.

— נישט ווער, נאָר וואָס! — הייב איך זיך שוין אָן אַ ביסל דע־נערווירן — הג"א קלאַפּט. עפנט שנעלער ווייל דאָס הויז ברענט!

— וויי איז מיר!!! — הער איך אַ געשריי און נאָך איידער וואָס־ווען, האַלט איך שוין אַ האַלב־נאַקעטע פרויען־געשטאַלט אין מיינע אָרעמס.

עס איז מיר גלייך געוואָרן אַזוי הייס, אַזאַ היץ האָט מיך באַשלאָגן, ווי ס׳וואָלט טאָקע דאָ אַרום געבושעוועט דאָס גרעסטע פייער...

— ווּ ברענט ?... — האָט זי קוים אַרויסגעשטאַמלט.

— לויטן פּלאַן, — דערקלער איך איר — ברענען איצט די אונ־טערשטע שטאָקן און איר זענט אָפּגעשניטן פון דער וועלט! עס איז שוין נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג נאָר עוואַקואירן אייך דורכן פענצטער...

— ווי איז מיר!... — האָט מיין „אָפּגעשניטענע״ אַ קרעכץ געטאָן און געבליבן הענגען אויף מיר.

איך האָב זי געהאַלטן גאָר פעסט, מורא האָבנדיק זי זאָל מיר, חלילה, נישט אַוועקחלשן.

— קומט! — זאָג איך איר — איך וועל אייך עוואַקואירן.

— אָט אַזוי? — פרעגט זי — אין בלויזן נאַכט־העמד?

— נישטאָ קיין אַנדערע עצה, — דערקלער איך איר — יעדע מינוט איז אויף דער וואָג פון גאָלד!...

— טאָ וואַרט — גיט זי זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ — איך וועל זיך נאָר אַ ביסל צוקעמען און צופּודערן!

— וואָס הייסט, — שריי איך, — פּודערן!? געהערט אַ מעשה!? גיי מיט ווייבער אין דער מלחמה אַריין! אַרום בושעוועט אַזאַ פייער, ממש סכנות־נפשות, גייט זי זיך גאָר פּודערן! געפונען אַ צייט! די פּנימער דאַרפן איצט זיין שוואַרץ פון סאַזשע, ווילט איר זיך גאָר פּודערן?

אינדרויסן האָט נאָך אַלץ גערוישט דער אַעראָפּלאַן און מיינע חברים האָבן אויפגעריסן ווייטערדיקע רויך־באָמבעס.

— וואָס איז דאָס? — האָט מיין „אָפּגעשניטענער״ קרבן אַ פרעג געטאָן.

— פיינטלעכע אַעראָפּלאַנען! — האָב איך איר געגעבן צו פאַרשטיין — זיי וואַרפן ברען־באָמבעס!

— טאָ וואָס שטייט איר ווי אַ נעבעכטיקער און גלאָצט אויף מיר מיט אייערע צווי קוקערס? קומט, לאָמיר לויפן אין קעלער אַריין!

— שטייט! — שריי איך צו איר — וווהין לויפט איר? איר האָט פאַרגעסן אַז אונטן ברענט?

— מיין פאַרשווינטע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער סאָפע. „אוי״, האָט זי אויסגערופן, „מיר זענען פאַרלוירן!״ און פאַרמאַכט די אויגן.

איך בין צוגעפאַלן צו איר און גענומען מאַכן קינסטלעכע אָטעמונג „פון מויל צו מויל״.

— הערט מיך אויף צו קושן! — האָט זי אויסגעשריגן און זיך אויפגעריסן פונעם אָרט — ווי שעמט איר זיך נישט צו טאָן אַזעלכע זאַכן אין אַזאַ צייט?!

— גברת גינגאָלד, — פּרוביר איך איר געבן צו פאַרשטיין — איך טו דאָס נישט פון מיין אייגענעם ווילן... דאָס איז מיין אויפגאַבע, מיין הייליקע נאַציאָנאַלע פליכט צו ראַטעווען די ציווילע באַפעלקערונג! איך בין אַ מיט־גליד אין הג״א און האַלט זיך שטרענג ביי די אינסטרוקציעס וועלכע איך האָב באַקומען...

— וואָס פאַראַ אינסטרוקציעס? — קרומט זי מיר איבער — ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז מיטגלידער פון הג״א מוזן קושן פרעמדע ווייבער?

— אַנשולדיקט, — פּרוביר איך קלאָר מאַכן פאַר איר דעם ענין — איך קוש אייך נישט נאָר מאַך אייך קינסטלעכע אָטעמונג לויט דער נייער שיטה „פון מויל צו מויל״. פאַרגעסט נישט אַז איר זענט שוין אַ פאַר־טשאַדעטע...

— מיר דוכט זיך, — גיט זי זיך אַ שטעל אויף — אַז דאָס זענט איר שוין אינגאַנצן פאַרטשאַדעט! געהערט אַ ביסל: אינדרויסן פאַלן באָמ־בעס, דאָס הויז שטייט אין פלאַמען און ער, אָנשטאָט צו טאָן זיין אַרבעט, פאַרנעמט זיך גאָר מיט אַריינבלאָזן מיר אַ נייע נשמה! אַ פרישער בלאָזער זיך אָפּגעפונען!...

— יונה! יונה! — הער איך ווי מיין מפקד רופט מיך — ווו ביסטו דאָס ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן?!

— וואָס איילסטו זיך אַזוי? — שריי איך צו אים אַראָפּ דורכן פענצ־טער — וואָס איז, עס ברענט ביי דיר?!

— נו, איר קענט שוין גיין! האָט זיך מיין „פאַרטשאַדעטע״ אַ שטעל געטאָן ביי דער טיר — ס׳האָט שוין אויפגעהערט צו ברענען און אייערע חברים וואַרטן שוין אויף אייך... נאָך דאָס האָט מיר געפעלט: האָבן צו טאָן מיט אַן אַלטן תרח פון הג״א...

— כ׳בין גאָרנישט אַזוי אַלט ווי איר מיינט! — האָב איך זיך געגעבן אַ שטאָלצן צי אויס, אַז עס האָט אַזש עפּעס־וואָס אַ קנאַק געטאָן ביי מיר אין רוקן...

— עס גייט מיך נישט אָן אייער עלטער, — האָט זי זיך אָוועק־געדרייט פון מיר — נאָר דאָס צווייטע מאָל, אַז איר וועט קומען עמעצן ראַטעווען און מאַכן איר קינסטלעכע אָטעמונג „פון מויל צו מויל״, זאָלט איר זיך פאַר דעם כאָטש לייטיש אָפּראַזירן. איך האָב פיינט מענער מיט שטעכיקע בערד וואָס צערייבן דאָס פּנים...

*

נו, וואָס זאָגט איר צו אונדזערע פרויען? אַזאַ מאַנגל פון פּאַטריאָטיזם האָב איך נאָך אין ערגעץ נישט געזען.

— אַנטשולדיקט, — האָב איך זיך פּרובירט פאַר איר פאַרענטפערן — היינט איז געווען אַ צופאַל... מען האָט אונדז אומגעריכטערהייט אַרויסגענומען ממש פון די בעטן... דאָס צווייטע מאָל וועל איך שוין קומען צו אייך אָן אָפּראַזירטער...

— אַז איך וועל אייך באַדאַרפן, — גיט זי מיר אַ זאָג — וועל איך שיקן נאָך אייך...

— איר דאַרפט זיך נישט באַמיען, — דערקלער איך איר פריינט־לעך — מיך דאַרף מען, חלילה, נישט רופן...

— נודניק! — האָט זי אַ שמייכל געגעבן און פאַרקלאַפּט די טיר הינטער מיר.

פאַרשטייט זיך, אַז מיין ווייב ווייסט גאָרנישט וועגן דער גאַנצער מעשה. איך בין אַ דיסציפּלינירטער סאָלדאַט וואָס היט שטרענג אָפּ מיליי־טערישע סודות...

געוויסן—אויך מיר אַן אַרטיקל...

זאָג מיר: — וואָס וועט זיין דיין סוף?

אָט מיט אַזאַ ברוך־הבא האָט מיך מיין יידענע מכבד געווען יענעם פאַטאַלן מיטוואָך אינדערפרי, בשעת כ'האָב נאָרוואָס געעפנט מיין לינק אויג, ווען דאָס רעכטע האָט נאָך געדרימלט.

— איך זאָל אַזוי וויסן פון דיר... — האָב איך אַ האַלב־פאַרשלאָפענער געענטפערט — וואָס האָסטו זיך ווידער צו מיר צוגעטשעפעט אויפן ניכטערן מאָגן?

— וואָס הייסט: „ווידער״? — גיט זי אַ שפרונג ווי אַ פאַרווונדעטע לייביכע — שוין עטלעכע וואָכן ווי איך שטעל דיר די זעלבע שאלה, פרעגסטו מיך, „פאַרוואָס עפעס ווידער״?

צווישן אונדז גערעדט איז מיין יידענע כשר גערעכט. טאָקע שוין גוטע עטלעכע וואָכן ווי איך הער די זעלבע פראַגע: „וואָס וועט זיין דיין סוף״? יעדן טאָג, ווען אין ראַדיאָ הערט זיך דער באַקאַנטער סיגנאַל וועלכער זאָגט אָן אַז „איצט איז זיבן אַ זייגער פרי, הערט די נייסטע ידיעות״, שטעלט זי מיר די זעלבע פראַגע און יעדן טאָג גיב איך איר דעם זעלבן ענטפער נאָך וועלכן זי ווערט רויט ווי אַ בוראַק, בלאָזט זיך אָן ווי אַן אינדיק אַז אָט־אָט גיט זי אַ פּלאַץ און איך וועל נישט האָבן מיט וועמען צו גיין צום טיש...

— ווען וועסטו שוין ווערן אַ שטיקל מענטש? — קומט די צווייטע פראַגע.

— וואָס הייסט ביי דיר — פרעג איך — אַ שטיקל מענטש? וואָס דען בין איך?

— אַ דרערד־ליגער! אַ גאָרנישט־שבגאָרנישט! אַ שלימזל! אַ ליידיק־גייער! אָט דאָס ביסטו!

איצטער, אַז איך ווייס שוין פּינקטלעך וואָס איך בין, קען איך ערשט אַראָפּקריכן פון בעט...

— יענטעלע, — פּרוביר איך זי איינגעמען מיט גוטן — באַרויק

זיך. לאָמיר פריער אָפּעסן פרישטיק, ווערסטו כאַטש האָבן מער כוח צו שרייען... צוואָס דאַרפסטו אַזוי פרי אויפוועקן די שכנים? לאָז זיי נאָך אַ ביסעלע שלאָפן. וואָס זענען זיי נעבעך שולדיק? וואָס הייסט, דו רופסט מיך ליידיקגייער? איך בין אַ ליידיקגייער? איך האָרעווע ווייניק?

— וואָס האָב איך פון דיין האָרעווען?! — גיט זי גלייך אַן עפן איר ווינט־מילעכל אַז עס ווערט מיר קאַלט אין אַלע גלידער — ווער דאַרף דיין האָרעווען? איך וויל לעבן ווי אַ מענטש, דו הערסט? ווי אַ מענטש!!!

— וואָס הייסט ביי דיר — פרעג איך ווייטער — לעבן ווי אַ מענטש? וואָס וואָלסטו געוואָלט, אַז איך זאָל גיין, חלילה, גנבענען? אַז איך זאָל עמעצן באַשווינדלען צי גאָר באַראַבעווען? אַ מענטש מוז אַרבעטן ערלעך, פאַרדינען ערלעך זיין טרוקן שטיקל ברויט און לעבן ערלעך... אַ מענטש מוז דאָך האָבן אַ קאַפּעלע געוויסן!...

— איך פייף אויף דיין געוויסן! — הייבט זי גלייך אַן איר טעגלעכן מאָנאָלאָג — געהערט אַ מעשה: אַ ניי וואָרט אויסגעקלערט: „געוויסן״! הרגע מיך אָוועק צי איך וויס מיט וואָס מען עסט דאָס... וואָס איז דאָס פאַראַ אַרטיקל? אין טעפּל קען מען דאָס אַריינלייגן? אַ מיטאָג קען מען דערפון מאַכן? מען קען דאָס אָנטאָן און אַרויסגיין שפּאַצירן? ניין? טאָ דאַרף איך דאָס אויף טישע־ביינציק כפרות צוזאַמען מיט דיר!...

— איך בין נישט קיין גרויסע געלערנטע. אין „וועדזיטעטן״ האָב איך מיך קיינמאָל נישט געמאַרדעוועט און קיין „דיפּלאָמאַטן״ האָט מיר קיינער נישט געגעבן...

— יענטעלע, — פּרוביר איך איר איבעררייסן — וואָס פאַראַ דיפּלאָמאַטן? דו מיינסט מסתמא „דיפּלאָמען״?

— איין שוואַרץ יאָר! — גיט זי אַ ביטולדיקן מאַך מיט דער האַנט — אַלץ שקר וכזב! אַלץ גניבה! איין זאַך וויס איך, אַז אונדזער שכן, געצל, לעבט זיך גאַנץ פיין — אַן געוויסן. טאָ פאַרוואָס זאָל ער יאָ קענען און דו — נישט? וואָס איז: ער איז קליגער פון דיר? געלערנטער פון דיר? אַז סך־הכל איז ער אַ גראָבער יונג וואָס קען זיך רעכט נישט אונטערשרייבן, וויסט נישט די צורה פון קיין יידישן אות. אַנשטאָט אַ מוח, האָט ער אַ פּליך און אַנשטאָט אַ ביסעלע „טיליגענץ״ — האָט ער דיקן בויך מיט שמאַלץ... אַז טאָמער דאַרף ער אַמאָל, חלילה, „לייגן דעם טאַטן״, ווערט ער רויט ווי אַן אָפּגעקאָכטער ראַק און די אויגן קריכן אים שיעור פון קאָפּ נישט אַרויס... נאָר וואָס דען? ער איז אַ מענטש און דו ביסט אַ דרערד־

ליגער! ער האָט געלט און דו האָסט — געוויסן... ער מאַכט אַ משוגע לעבן, אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן! זיין ווייב, קיילע, פּלאַצט שוין אַרויס פון די קליידער. זי ווייסט דאָך נישט אויף וואָס זי גייט! יעדע וואָך — אַ נייע שמאַטע; יעדעס מאָל — אַ נייעם רינג, מאָדערנע אויערינגלעך, גאָלדענע האַלדזבענדער — אַז אַרויס זאָל איר דאָס אַלץ באַקעם, האַרצע־דיקער פּאָטער אין הימל! זי פּאַפּט אין זיידענע פּיזשאַמעס און איך — מיטן געוויסן... נו יאָ, ווי זאָגט דאָרט אַן אַלט שפּריכוואָרטל: „אַז מען לייגט זיך שלאָפן מיט הינט — שטייט מען אויף מיט פליי"... דאָס האָב איך פון דיין געוויסן. אַדרבא, לאָמיר זען זאָלסט מיך אויך אַמאָל אַרויספירן אויף אַ קאָנ־צערט, אַזוי ווי געצל פירט יעדעס מאָל אַרויס זיין פּעטע יאַכנע? וואָס איז: זי איז געבילדעטער פון מיר? זי פאַרשטייט זיך מער אויף מוזיק? זי האָט געענדיקט אַ „פּיסהאַרמאָנישן פּראָסעקטאָריום" און איך נישט? נאָר כדי צו גיין אויף אַ קאָנצערט, דאַרף מען דאָך האָבן מיט וואָס צו צאָלן. האָט ער טאַקע — און דו האָסט — אַ געוויסן.

— אָבער יענטעלע, — קען איך שוין נישט אויסהאַלטן — נישט יעדער קען דאָך זיין אַזאַ געצל! ער איז דאָך אַן אַפּעריסט, אַ גנב וואָס איז שוין נישט איינמאָל געזעסן אין חד־גדיא פאַר זיינע מעשים־טובים...

— טאָ איז וואָס? — לאָזט מיך מיין יענטעלע נישט קומען צום וואָרט — אָבער איצטער לעבט ער ווי אַ מענטש? זיין ווייב, זיין דיקע יאַכנע, באָדט זיך אין שווילטאָג? טאָ ווען גייט עס אָן אַז ער איז געזעסן? וועלכער לייטישער מענטש, וואָס וויל הייגט לעבן ווי עס באַדאַרפט צו זיין, זיצט נישט אין תפיסה? טאָ פאַרוואָס זאָלסטו זיין בעסער פון אַנדערע? פאַרוואָס זאָלסטו טאַקע נישט גיין אַ ביסעלע זיצן? אַז דו זיצסט אינדערהיים און גלאָצסט אויף מיר מיט דיינע צוויי קעלבערנע אויגן — איז שוין גוט? און אַז איך ווער, טאָג־איין, טאָג־אויס, פאַרשוואַרצט ביי די טעפּ אין קיך איז בעסער, האַ? דאָס איז יאָ גוט פאַר דיין געוויסן? טאָ האָב איך דיך טאַקע ניין איילן טיף אין דער אַדמה צוזאַמען מיט דיין ניי־אויסגעטראַכטן אַרטיקל! זאָלן מיינע שונאים געשטראָפט ווערן מיט געוויסן, אָבער איך וויל לעבן ווי אַ מענטש! ווי אַ מענטש! פאַרשטייסט, צי ניין?!

נו, געהערט ווערטער פון אַ יידענע? פיין, וואָס? שיין וואָלט איך אויסגעזען ווען איך גיי נאָך איר קאָפּ. אַ שיין פּנים וואָלט איך דאַן געהאַט. נאָר ביי מיר וועט זי אַזוי לייכט נישט אויספירן! איך בין נישט געצל! דערוויל האָב איך נאָך — אַ ביסעלע געוויסן...

אוי, אויגוסט, אויגוסט...

די היינטיקע הומאָרעסקע, משטיינס־געזאָגט, שרייב איך אויף דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון — לייענער... איר צווינגט מיך צו שרייבן — שרייב איך, נאָר כ׳נעם פון זיך לכתחילה אַראָפּ יעדע פאַראַנטוואָרטלעכקייט — סיי פאַרן אינהאַלט, סיי פאַר דער פאָרם און פאַר דער לענג... ווייל איך האָב אַ פּרינציפּ, פאַרשטייט איר מיך, אַז אין אויגוסט — שרייב איך נישט. אין אויגוסט בין איך נישט פעיק צו שרייבן פשוט דערפאַר, ווייל דער קאָפּ אַרבעט נישט. אויגוסט איז ביי מיר דער ערגסטער חודש אין יאָר, פיל ערגער פון יוני און יולי. דאָס הייסט, אַז יענע צוויי חדשים זענען אויך נישט אַזוי איי־איי־איי, ווייל אין יוני וויל איך נישט שרייבן, אין יולי — קען איך נישט שרייבן, קומט אָבער דער אויגוסט, בין איך, נישט פאַר אייך געדאַכט, סתם אַ בר־מינן, אַ האַלבער מת, קוים וואָס איך זשיפּע.

צו אונדזער מדינה האָב איך, חלילה, גאָרנישט. וואָרפן זיך דערמיט טאָר מען נישט, ווייל מיט אַ מתנה וואַרפט מען זיך נישט. און אונדזער לאַנד האָבן מיר דאָך באַקומען במתנה פון אים אַליין — טאָ גיי זאָג אַ קרום וואָרט אויף אַזאַ געטלעכער מתנה...

נאָר צוריקגעשמועסט וואָלט איך געוואָלט וויסן: ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ ראַדיאָ־ספּיקער זאָל נאָך אין חודש מאַי אָנזאָגן די גוטע בשורה: „פון היינט אָן ביז נאָוועמבער — וועט אינדרויסן זיין שיין”. אין וועלכן לאַנד קאָן אַ מעטעאָראָלאָג זיין אַזאַ נביא? אין אַנדערע לענדער פּרוּוון זיי טרעפן וואָס פאַראַ וועטער עס וועט זיין דעם זעלבן אָוונט — און טרעפן ווי אַ בלינד פערד אין גרוב אַריין. אָבער ביי אונדז טרעפן זיי פאָרויס אויף גוטע פינף־זעקס חדשים... איז דאָס נישט פלא־פלאים, וווּנדער איבער וווּנדער? מען זאָל אַזוי אַריינטרעפן אין פינטל אַריין? ווייל אַ וועטער איז דאָך נישט קיין ווייב...

מילא, אַ ווייב. ביי איר קאָן איך טרעפן אויף חדשים פאָרויס, מיט וואָסער ברוך־הבא זי וועט מיך אויפנעמען ווען איך וועל אַריינקומען פון

גאַס, נישט אויסווישן די פיס און גלייך אַרויף אויפן טעפּיך. איך ווייס פון פּאַרויס, וויאַזוי זי וועט מיך אויפנעמען, דערזעענדיק מיין העמד וואָס כ'האָב ערשט היינט אינדערפרי אָנגעטאָן און האָט זיך צוגעקלעפּט צו דער באַנק אין אויטאָבוס. איך ווייס, אַז פאַרן דערלאַנגען מיטאָג וועט זי מיר דערלאַנגען אַזאַ מענה־לשון, אַז עס וועט מיר פאַרגיין דער אַפּעטיט. איך ווייס מיט וואָס עס שמעקט — זיך אויסבאָדן און פאַרגעסן אויסווישן נאָך זיך דעם דיל און אויסשווענקען די וואַננע; איך הייב דאַן אָן אַזוי צו שוויצן, אַז גלייך נאָכן אויסהערן די „סימפאָניע", מוז איך כאַפּן אַ פרישע באָד. איך ווייס וואָס דאָס הייסט אַוועקלייגן זיך און כאַפּן אַ דרימל אויף אַ צוויי־דריי שעה, אינדערצייט ווען מיין פּלוניתטע מוז געבעך שטיין און האָרעווען אין קיך, אַכטונג געבן אויף די קינדער און אַ גאַנצן טאָג נישט האָבן ווען זיך אַוועקצוזעצן אויף אַ מינוט...

מיינט נישט אָבער, אַז מיין לעבנס־באַגלייטערין איז אַזאַ מכשפה, אַזאַ מרשעת. זי באַגלייט מיך טאַקע דאָס גאַנצע לעבן מיט שטראָף־רייד, מיט שטעכווערטלעך, מיט קללות און געוויינען, נאָר נישט זי איז אין דעם שולדיק. פון דער נאַטור איז זי דווקא נישט קיין שלעכטע, כ'וואָלט ריזיקירט זאָגן — אַפילו אַ גוטע, אַ סימן האָט איר — זי וויינט נאָך אַלץ מיט מיר צוזאַמען... שולדיק איז, פאַרשטייט איר מיך — דער קלימאַט. און אַז עס קומט אויגוסט, איז שוין טאַקע גאָרנישט אויסצוהאַלטן, דאַן וואָלט איך אַוועקגעוואָרפן ווייב און קינד און אַוועק, ווו דער וויסער שניי ליגט...

נאָר גיי לויף — אַז עס לויפט זיך נישט. גיי לויף, אַז די פיס טראָגן נישט. גיי שרייב הומאָרעסקעס — אַז דער קאָפּ אַרבעט נישט, אָבער לחלוטין נישט, נאָר די האַנט לויפט, ווייסט זי דער רוח וואוהין?

אַ באַגעגעניש

— שלום, אַדון פינגערהוט! אַ געזונט אויף אייך! ווו זענט איר דאָס פאַרפאַלן געוואָרן אין די גרויסע פרעסט?

— הער נאָר אַ זאָגעלע: — „אין די גרויסע פרעסט“. אין דרויסן איז אַ חמימה, אַז מען קען צעשמאָלצן ווערן, רעדט ער וועגן פרעסט... איי, אַדון קלאָפּפיש, וואָלט אונדז דאָ טאַקע צונוץ געקומען אַ פרעסטל. כאָטש אַ קליינטשיק, פּיטשינקע פרעסטעלע, די נשמה צו דערהאַלטן...

— וואָס רעדט איר, אַדון פינגערהוט?! אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן פון אַזאַ זאַך! נאָך דאָס פעלט אונדז! איר האָט שוין אָפּנים פאַרגעסן דאָס פרעסטעלע און שנייעלע וואָס איז דאָ געווען אין פופציקסטן יאָר, האַ? מסתמא איז דאַן געווען אַן איבערפלוס פון שניי אין הימל, האָבן זיי עס אַראָפּגעשיקט צו די אָפּגעשטאַנענע לענדער... דאָס ערשטע מאָל, זייט צוויי טויזנט יאָר, האָט מען אונדז דאַן מכבד געווען מיט שניי... דאָס איז שוין איין מאָל געווען אַ ווינטער. מיר וועלן אים, דוכט זיך, אַזוי גיך נישט פאַרגעסן! ווייל ווער דאַרף דאָ האָבן שניי? אויף כפרות פעלט ער אונדז אַוודאי אויס? נאָר אַז מען שמועסט איבערפלוסן — איז דאָך נישט שייך... דאָס איז דאָך געווען אַ נאַציאָנאַל אומגליק! איר געדענקט די דעכער און הייזער וואָס זענען איינגעפאַלן אונטער דער לאַסט פון שניי? איר געדענקט דען נישט די פינצטערניש וואָס האָט דאַן געהערשט צוליבן פעלן פון עלעקטרישן שטראָם? ווייל וועלכער משוגענער וועט זיך דאָס גיין דראַפּען אויף פאַרפרוירענע, פאַרשנייטע סלופּעס, כדי צו פאַריכטן די איבער־געריסענע דראָטן? מען האָט דען געקענט אַרויף? און אַז עס איז נישט געווען קיין עלעקטריע — איז נישט געווען קיין ברויט און קיין פּוטער און קיין מילך, ווייל אין דער היינטיקער משוגענער צייט גייט דאָך אַלץ אויף עלעקטריע, און אַן דעם איז תוהו־ובוהו, חושך מצרים, כאָטש נעם זיך אַן אויג אַרויס... די פאַבריקן זענען געשטאַנען, די בהמות האָבן געמעקעט, ווייל ווי אַזוי מעלקט מען דאָס אויס אַ בהמה, אַז דער עלעקטרישער מעלק־אַפּאַראַט אַרבעט נישט? און ווען ער וואָלט אַפילו יאָ געאַרבעט וואָלט מען

דען געקענט צופירן די מילך אין שטאָט אַריין? אַז די וועגן זענען געווען פאַרשנייט, די מאָטאָרן האָבן זיך נישט אָנגעצונדן און די שאָפערן זענען פאַרפרוירן געוואָרן... כאָטש גיי צעפיר דאָס אַלץ מיט פערד. גוט צו זאָגן „פערד", ווו נעמט מען היינט אַ לעבעדיק פערד? ווו האָט איר היינט אַ פלאַץ פאַר פערד? און פאַר אַ מענטש, פאַר אַ פשוטן בשר־ודם, איז יאָ פאַראַן אַ פלאַץ? יעדעס מאָל ווען איר ווילט אַריבערגיין פון איין זייט גאַס אויף דער צווייטער, שטעלט איר דאָך פשוט איין דאָס לעבן. אויף קידוש־השם גייט מען דאָך!

ערשט וואָס האָט זיך דאָן אָפּגעטאָן אין ירושלים? ווער האָט זיך דאָן געקענט אַרויפבאַקומען אויף דעם באַרג? ס'איז דאָך געווען נישט ארויף — נישט אַראָפּ... אַ וואָך צייט איז דאָך אונדזער הייליקע הויפּטשטאָט געווען אָפּגעשניטן פון דער וועלט ווי, להבדיל, אין דער באַפרייונגס־מלחמה, נישט היינט געדאַכט! מענטשן זענען דאָך געזעסן אין די הייזער און מורא געהאַט די נאָז אַרויסצושטעקן. עס האָט געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. ווייל ווער פון אונדז איז דען געוווינט צו פרעסט און שנייען? מיר פאַרמאָגן דען אַן אמתדיקן ווינטערדיקן בגד אויף זיך? מיר זענען דאָך דאָן פשוט אויסגעגאַנגען פון קעלט, זענען מיר. מענטשן האָבן דאָך אונטערגעצונדן זייערע הייזער כדי אָנצוואַרעמען די פאַרפרוירענע גלידער... נו, ווילט איר שוין ווידער אַ פרעסטל? אָ, ניין! אַלץ יאָ, נאָר ניט דאָס! זאָל שוין בעסער גיסן אַ שלאַקס־רעגן, זאָל דונערן און בליצן, זאָל שוין בעסער זיין אַ שטורעם, אַ געוויטער, נאָר נישט קיין פראָסט!

— גערעכט, גערעכט, אַדון קלאָפּפיש! נאָר ווי אַזוי מאַכט מען, אַז עס זאָל זומער אַראָפּפאַלן אַ רעגן? מיר לעבן טאַקע אין אַ לאַנד פון נסים, נאָר אַזאַ נס, אַז זומער זאָל רעגענען, איז נאָך, דוכט זיך, קיין מאָל נישט געשען...

— און ווינטער האָבן מיר דען יאָ רעגנס? שוין זיבן יאָר ווי עס הערשט אַ טרוקעניש, שוין זיבן יאָר ווי די ערד לעכצט נאָך אַ ביסל וואַסער, שוין זיבן יאָר ווי די דאַרע בהמות פרעסן אויף די פעטע און אַז עס וועט נישט קומען דעם ווינטער אַ ביסל רעגן, וועלן מיר מעגן אַרויס־לייגן די צונג אויף דער פּאָליצע און אָפּזאָגן אַ רבנן־קדיש נאָך אונדזער לאַנדווירטשאַפט. אָבער דאָס, זעט איר, אַרט מיך שוין דווקא נישט. וועלן מיר האָבן ווינציקער אַ ציבעלע, ווינציקער אַ טאָמאַטע, נישקשה: עס איז דאָ ווער עס זאָל פאַר אונדז זאָרגן. אַזעלכע זאַכן קען מען אַריינפירן פון

אויסלאַנד און איך פאַרזיכער אייך, אַז עס וועט אונדז נאָך אויסמאַכן ביליקער... דערפאַר אָבער קומען צו אונדז יעדן ווינטער צענדליקער־טויזנטער טוריסטן וואָס וויסן, אַז דאָ שיינט די זון און דער הימל איז לויטער אין דער צייט ווען ביי זיי גייט מען אויס פון קעלט. און אַז די זון שיינט איז פריילעך אויף דער נשמה, און אַז אַ מענטש איז גוט געשטימט ווערט ער גוטמוטיקער, ברייטהאַרציקער, עס עפנט זיך ביי אים ברייטער די קעשענע און פאַר דער פרעמדער וואַלוטע וואָס זיי לאָזן דאָ איבער קאָן מען פירן אַ ברייט־פאַרצווייגטע פּראָפּאַגאַנדע אין אויסלאַנד, דערציילן פאַר אונדזערע ברידער וועגן דער זיבנאַריקער טריקעניש, וועגן דער ביטערער לאַגע פון אונדזערע פויערים, וועגן דער שרעקלעכער ענגשאַפט וואָס הערשט אין שטאָט, וועגן די גאַסן וואָס זענען פאַרשטאָפּט מיט אויטאָס, וועלכע זוכן אַ מקום־מקלט און קענען נישט געפינען; וועגן דעם שרעקלעכן ווױנונגס־מאַנגל וואָס הערשט ביי אונדז: מען קען טיילמאָל אָפּלויפן חדשים־לאַנג ביז מען געפינט אַ פּאַסיקע פיר־פינף צימערדיקע וווינונג אין אַ שטילער געגנט, מיט ווייניק שכנים און אַ פּלאַץ צו פּאַרקן די מאַשין. זאָלן זיי וויסן, אַז יאָר־איין — יאָר־אויס, מוזן מיר אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד, ווייל אונדזערע אַפּרו־הייזער זענען איבערפולט און מען קען דאָ קיין פרייען פּלאַץ נישט געפינען...

איך פאַרזיכער אייך, אַז אויב אונדזערע ברידער אין אויסלאַנד וועלן זיך דערוויסן וואָס פאַראַ שווער לעבן מיר האָבן דאָ, וועלן זיי גלייך פאַרגרעסערן די באַשטייערונגען פאַר אונדזער אָרעמער מדינה, דער „מגבית״ וועט וואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט, און מיר — צוזאַמען מיט אים... אַ נייע כוואַליע יידן וועט זיך אַ לאָז טאָן אַהער, כדי צו קומען — צו קבר־ישראל. זאָלן זיי וויסן וואָס פאַראַ לעבן מען קאָן דאָ ביי אונדז מאַכן איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר!... איר וועט זען ווי נאָך הונדערט און ניינצן יאָר וועלן זיי קומען צו אונדז... מען דאַרף זיי דערציילן, אַז ביי אונדז הערשן אידעאַלע קלימאַטישע באַדינגונגען, אַז די ערד איז אַ לייכטע, אַ טרוקענע און מען דאַרף נישט מורא האָבן פאַר רעומאַטיזם. עס וועט דאָן זיין ששון־ושמחה. מיר וועלן קענען לעבן אַ גוטן טאָג, נישט דאַרפן קראַפּירן פון דער היץ. מיר וועלן זיך דאַן קענען זיצן רואיק אין דער היים, עפענען דעם „איר־קאָנדישן״, איינשליסן די „דערציונגס־טעלעוויזיע״ און קנעלן מיט אייפער דעם „אַלף־בית״. מיר וועלן דאַן קענען איינטוישן די אַלטע מאַשין אויף אַ נייעם מאָדעל און נישט פאָרן מיט דער אַלטער

טראַנטע. דאָס זעלבע — אויך מיטן ווייב: זי וועט זיך דאַן מאַכן אַן „אָווראַל“, פאַרפּרעסן די קנייטשן, פאַרקלענערן די נאָז, צוקלעבן די אויערן זיי זאָלן נישט אָפּשטיין ווי פליגל פון אַן אָדלער. זי וועט זיך דאַן איבערפאַרבן די האָר אויף זשאַווער־קאָליר, וואָס איז היינט אין דער לעצטער מאָדע. זי וועט זיך קויפן נייע שמאַטעס, וועקסלען דאָס פּנים, טוישן די ציין און ווערן אַ מענטש מיט מענטשן צוגלייך. איך וועל שוין נישט דאַרפן אונטערהאַלטן זיך דאָס לעבן מיטן קוקן אויף אַ ברידזשיט באַרדאָ, צי אויף דזשינאַ לאָלאָברידזשידאַ, נאָר נחת האָבן פון קוקן אויפן אייגענעם ווייב. מיר וועלן שוין נישט דאַרפן בויען קיין נייע פאַבריקן, וואַרשטאַטן, דערפער און קיבוצים, אויסגעריסן ווערן ביז מיר דערלעבן צו זען אַן אייגענע אוגערקע, אַן אייגענע טאַמאַטע. דאָס אַלץ וועלן מיר קענען אַריינפירן, גרייטע, פון אויסלאַנד, ווייל ווער עס האָט געלט — דער האָט די וועלט! ביי וועמען די מאה — ביי דעם די דעה! עס וואָלט דאַן געווען חי־געלעבט, אַן אמתער גן־עדן אויף דער ערד, ממש אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דער הייליקער תורה: „ארץ זבת חלב ודבש“, אַ לאַנד וווּ מען לעקט האָניק און מען באָדט זיך אין פרישער, פאַסטעריזירטער מילך!...

דערפאַר טאַקע, אָדון פינגערהוט, דאַרפן מיר נישט קיין פּרעסט. אָפּגעהיטן זאָלן מיר ווערן פון אַ פּרעסטל! דאָס קען אונדז נאָך, חלילה, בדיל־הדל שטעלן. זאָל שוין בעסער ברענען די זון, זאָל זיך פון אונדז גיסן דער שוויס טייכנווייז, מיר דאַרפן דאָס אָננעמען באַהבה. נישקשה, מיר זענען שוין דערצו געוווינט און אַז מען געוווינט זיך צו צו די צרות — לעבט מען מיט זיי אין פרידן. דאָס איז פאַרן ווייל פון דער מדינה, פאַר אונדזער ווייל! טאָ קומט־זשע טאַקע אַריין אין אַ קאַפע־הויז, לאָמיר אויס־טרינקען אַ קאַלטע סאָדע אויף לחיים און פאַרבייסן מיט אַ דאָפּלטער פאָרציע אייזקרעם, ווייל איך פיל אַז נאָך אַ ביסל, באַקום איך אַ זונען־שלאַק. אַ פאַפּלעקציע קען מען קריגן פון אַזאַ היץ!...

אַ חלום אין אַ חמסין־טאָג

— אוי, ווען דאָ וואָלט געווען שלום...

אַט אַזוי האָט מיין חבר זלמן אָנגעהויבן חלומען אויפן קול יענעם טאָג, ווען אינדרויסן איז געווען אַ שרעקלעכער כאַמסין, ממש ווי אין גהינום.

דער שווייס איז גערונען פון זיין פּנים, אַריינגעשלענגלט זיך אונ־טערן קאָלנער, איבערגעשווימען דעם רוקנביין און פאַרשווונדן ערגעצווו אין די שיך...

— גיב נאָר אַ קוק אַ היץ, — האָט ער געסאָפּעט ווי אַ בלאָז־זאַק — הייס אין שטאָט, הייס אין דאָרף, הייס אין שטוב און הייס אינדרויסן. עס ברענט — ממש אַ פייער! דער ווינט אַ הייסער, די לופט — אַן אָנגעגליטע, אַלץ איז קאָכעדיק. מען צעגייט פּשוט ווי פּוטער אין אַ כאַמסין־טאָג. אוי, ווען דאָ וואָלט געווען שלום... טרעף אַ שטייגער וואָס איך טו? ראשית־חכמה פּאַק איך איין מיין גאַנץ בני־בית, נעם מיין ווייבס־פאַרשוין, אונדזערע צוויי שקצים —און היידאָ, אַוועק קיין לבנון! געקומען קיין לבנון, דראַפּע איך זיך אַרויף אויפן העכסטן באַרג און קריך אַריין, ווי גרויס איך בין, אין שניי. מיר וואָלטן זיך ביי דער געלעגנהייט געמאַכט אַ פאַמיליען־פאָטאָגראַפיע, אַריינגעלייגט זי אין אַ קאָפּערט, צוגעשיט אַ זשמעניע שניי און דעם בריוו אַוועקגעשיקט צו מיין חברה קיין תל־אביב. דער בריוו מיט דעם פאַמיליען־בילד און מיט דער זשמעניע שניי וואָלט אָנגעקומען פּונקט אין אַזאַ טאָג ווי היינט, ווען אינדרויסן באַקט אַ כאַמסין און די צונג קלעבט זיך צו צום גומען... נאַט, לייענט, קוקט און פּלאַצט פאַר קנאה...

אַוועקגעשיקט דעם בריוו, לאָז איך זיך פאַמעלעך אַראָפּ פון באַרג און פאָר זיך צו קיין ביירוט. געקומען אַהין, גיי איך מיר אַריין אין דעם ערשטן־בעסטן קאַפע־הויז, לייג זיך אַוועק אויפן פערסישן טעפּיך, באַשטעל אַ טערקישע קאַווע, פאַרבייס מיר מיט אַ שטיקל ישראל־שאָקאָלאַד, פּאַ־

רויכער מיר אַ אַמעריקאַנער סיגאַרעטל און שעפּ נחת פון דער וועלט אונטער די קלאַנגען פון נעאַפּאָליטאַנישע לידלעך...

ווער מיר כאַמסין? וואָס מיר כאַמסין? איך לאַך פון זיין טאַטן, לאַך איך! מיינע צוויי שקצים בעטן איך זאָל זיי קויפן אַ קיי־גומי צי אַ צוקערקע אויף אַ שטעקעלע, זאָג איך זיי אידל: „קינדערלעך, קרוינעלעך, דאָ איז נישט תל־אביב. דאָ צאָלט מען פאַר אַלץ מיט האַרטער וואַלוטע און אונדזער פינאַנץ־מיניסטער, זאָל לעבן, האָט פיינט אַז יידן פירן אַרויס פרעמדע וואַלוטע פון לאַנד. אויסער דעם, כדי עפּעס דאָ צו קויפן, דאַרף מען קענען אַראַביש און איך בין נעבעך אַ שטומע צונג... אפילו עברית, די שפּראַך פון אונדזערע אבות־אבותינו, קען איך אויך נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין...״ מיין ווייב, זאָל לעבן, וויל איך זאָל איר קויפן אַ מתנה אין אויס־לאַנד, זאָג איך איר קורץ און שאַרף:״ אויב וועסטו מיך נישט אויפהערן צו נודיען, פּאַק איך שוין איין די פּעקלעך און מיר פאָרן צוריק קיין תל־אביב!״

איצטער פאַרשטייסטו שוין? אי איך לעב זיך ווי גאָט אין אָדעס, אי איך ווייס נישט פון קיין כאַמסין, און אויב איז דיר נאָך ווייניק, קאָסט עס קיין געלט אויך נישט!... איך זאָג אייך, און איר מעגט מיר גלויבן: שלום איז אַ גאָלדענע זאַך! די לעצטע פאָר הויזן פאַרזעצן, אַבי איינהאַנדלען אַ שלום.

אָפּגעוועזן אַ שטיקל צייט אין לבנון, לאָז איך זיך קיין ישראל. ווערט אָבער אין ישראל קאָלט, עס הויבן אָן גיסן רעגנס, פּאַרפּאַק איך ווידער מיין גאַנץ הויזגעזינט און — יאַללאַ! — אַוועק קיין סעודיע. געקומען אַהין — וואַרעם, אַ מחיה! וואָס מיר רעגן? ווער מיר רעגן? אַלע מענטשן — גרויס און קליין —לויפן אַרום נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט. וואַרפן מיר אויך אַראָפּ פון זיך אַלע שמאַטעס און לאָזן זיך אַוועק איבער דער שטאָט.

קודם־כל פאַרקריכן מיר צום שטאָטישן מאַרק. דאָרט קוקן מיר זיך צו ווי אַזוי דעם מלך׳ס דינער קויפן און פאַרקויפן שוואַרצע שקלאַפן. ממש אַ נחת צו זען, ווי אַזוי זיי צאָלן דאָס מיט פרישינקע, קנאַקעדיקע, אַמעריקאַנער דאָלאַרן.

פאַרקויפט אַלע שקלאַפן, לאָזן מיר זיך צום קעניגלעכן פּאַלאַץ. דורך אַ לעכל אין מויער קוק איך אַריין און זע וואָס אינעווייניק טוט זיך. דערווייל קומען עטלעכע סאָלדאַטן, דעם מלך׳ס שומרי־ראש און לקחנען

אַוועק מײַן ווײַב, מײַן ביילע הייסט עס. נאָך עטלעכע טעג אַרומזוכן דער־וויס איך זיך, אַז מען האָט זי אַרײַנגעשלעפּט אין מלך׳ס האַרעם.

דערהערט אַזאַ מעשה, איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. אַ קלײני־קייט: אַ קעניגליכער האַרעם?! אויס דאגות פּרנסה, אויס קאָפּדרייעניש! מײַן ביילע וועט זיך דאָרטן לעבן ווי אין אַ גן־עדן. פון הײַנט אָן, אַז זי וועט וועלן עמעצן יאַדען, אַרויסציען פון אים דעם מאַרך פון די ביינער, וועט זי האָבן דעם מלך בכבודו ובעצמו...

עס איז מיר נאָר אַביסל אַ רחמנות אויף די צוויי קינדער. געבליבן נעבעך אָן אַ מאַמען, נאָר מילא: קינדער וואַקסן אויס און גייען סײַ־ווי־סײַ אַוועק פון שטוב און מיט אַ ווײַב מוז מען זיך פּײַניקן דאָס גאַנצע לעבן...

נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן? דערווײַל איז נאָך דער שלום נישט אויסגעבראָכן. אינדרויסן ברענט אַ העליש פײַער. מײַן פּלוניתטע איז שלעכט אויפגעלייגט. איר צעיאַכמעטן כעס לאָזט זי אויס צו מיר. איך ווידער, פון מײַן זײַט, גיס איבער דעם כעס אויף מײַנע צוויי שמענדריקעס, כאָטש צווישן אונדז גערעדט, זענען זיי נעבעך גאָט די נשמה שולדיק. נאָר גיי זוך גערעכטיקייט, אַז אינדרויסן איז אַ כאַמסין און דאָס געוויסן שמעלצט זיך ווי פּוטער.

— אוי, ווען דאָ וואָלט געווען שלום!...

נחת פון אַ קינד...

איך זאָג אײַך: קלײנע קינדער — קלײנע צרות, גרויסע קינדער — גרויסע צרות. וואָס דאַרפט איר מער: אַז מײַנער איז אַלט געוואָרן פיר יאָר, האָב איך אים געשיקט אין אַ קינדער־גאָרטן. נאָך עטלעכע וואָכן „שטודירן", האָט אים זײַן גננת אָפּגעשיקט אַהײם מיט אַ בריוועלע:

„אײַער זונדעלע איז שוין גענוג דערוואַקסן. ער קאָן שוין זיצן אינדערהײם. ס'וועט זײַן געזונטער פאַר מיר, פאַרן גן און פאַר די איבעריקע קינדער...

מרים"

מילא, גענוג איז גענוג. זאָל ער זיצן אינדערהײם. אינדערהײם האָט ער אָנגעהויבן אַרויסווײַזן מאָלערישע פעיִקײטן אין אַ גאָר ברײטן מאַשטאַב. מ'האָט באַשײנפּערלעך געזען, אַז דאָס וואַקסט אַ פּיקאַסאָ. אַלע ווענט זענען געווען באַצירט מיט זײַנע קונסט־שאַפונגען. צום מאָלן האָט ער באַנוצט מײַן ראַזיר־פּענדזל און פּילפּעדער, מײַן ווײַבס ליפּן־שטיפט און ערד פון די בלומענטעפּ.

אָן אַפּעטיט האָט דאָס געהאַט — אויף אַלע ייִדישע קינדער געזאָגט געוואָרן. ער האָט געגעסן וואָס ס'איז אים נאָר געקומען אונטער דער האַנט: מײַנע ביכער, פרישע צײַטונגען, אַלטע פאָרהאַנגען און שטיקער ווענט. מבֿינים האָבן געזאָגט, אַז עס פעלט אים מסתמא קאַלך. האָב איך אים געלאָזט עסן די ווענט...

אין דער ערשטער קלאַס איז ער אַרײַן מיטן רעכטן פוס און אַרויס־געפלויגן — מיט בײדע. די לערערין האָט געבענטשט גומל ווען דאָס שול־יאָר האָט זיך פאַרענדיקט. אין דער צווײטער כּיתּה, האָט ער פּלוצים גענומען אַרויסווײַזן מוזיקאַלישע פעיִקײטן. די לערערין האָט מיר גע־ראָטן איך זאָל אים קויפן אַ פלײטעלע, בכדי ער זאָל אויפהערן פּײַפן אויף די לעקציעס.

שוין נאָך דעם ערשטן מוזיקאַלישן דעביוט, האָט מען מיך גערופן

אין שול אַריין. מיין זון האָט פולשטענדיק באַהערשט דאָס פּלייטעלע. אויף דעם האָט עדות געזאָגט אַ צעשפּאָלטן קעפּעלע פון אַ מיידעלע אין זיין עלטער. מען האָט מיך געעצהט קויפן אַ קלאַוויר. נישט צוליב מיין זונס קלאַוויר־פעיקייטן, חלילה, נאָר פשוט, ווייל ערשטנס — איז קלאַוויר היינט אין דער מאָדע. אין יעדן פאַרגעשריטענעם הויז מוז זיין אַ קלאַוויר, ווייל אַנדערש, האָט דער פּערסישער טעפּיך קיין פּנים נישט... צווייטנס — איז אַ קלאַוויר שווער און מען קען מיט אים נישט שפּאַלטן קיין קאָפּ...

ביז וואָס־ווען האָב איך געבעטן מיינס אַ פריינט, ער זאָל דערלויבן מיין זונעלע דערווייל אַביסל איבן אויף זיין קלאַוויר.

נאָך דער ערשטער „איבונג״, איז מיין פריינט געקומען צולויפן אַ צעטראָגענער.

— וואָס איז? — האָב איך זיך דערשראָקן — ער האָט געשפּאָלטן דעם קלאַוויר?

— אַ סקאַנדאַל! — האָט ער געשריען — מען זאָל אַזויפיל קינדער אַריינפּאַקן אין איין קלאַס!

— אין וועמענס קלאַס? — האָב איך געפרעגט נאָך אַלץ נישט פאַר־שטייענדיק וואָס ער מיינט.

— אין דיין זונס קלאַס!!! — האָט ער נישט אויפגעהערט צו קאָכן.

— פונוואַנען ווייסטו וויפל קינדער עס זענען פאַראַן אין מיין זונס קלאַס? — האָב איך זיך געוווּנדערט.

— וואָס הייסט, — האָט ער געוואַלדעוועט — פונוואַנען איך ווייס? אַלע זייערע נעמען, זענען דאָך אויסגעקריצט אויף מיין קלאַוויר!!!...

אַז ער האָט געענדיקט די צווייטע קלאַס, האָב איך געבראַכט ליכט אין שיל אַריין און אָפּגעזאָגט אַ רבנן־קדיש. זיינע לערער — האָבן געטאָן דאָס זעלבע...

די דריטע אָפּטיילונג האָט ער פאַרענדיקט אין אַ נייער שול. די אַלטע — האָט מען געמוזט גרינטלעך רעמאָנטירן...

אין דער נייער שול האָט מיין זונעלע זיך איבערגעוואָרפן צו ספּאָרט. דער גאַנצער שכל איז אים אַריין אין די פיס... ער איז געוואָרן אַ פוט־באָליסט. יעדן טאָג האָב איך געצאָלט פאַר נייע שויבן...

אין דער פערטער אָפּטיילונג — האָט ער זיך געמוזט אַריינגנבענען. פון דער פינפטער כיתה — האָבן אים די לערער אַרויסגעוואָרפן. פון דער זעקסטער — האָט ער אַרויסגעוואָרפן די לערער...

היינט איז ער שוין אין דער זיבעטער כיתה — ביז הונדערט־און־צוואנציק יאָר...

— האָ־האָ, שוין אַ גאַנצער מאַנספּערשוין! — באַוווּנדערן אים מיינע באַקאַנטע. מען זעט גלייך, אַז ער איז אַ געראָטענער חברהמאַן. ער איז אינגאַנצן געראָטן אין זיין טאַטן...

איך, פאַרשטייט זיך, דאַנק זיי תמיד, אָ געריגיעער ביז טרערן, פאַר די טייערע קאָמפּלימענטן. וואָס דען קען איך טאָן? דערציילן זיי דעם אמת? אַ מכּה! געננג, אַז איך אַליין ווייס דעם אמת. איך ווייס דאָך, אַז איין לערערין האָט זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע און געוואָרן אַ דינסט ביי אַ קינדערלאָז פּאָרפּאָלק... דער לערער פון געאָגראַפיע האָט פאַרגעסן די געאָגראַפישע לאַגע פון דער קלאַס און אָנשטאָט דורך דער טיר — איז ער אַרויס דורכן פענצטער... דער שול־דירעקטאָר האָט באַקומען אַ נערוון־צעשטרייאונג און ווער ווייסט, צי ער וועט זיך אַמאָל פון דעם קענען אַרויסדרייען?... דערווייל לערנט מען נישט. נישטאָ מער קיין לערער... מיין זונס נאָמען קלינגט פון מטולה — ביז אילת...

איר לאַכט וואָס? לאַכט, לאַכט! מיך וועט איר אָבער נישט פאַרפירן מיט אייער געלעכטער. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אייערע — זענען אויך נישט בעסער...

וואַסער־בלאָזן

מיין זון איז שוין ווידער אינדערהיים. דריי טעג איז ער געגאַנגען פון ים צו ים. פון מיטללענדישן, הייסט דאָס, ביזן ים־כנרת. אַ נייער ספּאָרט גאָר — רייסן שיך. בדיל־הדל קאָן מען פון זיי ווערן. איך פיל באַשיינפּערלעך אַז אויב ער וועט נישט אויפהערן צו גיין, וועל איך אָנהויבן גיין איבער די הייזער...

ערשט דאָ נישט לאַנג, אין די זומער־פּעריען, איז ער אַוועק אויף גאַנצע פינף וואָכן. ער גייט, זאָגט ער, ווערן אַ מדריך אין גדנ״ע. אַ גרויס גליק האָט מיך געטראָפן: מיין זון רייבט זיך אויף אַ גענעראַל! ער האָט טאַקע, דער איינציקער פון זיין קלאַס, געענדיקט דעם קורס און איך בין געוועזן דער איינציקער — וואָס האָט געצאָלט פאַר אַ פּאָר צעריסענע שיך, צעדרויבלטע סקאַרפּעטן, פאַרפינצטערטע לייבעלעך און צעריבענע, ערשט געקויפטע הויזן...

אַהיימגעקומען איז ער אַ אויסגעדאַרטער, אַ העלפט פון דעם זון וואָס איז אַוועק, אָבער אַ צופרידענער, אַ שטאָלצער אויף די צוויי בענדלעך וואָס ער האָט באַקומען, מיט דעם מעדאַל פאַר גוט שיסן און מיט דעם האַלבן טוץ אויסגעצויגענע, צעשויבערטע מיידלעך, וועלכע ער האָט גע־האַלטן אין דער אונטערשטער טאַש און זיי באַוויזן פאַר יעדן איינעם...

— גיב אַ קוק, האָט ער זיך באַרימט — זעקס „חתיכות״, ווי באָמבעס!

די מאַמע איז געוועזן אויס מענטש: „זע נאָר ווי דו זעסט אויס, קוק נאָר אָן די שיך, ווו זענען די נייע הויזן?״

מיין „גענעראַל״ כאַפּט אויף מיר אַ קוק און שמייכלט. וואָס זאָל ער איר ענטפערן? אַ מאַמע בלייבט תמיד אַ מאַמע.

— איך האָב אַ חבר — דערציילט ער — וואָס איז אַוועק זיך לערנען פליען. אינדערהיים האָט זיך געטאָן חושך. דעם טאַטן, האָט עס נישט געאַרט. די מאַמע אָבער, האָט געקערט וועלטן. אַ גאַנץ לעבן האָט זי זיך ביי אים געבעטן: „לויף נישט! פלי נישט! גיי ווי אַ מענטש!״ און דאָ

האָסטו דיר: געוואָרן אַ פּליער. און אַז דער זון איז אַוועק, האָט ער באַקומען פון איר אַ בריוועלע אין וועלכן זי בעט זיך: „זון מיינער, גיב אויף זיך אַכטונג. פלי נישט צו הויך און נישט צו שנעל"... „אַלע מאַמעס — זאָגט ער — זענען די זעלבע. מיין טייערע מאַמע ווייסט נעבעך נישט, אַז וואָס העכער און וואָס שנעלער מען פליט — אַלס זיכערער איז דער פּילאָט".

מיין זונס מאַמע האָט אַנדערע טענות: „וואָס האָסטו צו זוכן צווישן צוויי ימען? וואָס האָסטו דאָרט פאַרלוירן? זיץ אינדערהיים, רו זיך אָפּ אַביסל, נעם אַ ביכל אין האַנט אַריין".

פון דעם לעצטן מאַרש איז מיין תכשיט אַהיימגעקומען אָן פּיס. דאָס הייסט, פּיס האָט ער געהאַט, נאָר גיין אויף זיי האָט ער נישט געקענט. ער זאָגט, אַז אין דעם וואָס זיינע פּיס זענען באַדעקט מיט וואַסער־בלאָזן, זענען שולדיק מיינע שיך. געהערט אַ חוצפּה פון אַ יאַט? איך בין פּשוט באַגאַנגען אַן עבירה: געבאָרגט אים מיינע מיליטערישע שיך, אַבי כ'זאָל נישט דאַרפן אַרויסוואַרפן קיין געלט אויף נייע שיך פאַר אים, זאָגט ער אַז מיינע שיך זענען שולדיק ווייל זיי האָבן אים אָפּגעריבן די פּיס.

— לא יצלח! — ווער איך בייז — איך בין מיט מיינע שיך אַדורכגעגאַנגען כמעט גאַנץ סיני. פאַרכאַפּט, איינער אַליין מיט מיינע שיך, דריי מצרישע בונקערס, גענומען געפאַנגען 180 מצרישע סאָלדאַטן אַן אָפיצירן, (זיי זענען נאָך פריער אַנטלאָפן) אָפּגעפירט זיי אין שטאַב אַריין און געכאַפּט אַ ווייסטן פּסק פאַרוואָס איך ברענג אַזויפיל געפאַנגענע, אומגעקערט זיך צוריק אויף מיין פּאָזיציע, געלאָפן פייל־אויס־בויגן, דריי מאָל אַ טאָג, בעמען עסן אין קיך און גאָרנישט — כ'בין אַהיימגעקומען אָן איין וואַסער־בלאָז... זאָגסטו, אַז מיינע שיך טויגן נישט? דו טויגסט נישט, מיין זון! האָסט נאָך צו וויכע פּיסלעך בכדי צו ווערן אַ סאָלדאַט! די שיך זענען גוט, מען דאַרף נאָר וויסן, ווי־אַזוי זיי אָנצוטאָן. אַוודאי, אַז מען טוט אָן אָן צוויי פּאָר וואָלענע סקאַרפּעטן, מען פּוצט זיך אויס — מוז מען אַהיימקומען מיט וואַסער־בלאָזן... אָבער ווען דו פירסט זיך אַזויווי דיין טאַטע, אַן אַלטער, נאָכנישט אויסגעדינטער סאָלדאַט, וואָס האָט זיך געשלאָגן פאַר סטאַלינען, אויסגעריסן געוואָרן פאַר דער פּוילישער „אוי־טשיזנע" און איז איצט איינער פון די בעסטע רעזערוו־סאָלדאַטן אין אייגענעם היימלאַנד — וואָלסטו אַנדערש אויסגעזען. ווען דו וויקלסט אַרום דיינע וויכע פּיסלעך מיט פּראָסטע, לייוונטענע שמאַטעס — וואָלסטו אַהיימגעקומען מיט אַ פייג און נישט מיט וואַסער־בלאָזן... נאָר צו דעם

דאַרף מען דאָך האָבן שכל... ווייל נישט דאָס בענדל, מיין זון, איז וויכטיק, נאָר די שמאַטע, די „פּאַרטיאַנקע", ווי מען האָט עס אַמאָל גערופן ביי אונדז אין „גוואַרדיעיסקע"־פּולק. אָן דער שמאַטע בלייבסטו אָן פּיס, און אַ סאָלדאַט, אַ פּוסגייער אָן פּיס, איז געגליכן צו אַ גוט־געבראָטן גענדזל וואָס מען דערלאַנגט דיר אין אַ נאָבעלער געזעלשאַפט — אָן גאָפּל־מעסער. קוקן איז טאַקע דאָ אויף וואָס, נאָר עסן — וועסטו אַ פייג...

— איי, אַ געבראָטן גענדזל... ווען איך גיב אַ טראַכט פון דעם, קומט מיר די סלינע אין מויל אַריין און עס ווערט מיר קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. וואָס וואָלט אונדז געפעלט ווען מיר דאַרפן נישט דאָס גאַנצע שפּילעריי אין סאָלדאַטן? ווען מענטשן וואָלטן אויפגעהערט זיין וועלף איינער דעם אַנדערן? ווען מען הערט אויף סטראַשען איינער דעם אַנדערן מיט ראַקעטעס, מיט אַטאָמען און אַנדערע שוואַרצע־יאָרן? וואָס וואָלט אונדז געפעלט ווען אויף דער וועלט זאָל, אַנשטאָט מלחמות, אויסברעכן אַ דויערהאַפטיקער שלום און אַלע וואָלטן זיך געזעצט ביי די טישן און פאַרזוכט, טאַקע אויף אַן אמת, — גוטע, געשמאַקע, געבראָטענע גענדזלעך און טאַקע מיט גאָפּל־מעסער, ווי אין דער תורה שטייט געשריבן?... וואָס וואָלט מיר געפעלט, ווען מיין זון וואָלט אַרויס שפּאַצירן — אָן מיינע באַנאַגלטע שיך? די קנייטשן פון דער מאַמעס פנים וואָלטן זיך אפשר אויסגעגלייכט, זי וואָלט געקענט רואיק קוקן און האָבן נחת פון איר תכשיט. נישט מורא האָבן, אַז ער וועט פליען צו הויך און צו שנעל. צו וואָס פליען אין די הימלען, אַז מען קען לעבן רואיק און גליקלעך אויף דער ערד? די וועלט איז דאָך אַזאַ שיינע, אַזאַ פּרעכטיקע, אַזאַ רייכע, טאָ פאַרוואָס זאָלן מענטשן נאָר קלערן ווי אַזוי זי צו פאַרוואַנדלען אין אַ באַרג אַש?...

פאַרוואָס זאָלן טאַטעס און זין זיך דאַרפן שפּילן אין סאָלדאַטן? פאַרוואָס זאָלן זיי זיך נישט קענען שפּילן — אין טאַטעס און זין?...

וואָס וואָלט מיר געפעלט, ווען אַנשטאָט קויפן פאַר מיין זון אַ פּאָר נייע מיליטערישע שיך, וואָלטן מיר זיך פאַרפונדעוועט אַ פרישׂ, גע־בראָטן גענדזל?

קיין וואַסער־בלאָזן וואָלטן מיר זיכער פון דעם נישט באַקומען...

דער טרומפייטער

גבֿרת! אַנטשולדיקט וואָס איך באַומרואיק אייך. זייט נישט בייז, נאָר כ׳וויל אייך פרעגן — וויפל האָט איר באַצאָלט פאַר אייער קלייד? וויפל? שרעקט אייך נישט, איך וויל עס חלילה ביי אייך נישט קויפן. כ׳וואָלט נאָר אַ בעלן געווען וויסן — וויפל עס קאָסט?

איר פאַרשטייט, מיין ווייב, מיין יידענע זאָל לעבן, האָט זיך געקויפט אַ קלייד — ענלעך צו אייערס, וויל איך וויסן — וויפל זי האָט דערפאַר באַצאָלט. כאָטש איינמאָל וויל איך זי כאַפּן פאַר דער האַנט... איך ווייס, אַז זי זאָגט מיר קיינמאָל נישט דעם אמת. שטענדיק קויפט זי מציאות, ממש אומזיסט... איך ווער אויסגעריסן און זי קויפט מציאות. איך לייג איין וועלטן און זי לייגט איין די שאַפע צוזאַמען מיטן בודזשעט...

דאָס ערגסטע איז, וואָס איך קאָן איר קיין דעה נישט זאָגן. זי פאַרדינט מיר אַ סך געלט. יענע וואָך האָט זי געקויפט אַ פאָר ווייסע שיך אויף הויכע קנאַפּל מיט שפּיצן — „עקסטראַ־שפּיישל״ —האָט זי אויף זיי פאַרדינט פינף פונט. איבעראַל קאָסטן אַזעלכע שיך דרייסיק פונט און זי האָט באַצאָלט — נישט קיין גאַנצע פינפאונצוואַנציק... אויף אַ קלייד וואָס דאַרף קאָסטן אַכציק פונט, פאַרדינט זי צוואַנציק, ווייל זי צאָלט נאָר — זעכציק... וואָס דאַרפט איר מער: אויף אַ שטייפע האַלקע, האָט זי אויך פאַרדינט צוויי־און־אַ־האַלבן פונט...

איר פאַרשטייט די מעשה? איך ווער דאָך ביי איר פשוט אַ גביר! די לעצטע דריי חדשים האָט זי מיר פאַרדינט ביי אַ צוויהונדערט פונט ריין געלט... שיין, האַ? איר שמייכלט, וואָס? איר טראַכט זיך מסתמא: — אויב אַזוי, איז דאָך גוט? טויג עס טאַקע אויף תשעה־ביינציק כפּרות! ווייל נאָך אַלעם האַלט זי אין איין שרייען, אַז זי האָט נישט וואָס אָנצוטאָן! איר פאַרשטייט אַ מעשה? די שאַפע פּלאַצט פון אירע שמאַטעס — און זי האָט נישט וואָס אָנצוטאָן. כאָטש גיי און ווענד זיך צו דער „עזרה־סאָציאַלית״, צו דער סאָציאַלער־הילף הייסט עס, מען זאָל איר דאָרט געבן אַ שמאַטקעלע צו פאַרדעקן דאָס נאַקעטע לייב... זי מיינט אַפּנים, אַז איך בין ראָטשילדס

אַן איניקל. אמת, עס גייט מיר טאַקע נישט שלעכט, נאָר איך האָב פּיינט אויס־שטעכן יענעם די אויגן. ס׳איז מיר גענוג פינצטער און ביטער, אַז אונדזער פינאַנץ־מיניסטער איז מיין שותף. אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן פון אַזעלכע שותפים! מיר לעבן — שרייט ער — צו גוט. אַז נישט בעסער זאָלן מיינע שונאים לעבן! טאָמער קויף איך מיר, איינמאָל אין אַ יובל, אַ פּאָר נייע הויזן, טענהט ער, אַז איך האָב אויפגעהויבן דעם לעבנס־שטאַנדאַרט. כאַטש נעם, לאָז אַראָפּ דעם לעבנס־סטאַנדאַרט און גיי מיטן „אינדעקס" אינדרויסן...

אַנומלט, הערט איר, קומט צו מיר מיין ווייב זאָל לעבן און זאָגט:

— „יונה, כ׳האָב היינט געקויפט אַ קלייד, עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס, אַ ווילדע מציאה! כ׳האָב אין דעם פּאַרדינט — מינדעסטנס אַ 40 פונט... „זאָג איך: — „מזל־טוב דיר! האָסט מיר שוין ווידער פּאַרדינט?" זאָגט זי: — „וואָס וואָלסטו געוואָלט, איך זאָל מיין גאַנץ לעבן גיין אין איין שמאַטע?" פרעג איך: — „וואָס וועלן מענטשן זאָגן? פאַרוואָס זאָלן מיר אויסשטעכן יענעם די אויגן?" זאָגט זי: — „ס׳איז דאָך שוין פאַרפאַלן, כ׳האָב דאָך שוין געקויפט, טאָ זאָל איך עס נעמען און אַריינהענגען אין שאַפע?" זאָג איך: — „טאָ וואָס ווילסטו?" ענטפערט זי: — „אַרויסגיין". פרעג איך: — ווּהין ווילסטו אַרויסגיין?" זאָגט זי: — „אין היכל־ התר־בות". פרעג איך: — „וואָס איז אין „היכל־התרבות"? זאָגט זי: — „אַ נעגער". פרעג איך: — „וואָס טוט ער?" זאָגט זי: — „ער בלאָזט". „פרעג איך: — „אויף וועמען בלאָזט ער?" זאָגט זי: — „אויף אַ טראָמפּייטער". פרעג איך: — „וואָס איז היינט — יום־כיפור?" זאָגט זי: — „ניין — אַ קאָנצערט". פרעג איך: — „ווי קומסטו צו קאָנצערטן?" זאָגט זי: — „און ווי קומען יענע?" כ׳האָב מיר געקויפט אַ קלייד, ווײַל איך, אַז אַנדערע ווייבער זאָלן פּלאַצן..."

הכלל, מיין ווייב האָט זיך אויסגעסטריכעניעט אין איר ניי קלייד, אַז ס׳איז נעבעך אַ רחמנות געווען צו קוקן: פון אויבן — אַ דעקאָלט ביזן פּופּיק; פון אונטן האָבן אַרויסגעלויכטן די קני ווי צוויי ליכטיקע לבנות. דערפאַר אָבער איז אינמיטן — געווען אַ גרויסע בלום. דאָס גאַנצע קלייד, פאַרשטייט איר מיך, האָט זיך ביי איר געהאַלטן אויפן ערן־וואָרט... נאָר אַז מען שמועסט מאָדע — איז דאָך נישט שייך...

אַריינגעקומען אין „היכל־התרבות", איך גיב אַ קוק: סאַמע נאַקעטע ווייבער! מיינע איז אַנטקעגן זיי אַ הונט... אַז כ׳האָב נישט געוווּסט ווו פריער צו קוקן. אַ גליק וואָס עס איז געוואָרן פינצטער און עס איז אַרויס־

געקומען דער נעגער. איר האָט באַדאַרפט אָנקוקן אַ שטיק נעגער. איך זאָג איך: — אַ ריז! נאָך דעם ווי ער האָט געגעבן דעם ערשטן טראָמפּייטער, האָב איך געמיינט, אַז די סטעליע פאַלט מיר אויפן קאָפּ. ווו נעמט אַ מענטש אַזאַ אייזערנעם כוח? מיינע, הערט איר, איז געזעסן ווי פאַרכישופט. זי האָט פון דעם נעגער קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. זי איז פשוט געווען אין זיבעטן הימל. זי איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ מוזיקאַלישן עקסטאַז, אַז אַ גאַנצן וועג אַהיים האָט זי נישט אויפגעהערט צו זינגען דאָס באַקאַנטע קלאַסישע לידל:

„אוי, האָט ער אַ פּייפער
מיט אַן אייזערנעם כוח,
פון אונטן גייט אַ וואַסער,
פון אויבן גייט אַ רויך...״

אַ וואָך צייט האָט זי נישט אַרויסגעלאָזט דעם נעגער פון מויל. נעגער — אַהער; נעגער — אַהין... ביים עסן, האָב איך געהאַט אַ נעגער; שלאָפן איז זי געגאַנגען מיטן נעגער און אויפגעשטאַנען — איז זי ווידער מיטן נעגער... כ׳האָב גאַרנישט געוווסט, אַז מיין יידענע איז אַזוי מוזיקאַליש... כ׳האָב איר שוין געוואָלט קויפן אַן אייגענעם טרומפּייטער, נאָר איך האָב פיינט מענטשן אויסשטעכן די אויגן. איבעריקנס, מיין ווייב האָט אַליין נישט געוואָלט. „איך האָב ליב״ — האָט זי געזאָגט — „אַז יענער טרומפּייטערט...״ און אַלץ, פאַרשטייט איר מיך — צוליב אַ קלייד, אין וועלכן זי האָט פאַרדינט אַ 40 פונט. נו, האָט קיין פאַראיבל נישט, וואָס כ׳האָב איך אַזוי לאַנג אויפגעהאַלטן מיט מיינע נאַרישע מעשיות. אַמאָל מוז זיך אַ מענטש אַראָפּריידן פון האַרץ, ווייל אַנדערש קען ער נאָך, חלילה, פּלאַצן. טאַ, וויפל, זאָגט איר, קאָסט אייער קלייד? איר ווילט נישט זאָגן, האַ? ווייבערישע סאָלידאַריטעט, וואָס? איך ווייס, איך ווייס: אַלע זענט איר ווערט דעם שטעקן! איינע איז נישט בעסער פון דער אַנדערער! נו, טאַ זייט מיר געזונט! איך האָב נישט קיין צייט. איך איל זיך שטאַרק אַהיים. כ׳בין שוין טשיקאַווע צו וויסן, וויפל מיין ווייב האָט מיר היינט פאַרדינט?...

ארץ זבת חלב ודבש

הערט רבותי: איך האָב אַ פּרעכטיקע אידעע! וועט איר דאָך זיכער פרעגן: וועמענס? בין איך זיך מודה און מתוודה, אַז דאָסמאָל איז עס מיין אייגענע אידעע. דאָס הייסט, נישט אינגאַנצן מיינע, ווייל איינגעפאַלן איז זי מיר ביינאַכט, אין חלום. דאָס אַליין באַווייזט, אַז זי איז מיר אונטערגעשיקט געוואָרן מן השמים. אָבער דער בלויזער פאַקט אַז צווישן אַזויפיל שטערבלעכע, האָט ער, ברוך הוא, אויסגעקליבן דווקא מיך. פאַר דעם חלום, האָט אויך עפּעס צו זאָגן...

בקיצור, געווען איז עס אין איינע פון אַ סך נעכט, ווען איך דריי זיך אויפן געלעגער, וויל איינשלאָפן, נאָר די מאָסקיטן זאָגן: „לא מיט אַ ספּאָדיק!" וועט איר דאָך זיכער פרעגן: פונוואַנען נעמען זיך צו מיר אַזויפיל מאָסקיטן? וועל איך אייך אַנטפּלעקן דעם סוד: איך וווין נישט ווייט פונעם ירקון־טייכל! איצטער פאַרשטייט איר שוין?

הכלל, איך דריי זיך רעכטס, קער זיך לינקס, לייג זיך אויפן בויך, אויף דער פלייצע — נעכטיקע טעג: זיי לאָזן נישט איינדרימלען. זיי בייסן און איך קראַץ; זיי שטעכן און איך פלאַץ. זיי לאָזן אין מיר אַריין זייערע גיפטיקע דריזן און איך שעלט. איך שעלט די מאָסקיטן, דעם טייך, דעם פיינעם ריח זיינעם און דעם „מפעל־הפיס", ווייל איך האָב נאָך קיינמאָל קיין גראָשן נישט געוווּנען...

איך האָב אַזוי לאַנג געשאָלטן, ביז איך בין אַ מידער אַנטדרימלט געוואָרן. נאָך נישט באַוויזן ווי געהעריק איינצושלאָפן און איך דערזע שוין פאַר מיינע אויגן דעם ירקון. איך זע די לאַנגע וואַסער־רערן, דורך וועלכע עס אַנטלויפט דאָס ריינע ירקון־וואַסער אין נגב אַריין. גלייכצייטיק זע איך אַנדערע רערן דורך וועלכע עס פליסט דאָס קאַנאַליזאַציע־וואַסער אין ירקון אַריין...

איך זע דאָס אַלץ און וויין. איך באַוויין דעם אַמאָל אַזוי שיינעם, ראָמאַנטישן טייך, ביי וועמענס ברעגעס יונגע פאָרלעך פלעגן שפּאַצירן אַרומגענומען. איך זע די מענער וואָס פלעגן דאָרט פיש כאַפּן. די קליינע

שיפּלעך וואָס פלעגן זיך גליטשן איבערן טייך און טראָגן אינווייטן דאָס זינגען פון די רודערער. וואָס האָט מען געמאַכט פון דעם טייך? אַ קאַנאַלי־זאַציע־קאַנאַל! כדי צוצוקומען נענטער, דאַרף מען היינט האָבן אַ גוטע גאַז־מאַסקע...

פּלוצלונג האָט אין מיין מוח אויפגעבליצט אַ הימלישער געדאַנק. מיר איז איינגעפאַלן אַן אידעע, פון וועלכער דער טייך וועט צוריק ווערן אַ מענטש און מיר אַלע וועלן פּשוט אויפגעריכט ווערן:

אַזוי ווי מיר האָבן אין לאַנד אַ גרויסן איבערפלוס פון מילך, זאָל מען דעם איבערפלוס נישט סתם אַרויסגיסן, נאָר דורך רערן — אַריינלאָזן אין ירקון אַריין. איר פאַרשטייט, צי נישט? דאָס וועט זיין דער איינציקער מילך־טייך אין דער וועלט! אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ: פּסיכאָלאָגן האָבן פעסטגעשטעלט, אַז פיש קאָנען אין קיין מילך־טייכן נישט לעבן. דאַרף מען נישט!

מיר האָבן, ברוך־השם, אַ גרויסן איבערפלוס פון עופות. וועלן מיר אויך דעם איבערפלוס לאָזן שווימען איבערן טייך. עסן וועט זיי נישט פעלן. פון אויסלאַנד וועט מען עס זיכער נישט דאַרפן אַריינפירן ווי מען פירט איצט אַריין. פאַרקערט: זיי וועלן זיין „סאַמאָוויסטאַרטשאַלנע", אויפן אינ־טעליגענטן לשון הייסט עס: אויטאַרקיש, זעלבסט אויסקומעריש. ווייל אַ הון איז געגליכן צו אַ מענטש: לאָזט זי, וועט זי אויפעסן דאָס אייגענע איי וואָס זי האָט אָקאָרשט געלייגט... מ׳דאַרף זי נאָר לאָזן...

איר שטעלט זיך פאָר וואָס דאָ וועט זיך אָפּטאָן: עס וועלן זיך צו אונדז אַ לאָז טאָן טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט: יידן און נישט־יידן, אַלע וועלן זיי קומען אָנקוקן גאָטס וווּנדער: אַ טייך פון מיל, איבער וועלכן עס שווימען עופות וואָס עסן די אייגענע אייער...

מיט איין קלאַפּ, פאַרשטייט איר מיך, וועלן מיר פּטור ווערן פון אַלע איבערפלוסן. מיר וועלן מער נישט פילן דעם קנאָבל־ריח פון ירקון און מיר וועלן דערביי פאַרדינען שטיקער גאָלד! טוריסטן וועלן צאָלן שווערע געלטער, אַבי מען זאָל זיי אָפּטרעטן אַ שטיקעלע פּלאַץ ביים ברעג פון ירקון. אויסער דעם וועלן מיר יעדן טוריסט פאַרקויפן אַ װוּנדקע מיט אַ האַטשיק און פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל, למשל, אַ צען־צוואַנציק דאָלאַר, וועט ער מעגן פאַנגען הינער, אָנשטאָט פיש...

איך זע שוין די באַאַמטע פון פינאַנץ־מיניסטעריום, ווי זיי שוויצן דאָס ביים איינמאָנען די שטייערן פון מיין נייעם איינפאַל. איך זע ווי

אונדזער מלוכה־קאַסע ווערט אַנגעפּילט מיט זעק גאָלד. אַט זע איך שוין די שיפן וואָס פירן אונדזער הילף פאַר אַמעריקע, פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער. די אַראַבישע ראַדיאָ־סטאַציעס דראָען מיט אַריינלייגן אין חרם די אַלע לענדער, וועלכע וועלן דערלויבן זייערע איינוווינער פאָרן קיין ישראל אָנקוקן דאָס גרויסע ווונדער. „דאָס איז — וועלן זיי שרייען — אַ ניי שפּיצל פון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע״.

נאָר פּלוצים האָב איך אין דעם אַלגעמיינעם רעש דערהערט אַנדערע געשרייען:

— גזלן! מערדער! אַפּיקורס! שגץ! ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אַז מען זאָל איבער אַ מילכיקן טייך לאָזן שווימען פליישיקע עופות?! מיר וועלן דיך עוקר מן השורש זיין! אין חרם אַריינלייגן!!! — און אַ האָגל שטיינער האָט זיך אויף מיר אַ שאָט געטאָן.

— איך האָב זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט; איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די אַקסלען; אָנגעהויבן לויפן, שרייען, רופן הילף:

— יידן, ראַטעוועט! ברידער מיינע, אַפּיקורסים ראַטעוועט! יידע־לעך — האָב איך זיך געבעטן — פאַרוואָס צעשטערט איר מיר מיין פּלאַן? די מדינה וועט דאָך אויפגעריכט ווערן! דאָס איז דאָך אַ גלענצנדיקער פּלאַן...

— אָבער פאַר אונדז טויג ער נישט! פאַר אונדז איז ער טריף!!!! — האָבן זיי צוריקגעשריגן און אַ נייער האָגל שטיינער האָט אויף מיר אַ רעגן געטאָן.

איך בין געלאָפן ווו די אויגן וועלן טראָגן, געפלויגן פייל אויס בויגן און נישט אויפגעהערט צו שרייען:

— יידן ראַטעוועט! אַפּיקורסים — ראַטעוועט!!!

אין דעם מאָמענט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. מיין קערפּער איז געווען צעביסן פון מאָסקיטן, באַדעקט מיט רויטע באַמבלעס. אין שטוב האָט געברענט די ליכט. ווייב און קינדער זענען דערשראָקענע געשטאַנען ביי מיין בעט און געפרעגט:

— וואָס איז געשען? וואָס האָט פּאַסירט?

נו, גיי דערציייל זיי וואָס עס האָט פּאַסירט... גיי דערצייל זיי, אַז מען וואָלט געקענט לעבן, ממש אויפגעריכט ווערן, נאָר מען לאָזט נישט. דאָ וואָלט דאָך געקענט זיין, ווי אין פּסוק שטייט: „ארץ זבת חלב ודבש״. האָבן מיר, אַנשטאָט דעם, אַ ירקון מיט מאָסקיטן וואָס שטעכן, בייסן און לאָזן קיין אויג נישט צוטאָן...

„סטריפּטיז"

(מאָנאָלאָג פון אַ נאַקעטן)

— שלום! זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, איר זענט דאָס דער דיזשורנער פּאָליציאַנט? יאָ? ס׳איז גוט! אַנשולדיקט וואָס איך בין אַריינגעפאַלן אין אַזאַ הולך. דאָס הייסט — נישט אַריינגעפאַלן, נאָר אַריינגעשלעפּט געוואָרן אָט־אָ דורך דעם היכן. וואָס? איר ווילט עפּעס זאָגן? וואַרט אַ ווײַלע, קודם לאָזט מיך... לאָזט מיך אָפּכאַפּן דעם אָטעם... קוים וואָס איך דישע... זעט ווי ס׳האַרץ קלאַפּט — ווי ביי אַ גזלן. הערט אַ מעשה, הערט וואָס ס׳קאָן אַלץ פּאַסירן ביי אונדז. ווער וואָלט זיך געריכט אויף דעם? אויסטאָן אַ מענטש אינמיטן גאַס?

— איך הייס שמייע, שמייע פּיקהאַלץ פון רמת־גן, דאָס הייסט אייגנט־לעך — פון הינטער רמת־גן, פון די שיכונים פאַרשטייט איר מיך. נאָר וואָס איז דער אונטערשיד? יאָ־שיכונים, נישט־שיכונים, איבעראַל לעבן מענטשן! נאָר וואָס דען? אין סאַמע רמת־גן איז ליכטיק און ביי אונדז אין שיכון איז פינצטער, חושך־מצרים, דאָס איז דער אונטערשיד. דאָרט לעבט מען און ביי אונדז קלעבט מען צו אַ לאַטע צו אַ לאַטע, דאָס איז דער גאַנצער אונטערשיד... שוין פינף יאָר — און גאָרנישט — פינצטער! דאָרט איז פלאָרעסצענט און ביי אונדז — אַ פייג! אַפילו קיין נאַפט־לעמפּל ברענט נישט אין גאַס. באשר־בכן ס׳איז נאָך נישט געקומען אונדזער ריי, דער תור. אַלץ גייט דאָ אין תור: צום אויטאָבוס — אין תור! אין אַרבעטס־אַמט — אַ תור! אין שפּייז־געוועלבל, אין מכולת, הייסט עס — אַ תור! ביים צאָן־רייסער — אַ תור! איבעראַל תורן... אויב איז אייך נאָך ווינציק, איז ביים פאַרלייגן עלעקטריע אין די גאַסן — אויך פאַראַן אַ תור... שוין פינף יאָר ווי מיר וואַרטן אויף אונדזער תור. ווייזט אויס אַז ס׳זענען פאַראַן בילכערע פון אונדז. טאַפּן מיר דערווייל אַ וואַנט — אין דער פינצטער. מ׳קאָן ברעכן האַלדז און נאַקן. מילא — אַ כפּרה דער האַלדז מיטן נאַקן. צומאָרגנס אָבער ווערט מען דאָך מוזן שטיין אין תור — צום דאָקטאָר...

יאָ, איז אַנטקעגן וואָס דערצייל איך דאָס אַלץ? אַנטקעגן דער וויס־

טער פינצטערניש... מיט צוויי שעה צוריק, הערט איר, גיי איך פון דער אַרבעט, פון דער צווייטער שיכט, הייסט עס. ווי נאָר איך קום אַריין אין אונדזער פאַרחושכטער שכונה, פאַרגייט מיר פּלוצים עמעצער דעם וועג. זאָג איך: „סליחה!" זאָגט ער: „ס'געלט אָדער ס'לעבן". זאָג איך, אַז היינט איז מיטוואָך, קיין געלט האָב איך נישט, נאָר אַז איר ווילט — טאָ נעמט אייך ס'לעבן... ענטפערט ער שוין גאָרנישט, נאָר גיט מיר אַ שמיר מיט זיין לאַפּע איבערן פּנים. זע איך דאָך שוין אַז דאָס איז אַ גראָבער־יונג, אַ גאָרנישט — וויל איך מיט אַזאַ איינעם נישט האָבן קיין געשעפטן און רייד מער נישט קיין וואָרט. ער אָבער ווייסט נישט פון קיין קונצן און נעמט אַראָפּציען דאָס רעקל. פרעג איך: „וואָס דאַרפט איר אַזאַ רעקל? ענטפערט ער: „האַלט ס'מויל און רייד נישט, אַז מען פרעגט דיך נישט". נאָכן רעקל האָט ער זיך גענומען צו די הויזן. אַראָפּגעצויגן, אָהערגעטרייסלט, אַהינ־געטרייסלט זיי און פּלוצים גיט ער אַ פרעג: „וווּ זענען די שליסלעך?" זאָג איך, אַז אַלע שליסלען, סיי פון דער טיר, סיי פון די שענק — זענען ביים ווייב... גיט ער מיר ווידער אַ פאַרפאַר אונטערן לעפעלע און זאָגט, אַז איך זאָל אויפהערן מאַכן משוגענע שטיק, ווייל כ'קאָן דערפאַר טייער באַ־צאָלן. ווער איך שוין טשיקאַווע און פרעג פאַרוואָס און וויפל דאַרף איך באַצאָלן און צי ער איז נישט אַמאָל פון מס־הכנסה, וואָס ער ציט מיר אַראָפּ די לעצטע הויזן... איך רייד און יענער ענטפערט נישט קיין וואָרט. נאָר נעמט מיר אַראָפּ דאָס גרינע כאַקי־העמד, דאָס גרויע אונטערלייבל און כ'בעט איבער אייער כבוד — כ'שטיי שוין ווי אָדם־הראשון איז גע־שטאַנען דעם ערשטן טאָג אין גן־עדן. — וווּ זענען די שליסלען? — פרעגט ער מיך ווידער.

— וואָס האָקט איר מיר אין קאָפּ אַריין מיט שליסלען? — ווער איך שוין אין כעס. — ווער מיר שליסלען, וואָס מיר שליסלען? וואָס האָט איר מיך דאָ אויסגעטאָן — ווי אַ קינד צום באָדן? וואָס מיינט איר עפּעס, איך בין אַ „שאַנשאַניעטקע" וואָס מאַכט „סטרעפּ־דאָס" אינמיטן גאַס?

— אדון זאַלצמאַן, — זאָגט ער — הערט אויף מיט אייערע פוילע שטיק, איר זאָלט וויסן אַז איך שפּאַס נישט...

— וואָס האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, זאָל אויסגיין צו אייער קאָפּ, צו מיינע שונאימס הענט און פיס! וואָס פאַראַ זאַלצמאַן, וואָס מיר זאַלצמאַן? איך הייס פּיקהאָלץ און נישט זאַלצמאַן.

— איר דרייט נישט קיין קאָפּ — מיר ווייסן זייער גוט ווער איר זענט, ווו איר וווינט און ווו איר אַרבעט... איר זענט זאַלצמאַן און נישט קיין אַנדערער! — זאָגט ער זיך קאַלט, גלייך דער נאָמען וואָלט געווען אויפגעשריבן ביי מיר אויפן שטערן.

— איר הייסט פּיקהאָלץ און נישט זאַלצמאַן! — ווער איך שוין אויסער זיך — מיין טאַטע האָט געהייסן פּיקהאָלץ, מיין זיידע האָט געהייסן פּיקהאָלץ און איך וועל שטאַרבן פּיקהאָלץ, צי איר ווילט יאָ, צי ניין! איך הייס שמייע פּיקהאָלץ! שמייע!! שמייע!!! שמייע הייס איך!!!

— אַדון זאַלצמאַן, — גיט ער זיך אַ רוק צו צו מיר גאָר נאָענט, — פאַרמאַכט אייער ווינט־מילעכל און הערט אויף רייסן קריעה, איך פרעג אייך צום לעצטן מאָל: ווו זענען די שליסלען פון באַנק?

— פון באַנק? פון וועלכער באַנק? — עפן איך אַ פּאָר אויגן.

— פון אייער באַנק ווו איר אַרבעט! — זאָגט ער און הייבט מיך פּלוצים אָן צו שטעכן מיט עפּעס אין בויך.

— הערט מיך אויף צו קיצלען! — בעט איך זיך ביי אים. — איך האָב פיינט, אַז מען קיצלט מיך... וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר מיט אַ באַנק? ווער מיר באַנק, וואָס מיר באַנק? ווי קום איך צו בענק? איך בין טאַקע אַ טישלער, איך מאַך טאַקע בענק, נאָר נישט אַזעלכע ווי איר מיינט... הילצערנע בענק מאַך איך, הילצערנע! קוקט אויף דעם רעקל — גיב איך עס אים אַ נעם אַרויס פון זיין האַנט — גיט אַ שמעק... איר פילט קליי? טישלער־קליי, האַ? און ביי די ווערטער גיב איך אים אַ דעק צו מיטן רעקל איבערן קאָפּ און נעם שרייען:

— הצילו! ראַטעוועט! ה־צי־לו!!!

ערגעצווו האָט זיך געגעבן אַן עפן אַ פענצטער און נאָך אַ פענצטער, מענטשן האָבן גענומען אָנצינדן ליכט, אַרויסקריכן פון די הייזער, נאָר איך קוק אויף גאָרנישט, איך הער נישט אויף צו שרייען:

— הצילו! ראַטעוועט! באַנדיטן!!! ראַ־טע־וועט!!!

איך האָב זיך, הערט, איר אַזוי צעשריגן, אַז כ'האָב גאָרנישט באַמערקט, ווי מענטשן האָבן זיך אַרומגעשטעלט און קוקן אויף דעם בייזן, נאַקעטן ווונדער, אויף מיר הייסט עס...

ווען איך האָב זיך געכאַפּט אויף דעם, איז שוין געווען צו שפּעט: דער גזלן, דער ראַזבויניק איז נעלם געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין.

„געוואָלט טראַכט איך, ווי אַזוי וועל איך איצט אַהיימגיין? ווי אַזוי וועל איך זיך ווייזן פאַר מיין הינדע? וואָס וועלן די שכנים זאָגן?"

דערווייל האָט זיך שוין צונויפגענומען אַ גאַנץ היפשער עולם. קינדער האָבן געלאַכט, מענער האָבן גענומען אָפּחוזקן און ווייבער האָבן געשריגן פון ווייטנס:

— פאַרהאַלט אים! גיט אים איבער אין דער פּאָליציי! אומפאַרשעמטער וואָס איר זענט!

איך הערט: מיך וועלן זיי גאָר איבערגעבן אין דער פּאָליציי... איך בין גאָר אומפאַרשעמט... אַז פרויען מאַכן ביי אונדז „סטריפּ־דאָסן" — איז גאָרנישט, איז שיין! זיי פאָדערן נאָך דערפאַר אַזעלכע געזאַלצענע פרייזן, אַז אַן אַרבעטער, אַ פּראָסטער בעל־מלאכה ווי איך, קאָן אַפילו נישט חלומען פון אַריינקומען אַהינצו. און אַז איך, דאָס הייסט יענער האָט מיך אויסגעטאָן ביזן לעצטן פאָדעם און אַנטלאָפן מיט די זאַכן, בין איך, הייסט עס, דער שולדיקער און זיי שרייען נאָך — פוי!

אָבער פאַרלאָזן זיך אויף זייער יושר האָב איך נישט געוואָלט. גענוג אַז כ'האָב געהאַט צו טאָן מיט אַ באַנדיט, דאַרף איך נאָך האָבן צו טאָן מיט ווייבער?

הכלל, נישט לאַנג געטראַכט גיב איך זיך אַ לאָז הענדום־פּענדום איבערן פינצטערן געסל, נאָך מיר לויפן נאָך מענער, קינדער... איך הער געשרייען: כאַפּט אים! כאַפּט אים!

איך אָבער קוק נישט, איך לויף — ווי אויסגעשאָסן פון אַ בויגן. אויפן וועג באַמערק איך אַ פינצטערע טעראַסע וואָס איז פאַרהאָנגען מיט זאַכן צום טרוקענען. איך פויל זיך נישט — כ'גיב אַ שפּרונג אונטער, כאַפּ אַ פּאָר באָד־הייזלעך און נעם זיי אַרויפציען — לויפנדיק — אין גאַנג... איצטער לויף איך שוין מעשה ספּאָרטלער — אַריבער איין גאַס, אַ צווייטע, כ'בין שוין נישט ווייט פון שטוב און פּלוצלונג — טראַך! אויסגעצויגן זיך ווי גרויס איך בין. איך פּרוביר זיך אויפשטעלן, ווייטער לויפן... ווו? — אַ נעכטיקער טאָג — ס'גייט נישט. דער בעל־הבית פון די שווים־הויזן איז, ווייזט אויס, געוואָרן אַ סך דיקער פון מיר, מיט אַ נישקשהדיק בייכל, האָבן זיך זיינע באָד־הויזן אַראָפּגעגליטשט פון מיר, פאַרפּלאָנטערט צווישן די פיס און...

יאָ, פונקט אין דער רגע, פאַרשטייט איר מיך, ווען איך האָב זיך גע־

פֿאַרעט מיט די באָד־הויזן, איז אָנגעלאָפֿן אַט־אָ דער הויכער בבל־טורעם און מיך אָנגעכאַפּט ביי די הענט.

— לאָזט אָפּ! — שריי איך — וואָס איז דאָס פֿאַר אַ ניי אָנשיקעניש?

— כ׳וועל אייך שוין ווייזן אַן אָנשיקעניש, — סאָפּעט ער ווי אַ בלאָז־זאַק — אומפֿאַרשעמטער וואָס איר זענט! ווייבער ערגערן זענט איר געקומען? אויפֿוועקן אַ גאַנצע שכונה מענטשן? קינדער וועט איר קאַליע מאַכן? וואַרט, איך וועל אייך שוין באַווייזן! קומט מיט מיר! שנעלער! געגאַנגען זאָל ווערן!...

— און אָט אַזוי, פֿאַרשטייט איר מיך, אַדון דיזשורנע, בין איך אַהער פֿאַרשלעפּט געוואָרן ממש מיט פֿיזישן כּוח. קוקט מיך אָן, אָט שטיי איך פֿאַר אייך אין מיין גאַנצער נאַקעטער גרויסקייט! אַ מאַנספּערשוין, אַ גבֿר, וואָס מאַכט „סטריפּדאָס" אינמיטן גאַס... נו, וואָס שטייט איר? וואָס קוקט איר מיך אָן? הענגט מיך! צערייסט מיך אויף שטיקער! טוט מיט מיר וואָס איר ווילט, נאָר קודם — דערלאַנגט מיר עפּעס־וואָס אַ בגד, מעג זיין אַ פֿאָליצייאישער שינעל, אַ קלייד, אַבי וואָס, ווייל ס׳קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן! נאָך דאָס האָט מיר געפֿעלט, אַז כ׳זאָל זיך פֿאַרקילן און דאַרפֿן שטיין אין תּור — צום דאָקטאָר! ס׳וואָלט דעמאָלט געוועז אַ קלאָג צו מיין קאָפּ...

אַ מאָדע־אויסשטעלונג אין „המשביר־המרכזי"

אויף אַן אמתער מאָדע־רעוויע זענט איר שוין אַמאָל געווען? איך אויך נישט. אָבער נעכטן בין איך געווען צום ערשטן מאָל. איר וועט מיר אפשר נישט גלייבן, נאָר עס האָט מיר געפאָלן. עס איז אַ גאַנץ פיינע, אָנגענעמע און טייערע זאַך...

קודם־כל — די מאָדעלקעס. וואָס זאָל איך אייך זאָגן: עס איז דאָ וואָס צו זען. ממש בלוט און מילך. ערשט נעכטן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז עס איז כדאי צו לעבן אויף דער וועלט. ביז אַהער האָב איך עס גאָרנישט געוווּסט, ווייל ווי זאָגט אַן אַלט שפּריכוואָרטל: „אַז דער וואָרם ליגט אין כריין, מיינט ער, אַז עס קען שוין קיין בעסערס און שענערס אויף דער וועלט נישט זיין". אוי, קען זיין! אוי, איז פאַראַן! מען דאַרף נאָר וויסן ווו צו זוכן. וואָס קומט מיר אָבער אַרויס פון דעם, אַז דאָס איז נישט פאַר מיין קעשענע. ווייל איינצושאַפן זיך אַזאַ מין שטיקל סחורה דאַרף מען האָבן אַ גאָר־גאָר דיקן טייסטער און זיך אָנגעהערן צו די ראָטשילדס...

די גאַנצע צייט האָב איך פון זיי קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. אַזוי איז שוין דער גורל פון אַ קבצן: דאָס איינציקע וואָס ער מעג איז — קוקן און פּלאַצן... האָב איך טאַקע געקוקט פּאַוואָליע, פאַרזיכטיק...

אין דער לינקער זייט האָב איך, אויסער דעם, געהאַט מיין ווייבעלע און אין דער רעכטער — מיין שכנטעס עלנבויגן. נישקשה פון אַן עלנבויגן, אַז אַליין איז דאָס אַ ווייבס־פאַרשוין פון 150 קילאָ לעבעדיקע וואָג, וואָס דריי מענער וועלן זי קוים אַרומנעמען און ס׳וועט נאָך בלייבן אַ רעשט פאַר אַ פערטן. איר לינק „פיסעלע" איז מיר איצט געשטאַנען אויפן איינציקן היבערן־אויג, און פינצטער איז מיר געווען מיין וועלט. איך האָב געמיינט אַז אַן אַפריקאַנער העלפאַנט האָט זיך צעלייגט אויף מיין בידנעם פוס און אַז איך וועל שוין בלייבן אַן אינוואַליד אויפן גאַנצן לעבן...

אָבער איך האָב געליטן און געשוויגן. עס איז גלייכער, אַז מען קריכט איר נישט אין די אויגן אַריין. אויף דעם קענען עדות זאָגן אירע צוויי מענער זכרונם לברכה. אָבער נישט נאָר דערפאַר האָב איך געשוויגן.

דערווייל בין איך דאָ געווען דער איינציקער פאַרשטייער פונעם שטאַרקן מין אין אַן אומענדלעכן ים פון ווייבער. איך האָב דערפאַר מורא געהאַט צו עפענען דאָס מויל. די הויט האָט אויף מיר פשוט געציטערט. אַ קשיה אויף אַ מעשה?...

ענדלעך איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ: עס איז אָנגעקומען נאָך אַ מאַנסביל. אמת, אַן אַלטער, אַ גרויער, אַן איינגעבויגענער, אָנגעלענט פון איין זייט אויפן ווייב און אויף אַ שטעקן פון דער אַנדערער זייט. אָבער פאַרט אַ מאַנסביל וואָס וועט קענען, אין אַ נויט, נאָך מיר קדיש זאָגן...

ענדלעך האָט דער זייגער אָנגעוויזן צען. די ספּיקערין פאַרנעמט איר אָרט ביים מיקראָפאָן און דער פּיאַניסט — ביים קלאַוויר. מיין שכנטע האָט, נישט־ווילנדיק, אַראָפּגענומען איר פּיסעלע פון מיין הינערן־אויג און מיר איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן...

דער פּיאַניסט איז אונדז מכבד מיט אַ פריילעכן ניגון. עס באַווייזט זיך רבקה, די ערשטע מאָדעלקע. אַ שלאַנקע, אַ שיינע מיט אַ זילבער־גרויען קאָפּ האָר. איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס זי איז אַזוי פרי גרוי געוואָרן? זי זעט גאָרנישט אויס אַזוי אַלט. נאָר גאָרנישט: היינטיקע צייטן קען מען פאַר עטלעכע געציילטע פונט ווערן גרוי. רבקה דרייט זיך אַרום ווי זי וואָלט עמעצן געזוכט. זי גייט אַהער, אַהין, ווידער אַהער און נישט גע־פינענדיק ווייזט אויס דעם געזוכטן, גייט זי אַוועק פונוואַנען זי איז געקומען.

דער פּיאַניסט שפּילט דעם באַקאַנטן ציגיינער ראָמאַנס: „ער איז אַוועק און נישט געקומען מער, אַ שאָד...“

דאַן איז אַריינגעקומען אַ פּרעכטיקע בלאָנדינקע, מיט בלויע אויגן און אַלע נייטיקע צודאַטן. אויך זי האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ נעכטיקע. נאָר פּלוצים איז זי שטיין געבליבן און גענומען אויסטאָן דעם מאַנטל. אַ מאָדנע היץ האָט מיך באַשלאָגן, אָבער אומזיסט: מער ווי דעם מאַנטל האָט זי נישט אויסגעטאָן. אפשר שפּעטער?...

דער פּיאַניסט שפּילט „די נישט פאַרענדיקטע סימפאָניע“.

עס קומט אָן מאַני. אַ נאַטירלעכע ברונעטין. (איבריקנס: ווער ווייסט?) מיין ווייב פרעגט מיך ווי עס געפעלט מיר דער זשאַקעט. „וועלכער זשאַקעט“? — פרעג איך. זי וואַרפט אויף מיר אַ מערדערישן בליק פון וועלכן עס ווערט מיר קאַלט אין אַלע גלידער. גיי ווייס, אַז איך דאַרף גאָר קוקן אויף זשאַקעטן? יאָ, אמת: זי טראָגט טאַקע אַ זשאַקעט און שוואַרצע הויזן. די פריערדיקע האָבן דוכט זיך אויך געטראָגן הויזן. אַלע גייען זיי אין

הויזן. אַ פּאַרקערטע וועלט! ווייזט אויס אַז עס הערשט ביי זיי אַ פּאַר־שטאַרקטער דראַנג צו עמאַנציפּאַציע, זיי ווילן דורכאויס גיין אין די הויזן. מילא, זאָלן זיי גיין, אַבי זיי זאָלן אָוועקלייגן דאָס וואַלגער־האַלץ. וואַלגער העלצער זענען שוין היינט נישט אין דער מאָדע. פון אַ ווייב וואָס גייט אין הויזן איז נאָך קיינער נישט געשטאָרבן. איך בין שוין געוווינט צו דעם...

אויך די 16־יעריקע מולי טראָגט הויזן. נאָך אַזוי יונג און שוין? וואָס וועט זיין שפּעטער? אָך־און־וויי צו איר צוקונפטיקן מאַן. ער וועט האָבן מיין סוף...

מולי איז אַוועק און עס באַווייזט זיך ווידער רבקה. איצטער איז זי איינגאַנצן אין ווייסן.

דער פּיאַניסט שפּילט אַן אָראַטאָריע פון סמעטענע.

בעטי באַווייזט זיך אין אַ פּילפּאַרביקן קאָסטיום און אויפן קאָפּ אַ הוט, וואָס זעט אויס ווי אַ קויש פרוכטן.

דער פּיאַניסט שפּילט „אויפן פּערסישן מאַרק" פון רימסקי קאָר־סיקאָנער...

מולי קומט אַרויס מיט צוויי קליינע קינדער. נאָך אַזוי יונג און שוין אַ מאַמע פון אַזעלכע צוויי ווערעם? די ספּיקערין בעט מען זאָל זיך גוט צוקוקן צום מיידעלע: „דער גאַנצער קאָמפּלעט" — זאָגט זי — „קאָסט 32 פונט". „דאָס יינגעלע געפעלט אייך"? — פרעגט זי ווייטער — „דער גאַנצער קאָמפּלעט קאָסט 43 פונט"!

איך ווייס נישט צי מולי גייט אויך אַריין אין דעם קאָמפּלעט. פרעגן דאָס ווייב האָט איך מורא. יעדנפאַלס איז דאָס אַ ווילדע מציאה: אַזעלכע צוויי שיינע, פּאַרטיקע קינדער פאַר פינפאונזיבעציק פונט! אינטערעסאַנט וויפל איך וואָלט געקענט אָפּנעמען פאַר מיינע צוויי ממזרים? אָפּנעמען? איך וואָלט זיי אַוועקגעגעבן פאַרן קאָסטן פרייז, נאָר ווו וועל איך געפינען בעלנים?

מיין שכנטע קוקט אויף די קינדער און ברומט אונטער דער נאָז: — „אוי, ווו נעמט מען מיינע קינדער יאָרן..."

איך כאַפּ אַ בליק אויף איר און מיר ווילט זיך נישט גלויבן, אַז זי האָט אַמאָל געקענט זיין אַזאַ קליין קינד...

בעטי קומט אַריין אין אַ שוואַרץ קלייד. דער פּיאַניסט שפּילט אַ פריילעכע מעלאָדיע. פאַרוואָס נישט שאָפּנס טרויער־מאַרש?

הינטער מיר שטייט אַ גרופּע שילעריננס פון דער פאַך־שול „אָרט".

פון יעדן קלייד וואָס מען באַווייזט פאַלן זיי אַריין אין קעלבערנער התפעלות. איך צווייפל צי זיי וועלן זיך אַמאָל אויסלערנען אַזוי גייען, נאָר אַז זיי לערנען זיך שוין אויס אויף וואָס מען קען אויסגעבן געלט — אין דעם בין איך זיכער.

איצט קומט רבקה מיט מוליס צווי קינדער. ווייזט אויס, אַז זי האָט זיי אָפּגעקויפט. נו, יאָ, ביי אַ מאָדעלקע שפּילט אַ ראָלע געלט?

די ספּיקערין מעלדעט, אַז איצט וועלן מיר זען בעטין אין דריי טיילן. שוידערלעך! צו וואָס האָט מען זי געדאַרפט צעטיילן. איך האָב זייער פיינט שטיקלעך פרויען. איך האָב ליב גאַנצע!

ווייזט אָבער אויס, אַז די ספּיקערין האָט זיך געוויצלט ווייל גלייך נאָך דעם איז בעטי אַרויסגעקומען אַ גאַנצע. אוי!...

אויך מיין שכנטע האָט אַרויסגעלאָזן אַ מאָדנעם זיפץ. מילא, זי האָט טאַקע וואָס צו זיפצן. פון איר האָט מען געקענט מאַכן דריי בעטיס און עס וואָלט נאָך פאַרבליבן אַ רעשט...

די מאָדע־רעוויו איז פאַרענדיקט. דער עולם הייבט זיך אָן שטופּן צום אַרויסגאַנג. אַ מאַסע גרייז־גרויע קעפּ. וואָס זוכן זיי דאָ? ווייזט אויס אַז מיין באָבע איז געווען גערעכט: זי האָט תמיד געטענהט, אַז „אַזוי ווי צו זיבן — אַזוי צו זיבעציק"...

מיין פּלוניתטע שטעלט זיך אָפּ ביי אַ שטענדער אויף וועלכן עס הענגען די זעלבע קליידער וועלכע מען האָט אונדז נאָר וואָס באַוויזן אויבן.

— נו? — פרעגט זי.

— נו, נו! — ענטפער איך. — קום מיין ווייב, — נעם איך זי אונטערן אָרעם — קום אַרויס אין גאַס וועל איך דיר קויפן אַ פרישן פאַלאַפעל...

— אויך מיר אַ מאַן! — האָט מיין שכנטע אַ זאָג געטאָן און פאַר־שוווּנדן אין דער געדיכטער מענטשן מאַסע.

דער טיי־פּאַרטיילער

מיין ספּעציאַליטעט, פאַרשטייט איר מיך, איז טיי. גוטע, גע־שמאַקע טיי. איך בין, חלילה, נישט וויסאָצקי, בין איך נישט, קיין אייגענע טיי־פּלאַנטאַציעס האָב איך נישט, נאָר אין דער בראַנזשע, קאָן זיך זעלטן ווער גלייכן צו מיר.

איך האָב אַ סטאַבילע קליענטעלע האָב איך. שוין יאָרן — ווי זיי שעפּן נחת פון מיין טיי. נאָך נישט געווען דער פאַל, הערט איר, אַז עמעצער זאָל זיך באַקלאָגן אויף מיין טיי. ווייל מאַכן אַ גלאָז טיי, פאַרשטייט איר מיך, איז נישט קיין קלייניקייט, דאָס דאַרף מען קענען! מען מוז וויסן ווי אַזוי זי צו פאַרבריען, וויפל טרינק־סאָדע צוגעבן אַז זי זאָל בעסער אָנציען און האָבן אַ מענטשלעכן טעם; מען דאַרף וויסן וואָסער וואַסער צו נעמען, ווייל נישט יעדעס וואַסער איז גוט צו טיי. אַ גלאָז טיי דאַרף זיין קלאָר, דורכ־זיכטיק, אַז מען זאָל זיך קענען אין דעם שפּיגלען און נישט מוטנע ווי, איך בעט איבער אייער כבוד, אַ פּאָמויניצע... אויסער דעם, פאַרשטייט איר מיך, דאַרף מען אַמאָל אויסוואַשן אַ גלאָז, אויסשווענקען דאָס ספּאָדיקל און אַ לעפּעלע, דאָס גייט אויך נישט צופּוס; מען דאַרף עס, פון צייט צו צייט, אויספּוצן, אויסגלאַנצן, איבעררייבן מיט אַ ביסעלע זאַמד, מען זאָל זיך נישט דאַרפן מיאוסן אויסצומישן דערמיט דעם צוקער. ווייל אַ לעפּעלע, פאַרשטייט איר מיך, איז נישט קיין לאָפּעטע צום גראָבן די ערד...

מאַכן אַ גלאָז טיי, מיין ליבער, איז נישט פון די לייכטע זאַכן. דאָס איז אַ פאַך און אַ שווער פאַך!

דערפאַר טאַקע, אַז איך דערלאַנג אַ גלאָז טיי, לעקט מען די פינגער לעקט מען. דער קייסער אַליין וואָלט זיך נישט פאַרשעמט מיט מיינס אַ גלעזל טיי. ווייל מיינס אַ גלאָז טיי איז קלאָר ווי דער הימל, געשמאַק — ווי אַ קאַלטער טרונק וואַסער פאַר אַ פאַרבלאָנדזשעטן אין מידבר און דאָס וויכטיקסטע — זי איז תמיד הייס... ווייל קאַלטע טיי, פאַרשטייט איר מיך, האָט מיין עלטער־באָבעס טעם...

קיין אַרבעט, ברוך־השם, פעלט מיר נישט. פאַרהאַן ביי מיר אַ שפּאָר

ביסל באַאמטע, כן ירבו, און טיי טרינקען זיי — ימען! זיי ווערן גאַרנישט מיד פון טרינקען! אַזוי זומער, אַזוי ווינטער. מעג זיין אַ רעגן, אַ שטורעם, אַ זאַוויערוכע, אַ כאַמסין, — זיי, גאַרנישט, רק זיי טרינקען טיי...

איך וועל אייך זאָגן דעם אמת וועל איך אייך: — איך ווייס גאָרנישט ווי אַזוי אַ נאָרמאַלער מענטש קאָן אַזויפיל אַריינזשלאָקען אין זיך? זאָל דאָס זיין די בעסטע טיי; מעג דאָס אַפילו זיין — מיין אייגענע טיי, ווייס איך נישט ווי אַזוי מען קען דאָס אַזויפיל אַריינגיסן אין זיך?...

נאָר גלייבט מיר: — מיך אַרט עס אסור נישט. פאַרקערט: — איך בין זייער צופרידן וואָס זיי טרינקען אַזויפיל! איר פאַרשטייט דאָך שוין מסתמא אַליין, אַז וואָס מער זיי טרינקען — אַלץ בעסער פאַרדין איך. און פּרנסה, הערט איר, דאַרף איך — ווי אַ הילף פון גאָט, ווייל איך האָב אַ פולע שטוב מיט קייערס האָב איך (כן ירבו), גאַנצע זעקס פּיקערס האָב איך, זיי זאָלן מיר נאָר געזונט און שטאַרק זיין!

וועט איר דאָך זיכער פרעגן: — ווי קומען צו אַזאַ קבצן אַזויפיל קינדער, ווי קומען? מוזט איר וויסן, אַז ערשטנס קומען זיי דערפאַר, ווייל איך האָב ליב קינדער, האָב איך. איך גיי אויס פאַר קינדער, גיי איך. איך בין פּשוט משוגע אויפן געביט פון קינדער, בין איך! צווייטנס, איז דאָס ס'איינציקע פאַרגעניגן אויף וועלכן אַ קבצן קאָן זיך פאַרגינען. דריטנס אַז מען וווינט אין אַזאַ ענג צימערל ווי מיינס, מוז מען נישט ווילנדיק, האָבן קינדער. אַז ווו דו זאָלסט זיך נישט געבן אַ דריי, איז דאָס ווייב אינמיטן... ווו דו גיסט זיך נאָר אַ קער און ווענד — מוזסטו זיך אָנשטויסן אין ווייב...

נישטאָ, פאַרשטייט איר מיך, קיין ערגערע זאַך, ווי אַן ענגע וווינונג. ווייל וואָס ענגער די וווינונג — אַלץ מער אַרבעט איז דאָ. וואָלט איך געוווינט אין אַ גרעסערער דירה, לאָמיר זאָגן: פון דריי צימערן, למשל, פאַרשליסט מען צוויי און מען לאָזט דאָרט קיינעם נישט אַריין, איז טאַקע נישטאָ דאָרט וואָס צו רוימען, ווייל קיינער וואָלט דאָרט נישט אָנגעמאַכט. וווינט מען אָבער אין איין צימערל, איז נישטאָ וואָס צו פאַרמאַכן און די גאַנצע כאַל־יאַסטרע איז תמיד אין דעם איינעם צימערל...

דעריבער האָלט טאַקע מיין יידענע אין איין רוימען, אין איין וואַשן, אין איין פוצן האָלט זי, און מען קען זיך קיינמאָל נישט דערוימען. וואָס זאָל איך אייך זאָגן: זי האָט נישט קיין לייכט לעבן, מיין יידענע. אַ גאַנצן טאָג פאַריאָגט, פאַרפּלאָגט, פאַרהאַרעוועט... דאָ וויל איינער עסן, דער צווייטער —

שלאָפן, דער דריטער — זייגן, דער פערטער — פּיפּי, דער פינפטער וויל זיך אָנטאָן און האָט נישט וואָס, דעם זעקסטן דאַרף מען סתם אָנקלאַפּן אַ הינטן. און דאָס אַלץ, פאַרשטייט איר מיך, ווען דאָס זיבעטע איז שוין אין וועג... ביז וואָס־ווען — וועל איך, אין אַ מזלדיקער שעה, האָבן נאָך אַ פּרעסער און שרייער...

איצט גלייבט איר שוין, אַז איך קום נישט אויס מיט מיין פּרנסה? איך אַרבעט טאַקע ווי אַ פערד, כאַפּ אַריין עטלעכע איבערשעהען, פאַר־טרעט אַמאָל אַ באַאַמטן פאַרטרעט איך, ווען יענער איז, נישט דאָ געדאַכט, קראַנק. און וויסן מוזט איר, אַז יעדן דינסטיק און דאָנערשטיק איז אַן אַנדערער פון זיי קראַנק, ווייל זיי האָבן אַזאַ אָפּמאַך צווישן זיך האָבן זיי, אַז יעדער באַאַמטער מעג קרענקען אַ חודש צייט אין יאָר מעג ער. נו, טאָ פאַרשטייט זיך אַז קיינער פון זיי לאָזט נישט אַדורך די געלעגנהייט... אָפּט־מאָל מאַכט זיך, אַז עמעצער פון זיי מוז סתם אַזוי אַוועקגיין עפּעס וויכטיקעס דערלעדיקן, ווייל טאָמער גייט ער אַוועק פון דער אַרבעט, מוז עס שוין טאַקע זיין גאָר־גאָר אַ וויכטיקער ענין און ביי אַזאַ באַאַמטן זענען אַלע ענינים — זייער־זייער וויכטיקע... איך בין שוין דאָ אַן אייגענער און קען זיך שוין אויף אַלע פּוילע שטיק... דערפאַר טאַקע וויסן זיי, אַז אויף מיר קאָן מען זיך פאַרלאָזן. אַז עס קומט אַמאָל אַן אינטערעסאַנט, טו איך מיט אים דאָס זעלבע וואָס דער פּקיד וואָלט געטאָן: איך שיק אים צו אַן אַנדערן פּקיד... זיי וויסן גוט, אַז איך וועל, חלילה, קיינעם גאָרנישט דער־לעדיקן... אמת: איך זיץ מיט אים, שמועס זיך אַדורך, פרעג אים: ווער ער איז, פונוואַנען ער איז, אפשר איז ער אַ שטעטישער? ווייל צייט האָב איך גענוג. קיין טיי טרינק איך נישט. ווייל ווער וועט מיר דערלאַנגען טיי? איך בין דאָך, פאַרשטייט איר מיך, איינער אין דעם גאַנצן בנין, בין איך. האָב איך טאַקע אַ ביסעלע מער צייט ווי אַן עכטער פּקיד. כ'קאָן זיך דערלויבן כאַפּן אַ שמועס. אָבער דערלעדיקן עפּעס? דאָס נישט! וואָס איז: איך אַרבעט דאָ פון נעכטן אַרבעט איך? איך וויס נישט ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַגיין מיט אינטערעסאַנטן מיינט איר? אַ־האַ! שוין געגוג צייט געהאַט זיך אויסצולערנען. און אַ דירעקטאָר, מיינט איר, וואָלט איך נישט געקענט פאַרטרעטן? ווי לאַנג, מיינט איר, אַרבעט דאָ דער גאַנצער דירעקטאָר? נישט קיין גאַנצע צוויי יאָר. זייט איך אַרבעט דאָ, איז ער שוין דער דריטער דירעקטאָר. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק האָט איר אַ נייעם דירעקטאָר. נאָר וואָס איז מיר דער אונטערשייד ווער עס איז דירעקטאָר? וואָס גייט

עס מיך אָן צי ער הייסט פּיוול, אָדער בערל? אַלע טרינקען זיי די זעלבע טיי... אַלע דאַרפן זיי אָנקומען צו מיר. ווייל ווען עס טרעפט, חלילה, אַן אומגליק און איך קום נישט איין טאָג צו דער אַרבעט, וואָלט דאָך דאָ געווען — הימל עפן זיך! אַלץ וואָלט דאָך דאָ געגאַנגען כאַדאַראַם. די באַאַמטע, צוזאַמען מיטן גאַנצן דירעקטאָר, וואָלטן דאָך משוגע געוואָרן, וואָלטן זיי. ווער פון זיי וואָלט דאַן געהאַט אין קאָפּ די אַרבעט? אָן מיינס אַ גלעזל טיי וואָלטן זיי דען געקענט אַרבעטן? ס׳וואָלט דאָך דאָ געווען אַן איבערקערעניש, אַן ערד־ציטעריניש, רחמנא לצלן, וואָלט דאָך דאָ געווען!

דערפאַר טאַקע באַמי איך זיך אַז כ׳זאָל, חלילה, נישט כאַפּן קיין פאַרקילונג. דורך די אַלע יאָרן, הערט איר, האָב איך נאָך קיין איין טאָג נישט דורכגעלאָזן. אַפילו דאַן, ווען מיין פעטער יונה, נישט היינט געדאַכט, איז שלאָף געוואָרן און געשטאָרבן, בין איך, קודם כל, געקומען אַהער, פאַר־טיילט אַלעמען מיין טיי און ערשט דערנאָך געפאָרן אים באַגראָבן.

דערפאַר האַלט מען דאָ פון מיר. דערפאַר שעצט מען מיך אַזוי. ווייל פריער פון אַלץ — איז ביי מיר די אַרבעט! מעגן זיך קערן וועלטן, מעגן זיך בייטן רעגירונגען, קאַאַליציעס, אָפּאָזיציעס, דירעקטאָרן — איך טו מיר מיין אַרבעט: איך פאַרברי געשמאַקע טיי און פאַרטייל זי צווישן מיינע באַאַמטע...

נאָר דאָס אַלץ האָט נישט צו טאָן מיט פרנסה. דאָ, זעט איר, ליגט דער הונט באַגראָבן, ליגט ער. פרנסה — האָב איך נישט! דאָס הייסט: פאַרדינען, — פאַרדין איך, נאָר ווייניק. ווייל וויפל, משטיינסגעזאָגט, קאָן מען עס שוין פאַרדינען ביי אַ גלעזל טיי? וויפל קאָסט אינגאַנצן אַ גלעזל טיי? פאַר אַכט און אַ האַלבן נפש, ווי מיר זענען — איז דאָס אַ ביסעלע צו ווייניק. אמת: הונגערן — הונגערן מיר נישט, חלילה, נאָר ווי שטייט עס דאָרט געשריבן אין דער תורה: „לא על הלחם לבדו יחיה האדם“, מען דאַרף אַמאָל אַ קליידל, אַ שיכל, אַ פאַר הייזלעך פאַר אַ קינד; מ׳דאַרף אַמאָל פאַרריכטן אַ טעפּל, קויפן אַ שטיקל ליילעך, אַ וואַרעמען בגד אויף ווינטער... מילא, וואָס מען דאַרף אַלץ אין אַ שטוב? מיט דעם, זעט איר, איז ביטער... שוין גאַרנישט פויגלדיק... איך רעד שוין נישט וועגן אַריינגיין אַמאָל אין אַ קינאָ אָדער טעאַטער, זען אַ פריילעך „שטיקל“... ווער קאָן זיך דאָס דערלויבן אויף אַזאַ לוקסוס? ווייל אויסער בילעטן — דאַרף מען דאָך אויך האָבן — אין וואָס אַריינצוגיין... מילא, קאָנצערטן, זעט איר,

בין איך זיי מוחל. כ'האָב פֿיינט קאָנצערטן! סיי־ווי־סיי פֿאַרשטיי איך אין דעם גאָרנישט. איי, די וואָס גייען יאָ, פֿאַרשטייען פּונקט ווי איך, נאָר גאָרנישט — קאָנצערטן — בין איך זיי מוחל. כ'האָב גענוג קאָנצערטן — אינדערהיים... אַז מיין כאַליאַסטרע גיט אַ צעלאָז די צינגלעך, דאַרף מען אַנטלויפֿן נישט נאָר פֿון שטוב, נאָר פֿון דער שכונה דאַרף מען אַנטלויפֿן... יענע זינגערס האָב איך! אַ כפּרה קאַרוזאָ מיט שאַליאַפּינען אינאיינעם!... נאָר אין קינאָ, אין אַ טעאַטער, זעט איר, וואָלט איך געגאַנגען. נו, ווייסט איר דאָך ווי דאָס איז: תּמיד איז פֿאַרהאַן עפּעס בילכערס...

דאָס הייסט נישט, אַז מיר זיצן תּמיד אינדערהיים, הייסט עס נישט. פֿאַרקערט: אָפּטמאָל גייען מיר אַרויס, גייען מיר. בפֿרט שבת זיצן מיר קיינמאָל נישט אין שטוב. מיר שפּאַצירן זיך איבער קיין תּל־אָביב, ווייל ווי ווייט איז יפֿו פֿון תּל־אָביב? פֿאַקטיש איז עס דאָך איין שטאָט. גייט מען אַ ביסעלע איבער דער דיזנגאָף ווי אַלע גרויסע לייט. איר דאַרפֿט דאָס אָנקוקן אַ געסעלע, דאַרפֿט איר. שוין איינמאָל אַ גאָס! אַז איר ווייסט גאָרנישט ווו פֿריער צו קוקן: צי אַרויף — אויף די קאָלירטע ליכטער, צי אַראָפּ — אין די שויפֿענצטער. און ס'איז טאָקע דאָ וואָס צו זען — סיי אויבן, סיי אונטן, סיי פֿאַר איך, סיי הינטער איך... נאָר וואָס האָט מען שוין פֿון קוקן? גאָרנישט! האַרצווייטיק האָט מען...

דאָס ערגסטע איז אָבער, וואָס ס'איז זיך נישטאָ ווו צוצוזעצן אויף אַ ווײַלע. דאָס הייסט, אַז ס'איז יאָ דאָ. אויף דיזנגאָף זאָל נישט זיין? פֿאַראַן גענוג קאַפֿעען און אין יעדער קאַפֿע — אַ ים מיט בענקלעך. אינעווייניק — בענקלעך, אינדרויסן — בענקלעך, אַ וועלט מיט בענקלעך! נאָר נישט פֿאַר די וואָס זענען באמת מיד און ווילן זיך אַ ביסעלע אָפּרוען...

איינמאָל, הערט איר, האָב איך זיך פּרובירט צוזעצן אַ ווײַלינקע, נאָר אויף אַ האַלב בענקל, פֿאַרשטייט איר מיך, איז באַלד אויסגעוואַקסן אַ קעלנער אין שוואַרצן און אַ פֿרעג געטאָן: — „וואָס דערלאַנגען?" זאָג איך: — „גאָרנישט". זאָגט ער: — „גאָרנישט איז גוט צו די אויגן". זאָג איך, אַז מיינע אויגן זענען ברוך השם, אין בעסטן אָרדענונג, נאָר די פֿיס ברעכן אַ ביסעלע. ענטפֿערט ער, אַז דאָ איז נישט קיין וואַרטע־זאַל. מען מוז עפּעס באַשטעלן. טאָ וואָס זאָל ער דערלאַנגען? זאָג איך, אַז אויב איך גייט אַזוי אין לעבן עפּעס־וואָס צו דערלאַנגען, טאָ זייט זשע מוחל און דער־לאַנגט מיר אַ קאַפּינקע וואַסער, ווייל איך פֿיל ווי דאָס האַרץ חלשט מיר.

— דאָ איז נישט קיין סטאַציע פון מגן־דוד־אדום״! — צעשרייט ער זיך — איר ווילט אַ גלאָז טיי??!

— כ׳וויל נישט קיין טיי! — ווער איך שוין אין כעס — ווער קען דאָ טרינקען אייער טיי? מיר ווילט איר דערלאַנגען טיי? איך וועל טרינקען פרעמדע טיי? איך דאַרף נישט אייער טיי, דאַרף איך נישט! איך וויל פון אייך גאָרנישט! וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט ווי אַ זלידנע פליג? וואָס פאַראַ דערלאַנגען? מיר דאַרף מען דערלאַנגען? מיר?

— אויב נישט דערלאַנגען, — פאָכעט ער מיר מיטן האַנטוך פאַר די אויגן — קען מען נישט זיצן!

— אין וועלכן שולחן־ערוך — פרעג איך — שטייט דאָס געשריבן, אַז אָן דערלאַנגען קען מען נישט זיצן?

— אין מיין שולחן־ערוך! — זאָגט ער און נעמט מיך אָן פאַרן קאָלנער.

זע איך דאָך שוין מיט וועמען איך האָב צו טאָן, הייב איך זיך אויף און גיב אַ געשריי:

— פאָשאָל־וואָן מיט אייערע לאַפּעס! איך דאַרף נישט אייער הילף. איך קען זיך אַליין אויפהייבן און גיין!...

געהערט אַ מעשה? אויב עמעצער זעצט זיך אַוועק אויף אַ בענקל וואָס שטייט אינמיטן גאַס — דאַרף מען אים דערלאַנגען... דאָס, זעט איר, קאָנט איר דערלעבן נאָר אויף דיזנגאָף! נאָך ערגער ווי אין גלות. דאָרט האָבן דיך כאָטש גוֹיים געטריבן און דאָ — טרייבן דיך יידן, אייגן בלוט און פלייש!... נאָר ווידעראַמאָל די זעלבע מעשה; גיי מאַך איבער אַ וועלט! טאָ וואָס וועט דאָ העלפן מיין ריידן? מענטשן ווילן אַזוי? — טאָ זאָל זיין אַזוי! מיך גייט עס נישט אָן. איך גיי מיר מיין אָקסן־שריט. איך ווייס, אַז איצטער איז האַלב־ניין, מיינע באַאַמטע אַרבעטן שוין אַ גאַנצע שעה און האָבן נאָכנישט געטרונקען קיין טראָפּן טיי, האָבן זיי נישט. דאַרף איך זיך אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט. האָט אויף מיר קיין פאַראיבל נישט וואָס איך מוז אייך איבערבעטן, ווייל וואָס־וואָס — נאָר טיי דאַרפן מיינע באַאַמטע באַקומען צו דער צייט! דאָס איז, פאַרשטייט איר מיך, דאָס וויכטיקסטע!

טאָ זייט־זשע מיר געזונט און האָט זשע מיר אַ גוטן. שלום!

אַ פאַרפּלייצונג

נישטאָ, זאָג איך אייך, קיין בעסערס ווי אַ דאַך־שטיבל. ווען איך וואָלט, חלילה, געוווינט אין אַ קעלער־שטיבל, וואָלט איך שוין אפשר לאַנג געווען אויפן עולם־האמת. איר פרעגט, פאַרוואָס? ווייל ביי אונדז אין לאַנד שפּאָרט מען וואַסער. ווייל וואַסער איז ביי אונדז אויף דער וואָג פון גאָלד. יעדער טראָפּן — אַ בריליאַנט; יעדער עמער — אַ געוואָלט; יעדע וואַננע וואָס איר מאַכט זיך — אַן אויסברעכעניש, אַ פאַרשווענדעניש פון אונדזערע נאַטירלעכע אוצרות, אַ רויבעריי, אַ מאָרד אינמיטן העלן טאָג!...

שפּאָרן מיר טאַקע וואַסער. ניט נאָר דערפאַר ווייל עס קאָסט ביי אונדז אַ מתמון מיט געלט, נאָר דערפאַר ווייל מען הייסט אונדז שפּאָרן. פּלאַקאַטן הייסן שפּאָרן און צייטונגען הייסן שפּאָרן און דער ראַדיאָ הייסט שפּאָרן און מיניסטאָרן — הייסן אוודאי און אוודאי שפּאָרן. זענען מיר דאָך עפּעס פּאַטריאָטן — שפּאָרט מען! אַ ברירה האָבן מיר? מיר ווילן דאָך ניט אַז די מדינה זאָל אין עטלעכע יאָר אַרום בלייבן, חלילה, אָן וואַסער. וואָס וועלן מיר דאַן טרינקען? מיט וואָס וועלן מיר זיך דאַן וואַשן? וואָס וועלן דאַן שרייבער אַריינגיסן אין זייערע שאַפונגען און וואָס וועט מען דערטרינקען איינער דעם אַנדערן? — שפּאָרט מען וואַסער!

מיט עטלעכע וואָכן צוריק, הערט איר, האָב איך זיך אַריינגעקליבן אין אַ נייע וווינונג. אַ גאַנץ פיינע וווינונג, אַ אַנגענעמע וווינונג, אַ אינטימע וווינונג. פון די פענצטער זעט איר האַלב תל־אביב און גאַנץ יפו מיטן ים, מיט די שיפן, מיטן האָריזאָנט. בייטאָג זעט איר ווי די זון גייט אויף און ביינאַכט — ווי זי באַגייט זעלבסטמאָרד דערטרינקענדיק זיך אין ים. עס איז נעבעך אויף איר קיין וווּנדער ניט: דורכן טאָג זעט זי זיך אָן און הערט זיך אָן מיט אַזעלכע פאַסקודסטוועס, אַז ווען זי וואָלט אפילו געווען פון אייזן, וואָלט זי אויך ניט אויסגעהאַלטן...

מיט איין וואָרט: — אַ פּרעכטיקע וווינונג וואָס האָט נאָך איין פּלוס: זי געפינט זיך אויפן דאַך! הויך, איבער אַלע אַנדערע וווינונגען,

מיט אַ ווינטל וואָס קילט, גלעט, לאַשטשעט, און אַז מען היט זיך ניט — קען מען אין איין שיינעם טאָג אויפשטיין מיט אַ שטייפן האַלדז, מיט אַ ווייטיק אין אַ זייט, אָדער — אינגאַנצן, חלילה, ניט אויפשטיין. אָבער מיר היטן זיך און אַז איך זאָג: „מיר" — מיין איך טאַקע זיך און מיין אויס־דערוויילטע, מיין טייער ווייבעלע, מיין שושנה׳לע מיט וועלכע איך האָב ניט לאַנג צוריק חתונה געהאַט און גלייך פון אונטער דער חופה — אַרונטער אונטער איר דאַך...

אַ גרויס מזל, זאָג איך אייך, דאַרף מען האָבן, כדי צו געפינען אַזאַ ווינונג, מיט אַזאַ מעבל, מיט אַזאַ לופט און אויף אַ צוגאָב — אַזאַ ווייב ווי מיין שושנה׳לע איז.

אָבער ניט וועגן מיין ווייבעלע, זאָל לעבן, וויל איך אייך דערציילן. איך וועל זי פאַר אייך ניט צעלייגן אויף טעלערלעך און אויסרעכענען אַלע אירע מעלות, נאָר איינס פאַרזיכער איך אייך, אַז ניט יעדן טאָג טרעפט זיך אַזאַ גליק, אַזאַ פיינע באַלאַבאַסטע, אַזאַ איבערגעגעבענע פרוי און געטרייע מוטער צו אונדזערע צוקונפטיקע קינדער. אַזעלכע פרויען, פאַר־שטייט איר מיך, וואַלגערן זיך ניט אין די גאַסן און כדי אַזאַ איינע צו געפינען, דאַרף מען טאַקע האָבן גרויס, גרויס מזל! געפינען אַזאַ פרוי מיט אַזאַ ווינונג — איז טאַקע אַ גרויס גליק, בפרט פאַר אַזאַ איינעם ווי איך, וועלכער איז, ווי איר רופט עס דאָ, אַן עולה־חדש, אַ ניי־געקומענער וואָס איז ני־בע, ני־מע, ני־קוקעריקו — וואָס איז זיך געזעסן אין אויסלאַנד ווען אַנדערע, די ותיקים, האָבן געפלאַסטערט שאָסייען און געהאַט ס׳קדחת. אויף אַזאַ איינעם ווי איך, פאַרשטייט איר מיך, קוקט מען אַביסעלע קרום, כאָטש מען פּרובירט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך בין דאָס אויבערשטע פון שטויסל, דער פּופּיק פון דער וועלט, אָן וועמען די מדינה וואָלט חלילה קיין מדינה ניט געווען און אָן וועמען מיר וואָלטן נאָך ביז היינט צו טאָג געווען אַ צעזייט און צעשפּרייט פאָלק צווישן די אומות־העולם, אויף וועלכן מען טרעט מיט די פיס, מען שפּייט זיי אין פּנים אַריין און מען באַליידיקט אויף יעדן טריט און שריט.

די צרה איז נאָר וואָס אַזאַ־סגאַל מענטש ווי איך, קאָן זיך ניט אַזוי שנעל צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען און צרות, וועלכע עס דערוואַרט דאָ אַ ניי־געקומענעם, אַן עולה־חדש, וואָס האָט נישט געפּאַקט און געמאַזלט און ניט געהאַט קיין קדחת...

און איינע פון די זאַכן צו וועלכע איך קאָן זיך בשום־אופן נישט

צופּאַסן — איז דאָס שפּאָרן וואַסער. איך בין צו דעם ניט געוווינט. ביי אונדז אינדערהיים האָט ניט עקזיסטירט אַזאַ פּראָבלעם. ביי אונדז האָט מען ניט געדאַרפט שפּאָרן וואַסער ווייל איר האָט דאָס אַרטיקל געהאַט אין אַזעלכע קוואַנטומס, אַז איר האָט זיך געקאָנט אפילו באָדן אין וואַסער, דער־טרונקען ווערן און קיינער וואָלט אויף אייך ניט געקוקט קרום, קיינער וואָלט אויף אייך קיין פּאַריבל נישט געהאַט...

און טאַקע דערפאַר האָט פּאַסירט דאָס, וועגן וואָס איך וויל אייך איצטער דערציילן:

געשען איז עס מיט עטלעכע טעג צוריק. איך בין אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט שפּעט ביינאַכט. מיין שושנהלע איז שוין געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. איך בין שטיל אַריין אין שטוב, אַז כ׳זאָל זי, חלילה, נישט איבערוועקן. כ׳האָב עפּעס איבערגעכאַפּט און אַריין אין באָד־צימער מאַכן אַ טוש. קיין וואַננע — מאַך איך נישט. ערשטנס — ווייל איך האָב נישט קיין וואַננע און צווייטנס — ווייל מען דאַרף שפּאָרן וואַסער און דאָס מאַכן אַ וואַננע, איז אַ ריינע אויסבערענגעניש, אַן אומזיסטע פאַרשווענדונג פון די אָרעמע וואַסער־רעזערוון, אַן אַנטי־מדינישער שריט.

אויסגעטאָן זיך, אויפגעדרייט די קראַנען, דעם הייסן און דעם קאַלטן, איינגעזייפט זיך און פּלוצלונג: פּיץ־פּיץ־פּאַק־פּקאַק... און אויס — נישטאָ קיין וואַסער! איך דריי אויף די קראַנען ביזן סוף, דעם הייסן און דעם קאַלטן, פּרוביר דעם אונטערשטן קראַן, לויף אַריין אין קיך און דריי אויף די קראַנען, דעם הייסן און דעם קאַלטן... — אַ נעכטיקער טאָג! נישטאָ קיין טראָפּן וואַסער!...

— שוש...! — פּרוביר איך וועקן מיין ווייבעלע — שוש, וואָס טוט מען? נישטאָ קיין וואַסער...

מיין שושנהלע עפנט איין אויג, גיט אויף מיר אַ בייזן קוק און זאָגט אַ פאַרשלאָפענע: — „צוליב דעם וועקסטו מיך? נישטאָ קיין וואַסער, לייגט מען זיך שלאָפן — אָן וואַסער...

— אָבער, שושעלע — פּרוביר איך איר אויפקלערן — וואָס הייסט זיך לייגן? אַן איינגעזייפטער?

— אויב דו האָסט געזען אַז עס איז נישטאָ קיין וואַסער, — פרעגט זי — טאָ פאַרוואָס האָסטו זיך איינגעזייפט?

— פריער — זאָג איך — איז געווען. איצטער איז נישטאָ...

— טאָ וויש אָפּ די זייף — גיט זי מיר אַן עצה — און מאַך נאַכט...

האסט פֿאַרגעסן, — גיט זי צו — אַז מיר וווינען הויך און אויף די אויבערשטע שטאָקן איז אָפט נישטאָ קיין וואַסער? מסתּמא איז דער וואַסער־דרוק אַ שוואַכער קומט עס צו אונדז נישט צו...

אַ ברירה האָב איך געהאַט? האָב איך זיך, במחילה, אָפּגעווישט און אַריינגעקראָכן אין בעט.

ווי לאַנג איך בין געשלאָפֿן ווייס איך נישט, נאָר פּלוצים האָט מיך אויפֿגעוועקט אַ קלאַפּן אין טיר. איך שפּרינג אַראָפּ כּדי צו עפֿענען און און אין דער מינוט — טראַך! — ווי גרויס איך בין ליג איך אין וואַסער!...

— שוש! — שריי איך, ראַטעווע!!!

— וואָס איז שוין ווידער געשען? — פֿרעגט זי.

— ראַטעווע!!! — שריי איך — איך טרינק זיך!

— וואָס הייסט, דו טרינקסט זיך? אין וואָס?

— וואָס הייסט אין וואָס? — פֿאַרכלינע איך זיך — אין וואַסער!

— אין וואַסער? — פֿרעגט זי — וואָס חלומט זיך דיר? ווי קומט אַהער וואַסער?

— וואָס שטעלסטו מיר קלאָץ־קשות? — ווער איך שוין בייז — מסתּמא איז אינדרויסן אַ מבול...

— אַ מבול?! — שפּרינגט זי אויף — אַזאַ מבול, אַז דאָס וואַסער איז אַזש דערגאַנגען ביזן פֿערטן שטאָק? אוי ווי!!! — גיט זי פּלוצלונג אַ געשריי — מאָטי, ראַטעווע!!! איך שווים! איך שווים אויפֿן מאַטראַץ! מאָטי, — שרייט זי — וווּ ביסטו?! פֿאַרוואָס ראַטעוועסטו מיך נישט?

— איך קען נישט... — שריי איך אויף צוריק.

— וואָס קענסטו נישט? — פֿרעגט זי.

— שווימען... שווימען קען איך נישט... ראַטעווע, שוש! — שריי איך און איך פֿיל ווי איך גיי צו גרונט, צו דער פּאַדלאָגע, הייסט עס. איך פּרוביר מאַכן מיט די הענט, האַלטן זיך אויף דער אויבערפֿלאַך, נאָר גיי מאַך, אַז יעדערס מאָל פֿאַרטשעפּע איך זיך אין אַן אַנדערן געגנשטאַנד און כ'ליג שוין ווידער אין וואַסער. פּלוצים הער איך ווידער מיין שושנהלעס קול: „האַלט זיך, מאָטי, נאָך עטלעכע מינוט, איך האָב...!" „וואָס האָסטו?" — פֿרעג איך. „אַ בעזעם!" — שרייט זי — „איך האָב געפֿונען דעם בעזעם... איך וועל מיט אים קענען רודערן... זאָג מיר נאָר וווּ דו ביסט, וועל איך צו דיר צושווימען און אַרויפֿנעמען אויף מיין מאַטראַץ..."

הערסט אַ מעשה: איך זאָל איר זאָגן וווּ איך בין... „פֿונוואַנען זאָל

איך וויסן ווו איך בין ?!" — שריי איך אַ בייזער — „ערשטנס — האָב איך נישט קיין קאָמפּאַס און מאַפּע און ווען איך וואָלט אַפילו געהאַט, וואָלט איך יאָ געוווּסט ? עס איז דאָך שטאָק פינצטער, כאָטש נעם זיך אָן אויג אַרויס !..."

— אָט באַלד — זאָגט זי — וועל איך עפענען אַ לאָדן... — און איך הער ווי דער בעזעם הייבט אָן פּלוסקען אינעם וואַסער. אין אַ ווײַלע אַרום גיט זי מיך אַ פרעג : — „מאָטי, ווו איז דאָס פענצטער ?" „וואָס הייסט : ווו ?" — זאָג איך — „דו ווייסט נישט ווו דאָס פענצטער איז ? דו ווּינסט דאָך דאָ לענגער פון מיר..." „איך ווייס" — זאָגט זי — „עס איז קעגנאיבער דער טיר... אָבער ווו איז די טיר ?... באַלד, איין מינוט, איך וועל אָנצינדן די ליכט..."

— שטיי, שוש ! — שריי איך — ריר נישט די ליכט, דו האָסט נאָסע הענט !

דאָס קלאַפּן אין דער טיר איז דערווייל געוואָרן אָפטער, שטאַרקער...

— ווער איז ? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

— פּאָליציי ! — האָט מען מיר געענטפערט.

— דו הערסט, שוש, — זאָג איך צו מיין ווייב — פּאָליציי קלאַפּט, נאָך זיי פעלן מיר צו מיינע צרות... אָבער מען דאַרף עפענען... מיט פּאָליציי שפּילט מען זיך נישט... שוש, אפשר וואָלסטו זיך פּאַרט צוגעשלאָגן צו דער טיר און געפּרוּווט עפענען ?

— פּרובירן קען מען... — זאָגט זי און הייבט אָן רודערן מיטן בעזעם. פּלוצלונג גיט זי אַ געשריי : — „אוי !!!"

— וואָס איז געשען, שוש ? — בין איך פאַרציטערט געוואָרן פון שרעק.

— דאָס איז נישט די טיר, — גיט זי אַ זאָג — דאָס איז דאָס פענצטער...

— עפן נישט, שוש ! — שריי איך צו איר — פאַרגעס נישט אַז מיר ווינען אויפן פערטן שטאָק.

איר פאַרשטייט אַ מעשה ? שיין וואָלט איך אויסגעזען ווען מיין שושנהלע עפנט דאָס פענצטער און גיט זיך אַזוי אַ שווים אַרויס אויפן מאַטעראַץ מיטן בעזעם אין האַנט...

איך עפן נישט... — באַרואיקט זי מיך — איך וויל נאָר עפענען דעם לאָדן. אָט אַזוי... איצט איז כאָטש געוואָרן אַ ביסל ליכטיקער... מאָטי, — גיט זי ווידער אַ געשריי — ווו ביסטו ?

אַ שטראַל ליכט האָט זיך אַריינגעריסן פון דער גאַס אין קליינעם צימערל. וואָס זאָל איך אייך זאָגן: אַזאַ בילד האָט איר נאָך אין אייער לעבן נישט געזען. מיין שוש איז געשטאַנען מיטן בעזעם אין האַנט אויפן שווימענדיקן מאַטעראַץ. דאָס ווײַדענע נאַכט־העמד איז געווען צוגעקלעפּט צו איר לייב, די האָר צעפּלאָשעט, די אויגן אַרויסגעשטאַרצט און זי האָט איצט אויסגעזען ווי אַ פּרעהיסטאָרישע געשטאַלט אויסגעהעמערט פון שטיין... מילא, ווי אַזוי איך אַליין האָב אויסגעזען ווייס איך נישט. צום גליק האָב איך דאַן נישט געהאַט אין זינען אַריינצוקוקן אין שפּיגל. איך ווייס נאָר, אַז איך בין געלעגן אויפן טיש אין קיך. ביז היינט צום טאָג ווייס איך נישט ווי אַזוי דער טיש איז פון סאַלאָן אַריין אין קיך. איבער דער וווינונג זענען אַרומגעשווומען אונדזערע מלבושים, שושס נייער שטרוי־הוט, די פּאַנטאָפל און אַלע געגנשטאַנדן פון ערשטן, צווייטן און דריטן געברויך... איך בין געווען דורכגענעצט און דורכגעפרוירן ביזן ביין. ווי אויף צו להכעיס האָט דאָס קלאַפּן אין טיר נישט אויפגעהערט און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מען פּרובירט זי עפענען מיט כוח.

— שוש, — זאָג איך צו מיין ווייבל — מען דאַרף עפענען די טיר, זיי הערן נישט אויף צו קלאַפּן...

— וואָס הייסט, עפענען? — זאָגט זי — אין אַזאַ הולך וועל איך עפענען די טיר פאַר פרעמדע מענער? גיי עפן דו.

גוט צו זאָגן, גיי. אין שווימען בין איך קיינמאָל קיין גרויסער ספּעץ נישט געווען און דאָ דערגייט דאָס וואַסער ביזן פּופּיק. אָבער עס האָט מיר שוין נישט געפּאַסט פאַר מיין פרוי. פאָרט נישט לאַנג נאָך דער חתונה... האָב איך זיך אָנגענומען מוט און באַשלאָסן גיין אויף קידוש־השם. ביי יעדן טראָט וואָס איך האָב געשטעלט האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף פאַר־שיידענע אונטערוואַסער־געגנשטאַנדן וואָס האָבן צוקאַלעטשעט די פיס און געדראָט מיט דערטרונקען. ענדלעך האָב איך זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג און קוים מיט צרות געעפנט די טיר.

אַ גוטן אָוונט! — האָט איך אַ זאָג געטאָן צו די דורכגענעצטע פּאָליציאַנטן.

— איר קענט שוין זאָגן „גוט מאָרגן״... — האָט איינער אַ דיקער שוטר מיט וואָנסן אַ בייזן זאָג געטאָן — ווי אַזוי לאָזט מען אונדז דאָס שטיין אַזוי לאַנג אונטער דער טיר און מען עפנט נישט?

— איר פאַרשטייט... — האָב איך אים פּרובירט געבן צו פאַרשטיין,

נאָר ער האָט מיך נישט געלאָזן ענדיקן און איבערגעהאַקט אינמיטן: — „מיר פאַרשטייען גאַנץ גוט! — האָט ער כמעט געשריגן — ווי אַזוי שלאָפן זיך מענטשן אַזוי רואיק און פילן נישט אַז די וווינונג שטייט אונטערן וואַסער וואָס גיסט און שטראָמט אַן אויפהער און האָט שוין פאַרגאָסן אַלע אונ־טערשטע וווינונגען, דאָס גאַנצע טרעפּן־צימער און אַ האַלבע גאַס?"

— אַזאַ מבול איז געווען? — פרעג איך אים — מסתמא איז דער דאַך נישט אין אָרדענונג.

— ביי אייך, דאַ, — ווייזט ער מיר אויפן קאָפּ — איז נישט אין אָרדענונג. אַנו לויפט שנעל — שרייט ער — און פאַרמאַכט די קראַנען!...

— וואָס פאַרא קראַנען? — פרעג איך אים נאָך אַלץ נישט פאַר־שטייענדיק וואָס ער וויל.

— אייערע קראַנען!!! — שרייט ער.

— מיינע קראַנען? — קוק איך אים אָן ווי משוגע — ווי קומט אין מיינע קראַנען וואַסער? ערשט נעכטן האָב איך זיך געלייגט שלאָפן אַן איינגעזייפטער, זאָגט איר גאָר אַז דאָס גאַנצע וואַסער קומט פון מיינע קראַנען?

— וואָס האָט איר זיך אַוועקגעשטעלט מיט מיר איינטענהן!? — שרייט ער — לויפט און פאַרמאַכט די קראַנען.

גוט צו זאָגן: לויפט! גיי לויף אין אַ ים, צווישן צעבראָכענע כלים, צווישן שטורמישע כוואַליעס, מיט צעקאַלעטשעטע פיס... געהערט אַ מעשה: נעכטן איז קיין טראָפּן וואַסער נישט געווען און היינט — גיט נאָר אַ קוק ווי עס פלייצט און שטראָמט און רינט און ריזלט און כוואַליעט; גיט נאָר אַ קוק — אַ שפּריצעניש, אַ רוישעניש, אַ הוזשעניש פון וואַסער... יאָ, ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָנט אַז איך האָב טאַקע פאַרגעסן צו פאַר־מאַכן די קראַנען... צו וואָס האָב איך זיי געדאַרפט פאַרמאַכן, אַז זיי זענען געווען טרוקן ווי אַ פעפער?... נעכטן האָב זיך געלייגט אַן איינגעזייפטער שלאָפן און איצט האָט זיך אונטער דעם שפּריצער אַ גאַנץ פאַלק סאָלדאַטן געקענט אָפּטושן מיט איין קנאַק... זע נאָר ווי עס שפּריצט? ווי עס זעצט דאָס וואַסער?... זע נאָר ווי מען קען אַפילו נישט צוקומען צו די קראַנען?... נאַדיר אַ מדינה: — קיין וואַסער האָבן זיי נישט, נאָר קראַנען — צו אַלדע שוואַרצע יאָר! רונדע קראַנען און פלאַכע קראַנען; אונטן — קראַנען, פון דער זייט — קראַנען, אין קיך — קראַנען, אין בית הכסא — קראַנען, אַ ים מיט קראַנען — הייסע קראַנען און קאַלטע קראַנען; רויטע קראַנען און

בלויע קראַנען; און פון אַלע שטראָמט און פליסט און גיסט זיך ווי פון דעם ניאַגאַראַ וואַסערפאַל... ווי בשעת אַ שריפה! וואָס רעד איך — אַ שריפה? ביי אונדז, אַז עס ברענט, ברעכט מען זיך די קעפּ פונוואַנען מען נעמט אַ ביסל וואַסער אויף צו לעשן און דאָ — נאַדיר: אַ פאַרפּלייצעניש! צען שריפות קען מען פאַרלעשן און ס'וועט נאָך בלייבן אַ רעשט...

— נו, נישטאָ קיין וואַסער ביי אייך, האַ? — האָט דער באַוואָגצעטער שוטער מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס.

— אָט דאָס, — זאָג איך — איז די גאַנצע צרה וואָס ביי אונדז איז אָדער־אָדער, אָדער גאָר — אָדער גאָרנישט...

— אַז ווען מען דאַרף, — העלפט מיר צו מיין שושנהלע — איז נישט פאַראַן קיין טראָפּן וואַסער...

— דאָס איז אייער פרוי? — גיט מיך דער באַוואָצעטער אַ פרעג אָנווייזנדיק אויף מיין ווייבעלע וואָס האָט איצט אויסגעזען ווי אַ אויס־געצוואָגענע קוואָקע...

— וואָס דען, אייער פרוי איז דאָס? — האָב איך אים בייז אָפּ־געענטפערט.

— ניין, ניין, — האָט ער זיך איבערגעקוקט מיט די איבעריקע צוויי שוטרים — מיין פרוי איז דאָס זיכער נישט. מיין פרוי ליגט איצט אין בעט — אַ טרוקענע!...

און אַלע דריי האָבן זיי אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער.

בשעת־מעשה בין איך אפשר אויף זיי געווען אַ ביסעלע בייז: וואָס פאַראַ געלעכטער אויף זייערע קעפּ? פאַרוואָס לאַכן זיי פון יענעמס אומגליק? נאָר איצט, אַז איך דערמאָן זיך אין דעם אַלעם וואָס מיר האָבן דורכגע־לעבט אין יענער נאַכט, גלוסט זיך מיר אַליין אויך לאַכן. אָט האָט איר אַ שפּאָרעניש פון וואַסער. נאָר גאָרנישט — ביי יעדן אומגליק איז פאַראַן אַ ביסעלע גליק. וואָס וואָלטן מיר אַ שטייגער געטאָן, ווען מיר ווינען נישט אין אַ דאַך־שטיבל — נאָר אין אַ קעלער? אַ שיין פּנים וואָלטן מיר דאַן געהאַט... מילא, מיין ווייבעלע, מיין שוש, קען נאָך אַ ביסל שווימען, פאָרט אויסגעוואַקסן ביים ים. אָבער וואָס וואָלט דאַן געווען מיין סוף! בררר... בעסער נישט טראַכטן פון אַזעלכע זאַכן...

מען זאָל זיי נישט באַדאַרפֿן

איך זאָג אייך: אַ מענטש ווייסט גאָרנישט ווי אַזוי אָפּצושאַצן זיין געזונט. אַך־און־ווי איז נעבעך צו דעם, וואָס דאַרף אָנקומען צו אַ דאָקטאָר. היינטיקע דאָקטוירים, משטיינסגעזאָגט, ביז וואָס־ווען, ציען זיי ביי אייך אַרויס די נשמה מיטן געלט אינאיינעם. נאָר די קרענק לאָזן זיי איבער... פאַרשטייט זיך אַז איך רעד דאָ נאָר וועגן די פּריוואַטע דאָקטוירים, וועגן די וואָס מאַכן גאָלד פון יענעמסליידן. ווייל אַ „קופּת־חולים"־דאָקטאָר איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. זיי, זעט איר, אַרבעטן נישט בלויז צוליבן געלט. ביי זיי איז דאָס אַן אידעאַל, אַ הומאַניטאַרע שליחות. אַזאַ איינער, אַז ער שיקט אייך אַוועק אויף יענער וועלט, טוט ער עס נישט פאַר געלט. ער מאַכט דאָס אומזיסט... סוף־כל־סוף זענען זיי דאָך אייגענע מענטשן, פּראָלעטאַריער, מיטגלידער פון דער „הסתדרות" וואָס מוזן, פּונקט ווי מיר פּראָסטע אַרבעטער, אָרגאַניזירן שטרייקן און פאַרביסן קעמפן פאַרן טרוקענעם שטיקל ברויט מיט פּוטער.

נאָר צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן: איך האָב זיי אַלע פיינט. סיי די פּריוואַטע און סיי מיינע חברים — די „קופּת־חולים"־דאָקטוירים. מיינע שונאים זאָלן צו זיי דאַרפן אָנקומען! איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר איך קען זיי נישט ליידן. איך בין צו זיי אַלערגיש.

ווי איר קוקט מיך אָן, שטאַם איך פון אַ משפּחה וואָס האָט תמיד געוויכט פון דאָקטוירים. אונדזער שוועל זענען זיי קיינמאָל נישט אַריבערגעטרעטן. איך שמועס שוין נישט פון די גרויסע פּראָפעסאָרן. אַזעלכע זענען צו אונדז אין שטוב אַריין נישט געקומען...

מיין מאַמע פלעגט תמיד דערציילן ווי מיין עלטער־זיידע זיינוול־בער האָט אַמאָל, נישט פאַר אייך געדאַכט, אָנגעהויבן ליידן אויפן בויך. עס האָט זיך דאַן געטאָן אויף טיש און אויף בענק. מען האָט אים געבראַכט פאַרשידענע סמאַראָוואַניעס, אָפּגעשפּראָכן אַן עין־הרע, געקאָכט פאַר אים גאַנצע טשוגונעס מיט פאַרשידענע גראָזן, וואָרצלען, „זיאָלעס" און אַנדערע שוואַרץ־יאָרן. אָבער דאָס אַלץ האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן — געהאַקטע באַנקעס.

נאָר פון גיין צו אַ ספּעציאַליסט, צו דעם שטעטלשן פעלדשער, האָט ער נישט געוואָלט הערן. וויפל די עלטער־באָבע האָט אין אים נישט אַריינגערעדט, געבעטן זיך, פאַרשווירן — און ער: ניין און ניין און ניין! כאָטש רעד צום קעראָסין־לאָמפּ. „איך וועל נישט גיין!״ — האָט ער געשריגן — איך וועל בעסער שטאַרבן!״ און ער האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט... אַ שרעקלעכער עקשן געווען מיין עלטער־זיידע זכרונו לברכה.

און מיין באָבע הינדע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, זי האָט אַמאָל אין איר לעבן געוווּסט וואָס דאָס הייסט אויספּוצן זיך און גיין צו אַ דאָקטאָר? מיין מאַמע, זאָל זיין אָפּגעשיידט, פלעגט דערציילן ווי אַזוי מיין זיידע איז דאָס איינמאָל אַהיימגעקומען פון דער מיל און דאָס עסן איז נאָך נישט געווען פאַרטיק. „זיי מיר מוחל, איטשע־מייער״, — זאָגט אים די באָבע, — „נאָר היינט וועט דאָס מיטאָג זיין אַ ביסעלע שפּעטער. איך האָב אַריינגעשטעלט אין אויוון וואַסער צו וואַרעמען ווייל איך פּיל אַז אָט־אָט...״ און ביי די ווערטער איז זי אַריין אין צווייטן אַלקער, מיטגענומען אַ שכנה און נאָך איידער דער זיידע האָט באַוויזן אָפּצוואַשן די הענט, האָט זיך פון דאָרטן דערהערט: אַן עע־ע־ע־ע! ב־ע־ע־ע! מע־ע־ע־ע! און שוין: איך האָב שוין געהאַט אַ פרישׁ געבאַקן פּעטערל...

אויסגעבאָדן דעם פרישן שרייער איז די באָבע אַריין אין קיך, אויף שנעל צוגעוואַרעמט דאָס מיטאָג פאַרן מאַן מיט די אַכט קינדערלעך, דערלאַנגט צום טיש, אַליין מיט זיי אָפּגעגעסן און אַריין אין בעט אָנזייגן דעם קליינעם ממזר. נו, מילא, האָט מען אַמאָל געגעסן מיטאָג שפּעטער מיט אַ שעה. אַזאַ זאַך האָט זיך געקענט טרעפן העכסטנס איינמאָל אין אַ יאָר. פון דעם איז נאָך קיינער נישט געשטאָרבן.

נו, פרעג איך אייך: ווו זעט איר היינט אַזעלכע ווייבער? אַז היינט וויסן זיי דאָך שוין נישט אויף וואָס זיי גייען. מיט אַ ליאַדע־וואָס לויפט מען גלייך צום דאָקטאָר. מיט דעם קלענסטן שטעכעניש לייגט מען זיך גלייך אין בעט אַריין. זאָל דאָס קלענסטע ווינטעלע געבן אַ בלאָז איז מען שוין חרוב קראַנק און מען מוז מען שוין אַריין אין אַ שפּיטאָל. אָבער אַמאָל? ווער איז אַמאָל געגאַנגען אין אַ שפּיטאָל. דאָס איז דאָך געווען ערגער פון סם־המוות. אַפילו שטאַרבן האָט מען בעסער געוואָלט אויפן אייגענעם צעבראָכענעם בעטל, איידער אין דעם בעסטן שפּיטאָל. וואָס דאַרפט איר מער: כאָפּט למשל אַן מיין שכנה אונטער מיר, איז זי מיט אַ פּראָסטן

צאַן אָפּגעלעגן צוויי וואָכן אין אַ שפּיטאָל, נישט פאַר קיינעם געדאַכט! נו, פרעג איך אייך: האָט אַמאָל געקענט פּאַסירן אַזאַ זאַך?

איך דערמאָן זיך ווי איצט: איינמאָל האָט ביי בעריש קאַמאַשנ־שטעפּער אָנגעהויבן ווייטאָן אַ צאָן. עס רעדט זיך נאָר אַזוי „ווייטאָן". אונדזער בעריש איז ממש געשפּרונגען פון דער הויט. קאָפּ אין וואַנט האָט ער געקלאַפּט פון ווייטאָג. איך ווייס גאָרנישט ווי אַזוי די וואַנט האָט אויס־געהאַלטן. ווייל בעריש קאַמאַשנשטעפּער איז נישט געווען סתם עפּעס אַ פּאַרשוינדל, עפּעס אַ קיי־און־שפּיי, דאָס איז געווען אַ מאַן אַ גיבור, אַ ריז. מיט איין קלאַפּ האָט ער געקענט אַוועקלייגן דאָס געזונטסטע פערד, און ציין האָט ער געהאַט — ממש פערדישע. יעדער צאָן — אַ געוואַלט. שטיינער האָט ער מיט זיי געקענט גריזשען. אַ פולן עמער וואַסער האָט ער צווישן זיי געטראָגן פונעם ברונעם ביז אין שטוב אַריין און נאָך צוויי פולע עמער וואַסער האָט ער געהאַלטן אין זיינע ברייטע לאַפּעס. און נישט געגאַנגען איז ער מיט זיי, נאָר געלאָפן ווי צו אַ שריפה. היינט שטעלט אייך פאָר אַז אַזאַ מין האַלאַבלע נעמט פּלוצלונג ווייטאָן? ווי אַזוי ווערט מען דאָס פּטור פון אַזאַ פערדישן צאָן? האָט מען טאַקע גע־מוזט אַדורכפירן אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע אויף דער גאַנצער גאַס. זעקס מענער ווי די בערן האָבן אים קוים געקענט דערהאַלטן. ער האָט זיך געריסן פון זיי ווי אַ צערייצטער לייב. פון יעדן געשריי זיינעם פלעגן ציטערן די ווענט, ממש ווי בשעת אַן ערד־ציטערניש. די זעקס גיבורים זענען געווען אָפּגעגאָסן פון שוויס, וואָס איז טייכנווייז פון זיי גערונען.

אָבער דער צאָן האָט זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט. ווי ער וואָלט געווען צוגענאָגלט מיט אַ טשוואָק אָדער צוגעקאָוועט אויף מיכּלס קאָוואַדלע...

צוערשט האָט מען געפּרוווט אַנדערע מיטלען: מען האָט אים געוואָלט פאַרסמען מיט יאָד, מיט ריינעם „פּינפּאונניינציקער", בעריש איז שוין געווען האַלב שכּור, און דער צאָן — ווי נישט אים מיינט מען. יענקל דער טרעגער האָט אַרומגעבונדן דעם צאָן מיט אַ שטאַרקן שפּאַגאַט, דעם צווייטן עק צוגעטשעפּעט צום הענטל פון דער טיר און אַ בוכע געטאָן אין בערישעס פּרצוף אַריין מיט פייער. בעריש האָט אַ געשריי געטאָן. אַ ריס געטאָן דעם קאָפּ אויף צוריק און — אַרויסגעריסן דאָס הענטל פון דער טיר. אָבער דער צאָן איז געבליבן זיצן ווי אַ קוואָקע אויף אייער... און אַז דאָס אַלץ האָט שוין נישט געהאָלפן, אַפילו נישט דאָס קלאַפּן אין אים מיט האַמער און שטאָם־אייזן, נישט דאָס שאָקלען אים און נישט דער טאָפּלטער שפּאַגאַט, האָט מען גע־

מאַכט אַ קורצע באַראַטונג און באַשלאָסן רופן מיכלען דעם שמיד. מיכל איז געקומען מיט זיין שותף אַנטאָן, אַ געזונטער, רויטפּנימדיקער גוי, מיט ברייטע פּלייצעס און הענט ווי לאָפּאַטעס. מעשה מומחים האָבן זיי באַטראַכט דעם צאָן, זיין געאָגראַפישע לאַגע און אַז זיי זענען פּאַרטיק געוואָרן מיט אַלע פּרטים, האָט ער זיך געשווירן ביי די ציציות, אַז ביי אים וועט ער אַרויס. אַנטאָן איז דערוויל געלאָפן ברענגען די נייטיקע צוואַנג וועלכע ער האָט איבערגעבערענט איבערן פּייער כדי עס זאָל, חלילה, נישט ווערן קיין „זאַקאַזשעניע", אוןביידע, מיכל און אַנטאָן, האָבן זיך גענומען צו דער מלאכה.

אין אָנהייב איז עס געגאַנגען אַ ביסל שווערלעך. בעריש האָט זיך געריסן פון זייערע הענט און גערעוועט ווי אַ געשאָכטענער אָקס, געברי־קעט מיט די פיס און געשאָלטן אויף וואָס די וועלט שטייט. נאָר עס האָט אים געהאָלפן ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי. די זעקס מענער האָבן אים געהאַלטן פאַר די הענט־און־פיס און פאַרן קאָפּ, מיכל מיט זיין שותף אַנטאָן האָבן אָנגעכאַפּט דעם צאָן מיט דער צוואַנג, קונציק זי געדרייט איינמאָל רעכטס און איינמאָל לינקס, אַ ציַ געטאָן אויף אַרויפצו און ביידע זענען זיי אַראָפּ־געפאַלן פונעם בענקל אויף וועלכן זיי זענען געשטאַנען. אָבער פאַלנדיק האָבן זיי מיטגעשלעפּט דעם צאָן. ער איז איצט געווען אין זייער צוואַנג...

וואָס זאָל איך אייך זאָגן: אַזאַ צאָן האָט איר נאָכנישט געזען און איך בין שטאַרק מסופק צי איר וועט נאָך אַמאָל אַזוינס זען. איך דערצייל אייך נישט קיין גוזמא, נאָר אַ האַלבע שטאָט איז געקומען אָנקוקן דאָס בייזע ווונדער... איר האָט באַדאַרפט זען די וואָרצלען. אַ בוים, אַ דאָמב האָט זיכער נישט אַזעלכע וואָרצלען.

אמת, דאָס איז טאַקע נישט געווען דער צאָן וואָס האָט וויי געטאָן, נאָר אַ צווייטער און אין דעם אַרויסגעריסענעם האָט ער נאָר געפילט אַ ווידערוויטאָג. אָבער דאָס איז שוין נישט וויכטיק. וויכטיק איז, אַז אַמאָל איז מען זיך גאַנץ גוט באַגאַנגען אָן דאָקטוירימלעך אין ווייסע פאַרטוכער, אָן די געלט־זויגערס. ווייל מיכל און די איבעריקע האָבן פאַר זייער אַרבעט קיין צעבראָכענעם גראָשן נישט פאַרלאַנגט. עס וואָלט זיי גאָרנישט איינ־געפאַלן צו בעטן אַזאַ זאַך. מענטשן זענען נאָך געווען מענטשן און האָבן געלעבט פון מעשים־טובים, געטראַכט אַמאָל פון עולם־הבא, פון אַ מצווהלע, געגאַנגען אין פייער אַריין אַבי צו העלפן אַ חבר, אַ גוטן ברודער אָדער סתם אַ פריינט. נישט געדינט דעם עגל־הזהב, ווי מען טוט דאָס היינט.

ווען אַ היינטיקער צאָן־דאָקטאָר וואָלט באַדאַרפט אַרויסשלעפּן אַזאַ צאָן ווי בעריש האָט געהאַט, וואָלטן זיי אים בדיל־הדל געמאַכט, די בעבעכעס וואָלטן זיי ביי אים אַרויסגעצויגן און וואָס מיינט איר, אַז תמיד ציען זיי אַרויס דעם ריכטיקן צאָן? ווייס איך וואָס! לאַכט זיך אויס פון זייערע ווייסע שירצן, פון זייערע „רענטגענס" און אַנדערע אולטראַ־מאָדערנע מאַשינען. היינט אַז איר קומט צו אַזאַ איינעם — טאָרט איר דאָס מויל נישט עפענען. כאָטש לאָז אים אַרויסציען אַ צאָן דורכן אויער... ערשט נעכטן, הערט איר, האָט מען מיר אַרויסגעריסן אַ צאָן, אַ פּיצל צאָן, האָב איך געמיינט אַז איך שפּרינג פון דער הויט. צען פונט האָב איך אים געמוזט באַצאָלן. איך בין אַהיימגעקומען אַ טויטער. אַ האַלבע נאַכט בין איך אָפּגעלעגן ווי אַ קלאָץ, ווי אַ בר־מינן. אינדרויסן איז געווען אַ חאַמסין — כאָטש נעם פון זיך די הויט אַראָפּ. איך בין געלעגן, זייט מוחל, אַ האַלב נאַקעטער און גע־מיינט אַז איך ווער דערשטיקט. דער שוויס איז געגאַנגען שטראָמענווייז. זאָגט מיין ווייב: „מען דאַרף עפענען אַ פענצטער". זאָג איך: „עפן!" האָט זי געעפנט און איך האָב גלייך אויפן אָרט געכאַפּט אַ פאַרקילונג. געהערט אַ מעשה: כאַפּן אַ פאַרקילונג ווען אינדרויסן איז אַזאַ פייער, אַזאַ חמימה. און דאָס איז ביי מיר נישט דאָס ערשטע מאָל. ווען עס איז אַ חאַמסין — קיל איך זיך צו און כאַפּ אַ קאַטאַר. איצט דרייט זיך מיר דער קאָפּ, ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף רעדער. קוים וואָס איך שטיי אויף די פיס. איך וויל טאַקע צולויפן צום דאָקטאָר אין „קופת־חולים". אפשר וועט ער מיר געבן עפּעס אַ שמירעוואַניע, כאָטש איך ווייס פון פאָרויס, אַז עס וועט מיר העלפן ווי זאַלץ צו אַ פאַרברענטן טשאָלנט. נאָר פאַרוואָס זאָל איך טאַקע נישט גיין, אַז קיין געלט קאָסט עס במילא נישט. טאָ פאַרוואָס זאָל איך אומזיסט ליידן? האָט זשע מיר אַ גוטן! האַ — אַ — פּטשיק!!!

זיין לעצט וואָרט

זייער הויכע גערעכטיקייט!

אויף דער היינטיקער „בליץ־פּאַרהאַנדלונג“ האָב איך געוואַרט גאַנצע ניין חדשים. דורך דער צייט האָב איך געקענט שטאַרבן און ווידעראַמאָל געבוירן ווערן. די אַקטן זענען שוין זיכער באַוואַקסן מיט פּעניצילין... דאָס הייסט — מיט שימל. איך בין דורך דער צייט נישט יינגער געוואָרן. אין תפיסה בין איך אָבער געוואָרן מענלעכער, צוגעוווינט זיך צו אַלע צרות, צו אַלע ליידן וואָס דערוואַרטן אַן אַרעסטאַנט, אפילו ביי אונדז — אין די יידישע תפיסות: איך האָב געגעסן — שטייענדיק, געשלאָפן — הענגענדיק, געשטאַנען — זיצנדיק און געטאַפּט אַ וואַנט. ווייל דאָס ערגסטע פּאָר אַ מענטש פון מיין קאָנדיציע און מענטאַליטעט איז זיצן ניין חדשים, וואַרטן אויף אַ פּראָצעס און דערווייל אויסגיין נאָך אַ זופּ משקה. איך בין טאַקע נישט קיין גוי, אָבער איך האָב ליב דעם ביטערן טראָפּן פון וועלכן עס ווערט זיס אין אַלע ביינער... דערמיט, זעט איר, גערעכט איך אַריין אין מיין גאַטזעליקן טאַטן, די ערד זאָל אים נישט קוועטשן... ער האָט אויך ליב געהאַט דאָס, וואָס איך האָב נישט פיינט... צוליב זיין ליבע צום גלעזל, האָב איך טאַקע דערזען די לינ׳טיקע וועלט...

געבוירן געוואָרן בין איך אין מיין טאַטנס דריטן האָניק־חודש. גע־דאַרפט האָב איך קומען אַביסעלע שפּעטער, נאָר איך בין פון דער נאַטור אַ נערוועזער און האָב קיינמאָל נישט קיין געדולד צו וואַרטן...

ריכטער: באַשולדיקטער! די אַלע איינצלהייטן אינטע־רעסירן אונדז נישט. איך בעט ריידן צו דער זאַך. איר זענט באַשולדיקט אין אַריינרייסן זיך אין אַ פרעמדער וווינונג; אין אומזיטלעכער האַנדלונג לגבי דער באַלעבאָסטע, שרה פויגלקאָפּ; אין צעשלאָגן איר מאַן אַנשל און אין שטערן די עפנטלעכע רו. וואָס קענט איר זאָגן וועגן דעם?

באַשולדיקטער: אַז די הויכע גערעכטיקייט כאַפּט די פיש פאַר דער נעז, קאָן איך דאָך נישט רעדן צו דער זאַך... שטערט־זשע מיר נישט,

וועל איך אייך דערציילן אַלץ גענוי, מיט די סאַמע קלענסטע איינצלהייטן: געווען איז עס אַרום צען־עלף אַ זייגער אין אָוונט. גענוי געדענק איך נישט, ווייל אַ פאַרשיכורטער מוח נעמט נישט אויף אַזעלכע איינצלהייטן. פאַר אַ פאַרשיכורטן מוח און פאַר פאַרליבטע, עקזיסטירט בכלל נישט קיין זייגער... כ׳געדענק אויך נישט, צוליב דער זעלבער סיבה, וואָסער טאָג דאָס איז געווען. די אַלע איינצלהייטן זענען פאַרשריבן ביי אייך און איך פאַרלאָז זיך אינגאַנצן אויף דעם פאַרשריבענעם...

איך בין דאַן געווען ביי געצלען. מיינס אַ גוטער חבר. פונקט דעם טאָג האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט צו טרינקען אַ כוסה: עס האָט גע־פלאַצט דער כאַמסין. האָבן מיר טאַקע באַגאָסן די היסטאָרישע געשעעניש... שפּעטער האָבן מיר געטרונקען פאַרן געזונט פון אַלע געפּלאַצטע כאַמסינען, פאַר דער איצטיקער קאָאַליציע, אָפּאָזיציע, פאַרן געזונט פון קופּת־חולים, פאַר דער חברה־קדישא און פאַר נאָך עטלעכע וויכטיקע אינסטיטוציעס... אויסגעליידיקט דאָס פלעשל, האָב איך באַשלאָסן אַהיימפאָרן צו דער הייס־געליבטער מאַמע פון מיינע פיר ווערעם...

מיין חבר געצל האָט מיך אַביסל אונטערגעפירט, נאָר אויפן וועג האָט ער געכאַפּט אַ דרימל און איינגעשלאָפן אין די אָרעמס פון אַ באַקאַנטן טעלעפאָן־סלופּ... איך האָב באַשלאָסן אים נישט וועקן און בין, מיט גאָטס־הילף, אַליין אָנגעקומען צו דער צענטראַלער אויטאָבוסן־סטאַציע.

וווינען וווין איך אין „עמידר", נעבן רמת־יצחק. איך ווייס גענוי, אַז אַהין גייט דער 60־ער. נאָר גיי דערקען אַ 60־ער, אַז ביי מיר אין קאָפּ שווימט 95־ער...

וואָלטן אַהין געגאַנגען גרינע אויטאָבוסן און קיין הדר־יוסף — רויטע, וואָלט איך אפשר נישט געהאַט קיין טעות. נאָר אַזוי ווי אַלע הינט, דאָס הייסט: אַלע אויטאָבוסן, האָבן איין פּנים, בין איך טאַקע, לויט אייערע רייד, פאַרקראָכן אין דעם 22־ער, וואָס פאָרט קיין הדר־יוסף...

וואָלטן כאָטש די שכונות „עמידר" נישט געווען ענלעך איינע צו דער אַנדערער, וואָלט איך אפשר דערקענט אַז איך האָב פאַרבלאָנדזשעט. זענען זיי דאָך, פונקט ווי די אויטאָבוסן, ענלעך איינע צו די אַנדערע... די זעלבע הייזער, די זעלבע זאַמדן, די זעלבע בערג מיסט... טאָ גיי זיי אַ חכם און דערקען ווו דו ביסט, אַז געווען איז עס שפּעט אין אָוונט, פאַר אַ שטראַל ליכט קען מען זיך ממש אויסציען, און אין קאָפּ איז מיר אַ קאַפּינקע קאָלאָמוטנע...

בין איך געגאַנגען צו דער ערשטער זאַמד־גאַס, פאַרקירעוועט אויף רעכטס, אָפּגעציילט פינף הייזער און געוואָלט אַריין. ערשט איך זע, אַז פאַרן הויז שטייט אַ בוים... טראַכט איך זיך: ווי קומט אַ בוים אין שכונת „עמידר״? „ניין״, טראַכט איך זיך, „געמוזט האָבן אַ טעות אין ציילן!״ בין איך צוריק אַרויס אויפן הויפּט־וועג און גענומען ציילן פון אָנהויב: איינס, צוויי, דריי... פּלוצלונג דערפיל איך אַ באַקאַנטן ריח... איך בין געוועזן זיכער, אַז אַזאַ נישט־געהויבענער גערוך איז פאַראַן נאָר אין אונדזער „עמידר״. גיי זיי אַ חכם, אַז אין אַנדערע שכונות פון דער געזעלשאַפט „עמידר״, טראָגן זיך אויך די זעלבע ריחות...

איך בין אַריין אין דעם הויז ווו ס׳האָט זיך אַמערסטן געשפּירט, ווייל אין אַזאַ הויז, טראַכט איך מיר, מוז וווינען מיין ווייב וועלכע איז אַ גאָלדענע באַלעבאָסטע...

איך האָב זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן ערשטן שטאָק און אָנגעקלאַפּט אין דער לינקער טיר. כ׳האָב געקלאַפּט שטיל, ווייל מיין טייער ווייבעלע איז שטאַרק בייז ווען מען וועקט זי...

מיטאַמאָל האָב איך דערהערט טריט. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, האָב איך זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, ווייל בעתן עפענען די טיר קאָן מיר אַנטקעגנקומען אַ פליענדיקער טעלער, אָדער אַן אַלומיניום־טאָפּ. איך ווייס נישט געננוי ווי די זיי טויגן צום קאָכן, נאָר עפנען אַ שיכורן קאָפּ — קענען זיי זיכער!...

אָבער דאָסמאָל איז גאָרנישט געפלויגן. איך האָב נאָר דערהערט דאָס פאַרשלאָפענע קול פון דער טיר־עפנערין: „צינד נישט אָן די ליכט, וועסט אויפוועקן דאָס קינד״.

די ליכט האָב איך נישט אָנגעצונדן, נאָר כ׳האָב נישט געקאָנט פאַר־שטיין פאַרוואָס זי האָט געזאָגט: „דאָס קינד״ און נישט: „די קינדער״, ווייל האָבן האָב איך דאָך פיר קינדער, וואָס שלאָפן תמיד אין איין צימער אויף צוויי בעטן...

נאָר גיי פאַרנעם זיך מיט גראַמאַטיקע, אַז דאָ איז שפּעט, דער קאָפּ קריכט אַליין אין בעט אַריין און אַרום איז פינצטער — כאַטש נעם זיך אַן אויג אַרויס...

דערווייל האָב איך זיך שטיל אויסגעטאָן, קוים געטראָפן אין בעט אַריין, ווייל מיין יידענע, האָב איך געטראַכט, האָט בייטאָג געמוזט איבער־

שטעלן דאָס מעבל. נאָר גיי טראַכט וועגן מעבל, אַז דאָ דערנעבן ליגט מיין ווייבעלע, מיין אויג אין קאָפּ און כראָפּעט ווי אַ טייבעלע...

האָב איך טאַקע נישט געטראַכט וועגן מעבל און אַפילו נישט וועגן די גראַמאַטישע כללים: דאָס קינד — די קינדער...

— — — — — — — — — — — — —

נאָך אַלעמען... בין איך איינגעשלאָפן ווי אַ טויטער.

אויפגעוועקט האָט מיך אַ פּלאָם צווישן די אויגן. איך האָב געפילט אַז איך פלי! אָט ליג איך, אָט פלי איך, אָט הענג איך אין דער לופטן ווי אַ העליקאָפּטער!...

אין שטוב איז געווען ליכטיק. אַ פרעמדער מאַנספּאַרשוין האָט זיך געלערנט באָקסן אויף מיר. „מיין ווייב" האָט געוואָלדעוועט אונטער דער דעק, אַ קינד האָט געוויינט, און איך בין געווען אויף געהאַקטע צרות... אַממערסטן האָט מיך אָבער דענערווירט וואָס אַ פרעמדער האָט זיך אַריינגעריסן אין מיין וווינונג, געמאַכט אַ טאַראַראַם, איבערגעריסן מיר דעם בעסטן שלאָף און אויספּרובירט זיינע פויסטן אויף מיר!

איך האָב גלייך פאַרשטאַנען אַז דאָס מוז זיין אָדער אַ גנב, אָדער אַ שיכור, אָדער סתם אַ משוגענער...

נישט לאַנג געטראַכט, האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים, אָנגעכאַפּט אים פאַרן קאָלנער און אַראָפּגעשליידערט פון אַלע טרעפּ. אַלס צולאָג האָב איך אים נאָכגעוואָרפן אַ קינדער־וועגעלע וואָס איז מיר געקומען אונטער דער האַנט און באַשלאָסן צו פאַרענדיקן, דעם אַזוי־ברוטאַל איבערגעריסענעם שלאָף...

זייער הויכער ריכטער!

איר וועט דאָך זיכער מסכים זיין, אַז נישט איך בין דער שולדיקער אין דעם גאַנצן פּלאָנטער. שולדיק זענען די אויטאָבוסן פון איין קאָליר, די זעלבע שאָפערן, מיט דער זעלבער, משטיינסגעזאָגט, העפלעכקייט. וואָלטן זיי זיך געפרעגט וווהין איך דאַרף פאָרן, וואָלט איך דאָך נישט פאַרשלעפּט געוואָרן קיין הדר־יוסף!

שולדיק איז אויך די געזעלשאַפט „עמידר" וואָס בויט איבעראַל די זעלבע הייזער, אָן געפלאַסטערטע וועגן און אָן ליכט אויף די גאַסן...

און צום סוף: וואָס בין איך, הער ריכטער, שולדיק, אַז ביינאַכט האָבן אַלע ווייבער — איין פּנים?...

איך האָב געענדיקט!

די פייערלעכע דערעפענונג

דער פּלאַץ האָט געווימלט מיט מענטשן. אויף אַ צייטווייליק אויפֿגעשטעלטער טריבונע איז געזעסן דער בירגערמייסטער, זיינע פינף „וויצעס" (כן ירבו), זייערע פרויען און סתם אָנגעזעענע געסט.

אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדעט צו דער טריבונע. פּינקטלעך דרייפערטל שעה נאָכן באַשטימטן טערמין האָט זיך אָנגעהויבן די פייערונג.

— „בירגער! אזרחי תל־אביב און אומגעגנט!" — האָט אָנגעהויבן דער בירגערמייסטער — „צוויי טויזנט יאָר האָבן מיר געוואַרט אויף דעם פריידיקן מאָמענט. נאָך צוויי טויזנט יאָר איז אונדז ענדלעך געלונגען צו באַשיינען אונדזער תל־אביב, די ערשטע העברעיִשע שטאָט אין דער וועלט, מיט אַ נייעם, עפנטלעכן „פּיסואַר". אַוועק די צייטן ווען תל־אביבער איינוווינער האָבן געקאַנט פּלאַצן אויף די גאַסן פון אונדזער שטאָט נישט האָבנדיק ווו אַויסצוגיסן זייער ביטער האַרץ!...

נישט לייכט איז אונדז אָנגעקומען אויפצובויען דעם טעכנישפאַרפולקאָמטן, היגיענישן אַנשטאַלט. עס האָבן זיך געפונען איינוווינער און קודם־כל די יעניקע וועלכע וווינען דאָ אין דער סביבה, וואָס האָבן אין זייער עגאָיסטישער אייגנליבע נישט געוואָלט פאַרשטיין די גרויסע, אויסעראָרדנטלעכע אויפגאַבע וואָס אַזאַ אַנשטאַלט דאַרף דערפילן אין גרויען, טאָג־טעגלעכן לעבן פון אונדזערע בירגער. פאַר די־אָ עגאָיסטן זענען די אינטערעסן פון ר' ישראל אַ סך נענטער און טייערער ווי די אינטערעסן פון כלל־ישראל. דאָס אייגענע העמד איז זיי נענטער צום אייגענעם לייב!

אָבער מיר זענען געווען אין אַ פאַרקערטער מיינונג און פאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן ווי תמיד, אונדזער ווילן דורכגעפירט!

פונקט ווי ביז איצט, וועלן מיר אויך ווייטער נישט הערן וואָס אומדערצויגענע בירגער רעדן. מיר וועלן אויך אין דער צוקונפט האַנדלען לויט אונדזער געוויסן, שכל און ווילן!

מיר וועלן אויך ווייטער האַנדלען אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן פון אונדזערע איינוווינער. מיר פאָדערן דערפאַר נישט קיין דאַנק. מיר ווילן נישט קיין לאָרבער־קרענץ. דאָס איז אונדזער אויפגאַבע, אונדזער הייליקע פליכט לגבי אייך און לגבי די צוקונפטיקע דורות. מיר זענען אויסגעקליבן געוואָרן פון אייך. מיר האָבן באַקומען אייער צוטרוי, מיר, אייערע פאַר־שטייער, טראַכטן וועגן אייך און דינען אייערע אינטערעסן. מיר טוען אַלץ כדי אייך צו פאַרלייכטערן דאָס לעבן און דערפאַר זאָגן מיר אייך צו, ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט, אַז אין דער נאָענסטער צוקונפט וועלן מיר באַצירן אונדזער שטאָט מיט אַ סך אַזעלכע פּרעכטיקע און נויטיקע „טואַלעטן".

איך באַגריס אייך היינט, מיטן עפענען די נייע, פיזיאָלאָגישע אינ־סטיטוציע און ווינטש אייך אַז איר זאָלט עס פאַרנוצן געזונטערהייט!"

אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן האָט פאַרטויבט דעם גאַנצן אַרום. באַ־גייסטערטע „הוררראַ"־געשרייען האָבן זיך אַ טראָג געטאָן איבער די רוי־שיקע גאַסן פון תּל־אביב און זיך געקייקלט צו די פאַרשטעט, אָנפילנדיק מיט פרייד און שטאָלץ די איינוווינער פון די האַלב־חרובע, אַראַבישע הייזקעס און הילצערנע באַראַקן.

מיט דראָבנע, געמאָסטענע טריטעלעך, איז דער בירגערמייסטער אַראָפּ פון דער טריבונע. עמעצער האָט אים דערלאַנגט אַ גרויסע, ניקלנע שער מיט וועלכער ער האָט דורכגעשניטן די וויס־בלויע באַנד.

דער אָרקעסטער פון די שטאָטישע פייערלעשער האָט אָפּגעשפּילט דעם הימן. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט איבערן פּלאַץ. אַלע זענען געשטאַנען אויסגעצויגן ווי סטרונעס, ניט רירנדיק זיך פונעם אָרט.

נאָכן פאַרענדיקן דעם הימן איז דער בירגערמייסטער, מיט זיינע פינף וויצע־בירגערמייסטערס, אַריין אין דעם טייל וואָס איז געווען באַ־צייכנט: „פאַר מענער" און זייערע פרויען זענען אַריין אין דעם צווייטן טייל, „פאַר ליידיס".

נאָך זיי האָט זיך נאָכגעשטופּט אַן עולם פון מענער, פרויען און קינדער, וועלכע האָבן אין געציילטע מינוטן אויסגעפּילטביידע טיילן פונעם אַנשטאַלט, וועלנדיק זיין עדות פון דער גרויסער היסטאָרישער גע־שעעניש: דאָס באַנייען דורך אַזעלכע הויכגעשטעלטע לייט, די ערשטע מאָדערנע, עפנטלעכע אובּיקאַציע אין תּל־אביב.

— לאָזט אונדז אַריין!!! — האָבן די מאַסן אינדרויסן געשטור־רעמט — לאָזט אונדז אויך כאַפּן אַ בליק!

קיינער האָט זיך אָבער נישט צוגעהערט צו די דאָזיקע געשרייען. קיינער האָט נישט געוואָלט מוותר זיין פון צוזען די אייגנאַרטיקע, אָריגי־נעלע צערעמאָניע.

אַ שאָד נאָר, וואָס דער געדיכטער עולם האָט נישט צוגעלאָזן די פאָטאָ־רעפּאָרטערן מאַכן עטלעכע בילדער. אפשר וועט עס זיי געלינגען ביי אַ צווייטע געלעגנהייט...

אויף דער קאַרנאַוואַל־עדלידע

אויף דער עדלידע זענט איר געווען? איך אויך. נאָר געזען האָב איך גאָרנישט. מען האָט מיך נישט געלאָזן זען. מען האָט מיך פּשוט געצוווּנגען נישט צו זען!

און געווען איז עס אַזוי:

כ׳בין געקומען קיין תל־אביב. אויסגעזוכט זיך אַן אָרט און גענומען וואַרטן. ביידע זענען מיר געשטאַנען — איך און מיין זון יאָסל. וואָס לענגער מיר זענען געשטאַנען, אַלץ ענגער איז געוואָרן. אַלע האָבן זיך געשטופּט דווקא אַהערצו. קורץ פאַרן אָנהייב פון דער עדלידע איז געוואָרן אַזוי ענג אַז כ׳האָב זיך פּשוט אָנגעהויבן שטיקן.

— יוספל, — רוף איך מיין זון — ווו ביסטו?

— דאָ, טאַטע! — הער איך זיין פאַרשטיקט קול אונטער מיינע פּלייצעס.

— יוסי, קום, לאָמיר אַרויס פון דעם גיהנום!

— כ׳וויל, טאַטע, נאָר איך קען נישט!...

מיט איבערמענטשלעכע כוחות האָט זיך מיר איינגעגעבן אויסצודרייען צו אים — און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אומגליק.

— אַדוני, אפשר הערט איר זיך אויף צו דרייען? — שרייט מען צו מיר.

— רבותי, — בעט איך זיך, — איך וויל אַרויס!...

— שטייט אויף אַן אָרט! איר זעט דאָך אַז מען קען זיך נישט רירן!

— לאָזט מיך אַרויס!

— ווער האָט אייך געהייסן אַריין? איצט שטייט שוין, ביז די עדלידע וועט אַדורך...

— טאָ לאָזט מיך כאָטש צוריק אויסדרייען זיך מיטן פּנים צו דער גאַס!

— אויך מיר אַ פּנים... שטייט גלייך זאָגט מען אייך!

— יידן האָט רחמנות, — בעט איך זיך — איך וועל דאָך גאָרנישט זען!

— נישטאָ וואָס צו זען! שטייט גלייך און הערט זיך אויף צו דרייען! וואָס איז אין אייך אַריין — אַ דיבוק?

כ׳האָב זיך אויפגעהערט צו דרייען. אַ ברירה האָב איך געהאַט?

אונטער די פּלייצעס האָב איך געהערט שפּילן אַן אָרקעסטער, פרייי־לעכע געשרייען: „אָט איז המן! אָט איז אסתר המלכה! אָט איז יצחק פון שכונת־התקווה...״

אַזוי איז אַדורך די גאַנצע עדלידע. כ׳האָב דערפילט אַז זי איז אַדורך, ווייל פּלוצים האָט מען מיך גענומען טראָגן.

— יוסי, ווו ביסטו!?

— כ׳בין דאָ טאַטע! וווהין טראָגט מען אונדז?

— כ׳זאָל אַזוי ויסן פון מיינע שונאימס קעפּ!

— טאַטע, מען טראָגט אונדז צום ים!

— יאָסעלע, שווימען קענסטו?

— ניין, טאַטע!

— און קדיש זאָגן קענסטו?

— אויך נישט, טאַטע, כ׳האָב נאָך קיין איינמאָל נישט געזאָגט...

— אויב אַזוי, מיין זון, איז אַ קלאָג צו אונדזערע ביידנס קעפּ...

מען האָט אונדז אָבער נישט געצווונגען קריכן אין ים אַריין. עטלעכע מעטער פאַרן ים־ברעג איז געוואָרן אַ ביסל שיטערער און מיר האָבן פּלוצים דערפילט דעם האַרטן באָדן אונטער די פיס.

איך האָב אַ כאַפּ געטאָן מיין זונעלע, אַריין אין דער הירקון־גאַס, פון דאָרט דורך דער ירדן־גאַס אַרויס אויף בן־יהודה.

— ווו שטייט דער 63־קער? — האָב איך אַ פרעג געטאָן אַ פּאָ־ליציאַנט.

— אויף בוגראַשאָוו. — האָט ער געענטפערט.

געקומען אויף בוגראַשאָוו — אַ ים מיט מענטשן!

— קום יוסי, — זאָג איך — לאָמיר לויפן צום דיזנגאָף־פּלאַץ. דאָרט וועלן מיר פּאַקן דעם 61־קער.

— געקומען אַהין, אַן „אָטשערעד״ — מען זעט נישט קיין אָנהייב און קיין סוף. די ריי שלענגלט זיך אַריין אין דער ריינעס־גאַס, פון דאָרט — אין דער אָרלאָזאָראָוו...

— טאַטע, — פֿאַרהאַלט מיך מײַן זון — מיר זענען דאָך שוין באַלד אין רמת־גן...

— אַזוי? טאָ קום־זשע צוריק! מיר װעלן דאָך נישט אַהײמגײן צופֿוס...

— אָבער ס׳איז דאָך שוין נישט װײַט.

— איך האָב נישט קײן כּוח צו גײן צופֿוס. קום צוריק קײן תּל־אָבֿיבֿ...

מיט כלערליי קונצן האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן אַרײַנצושמוקלען אין אָנהייב פֿון דער ריי. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז געקומען אַ פֿולער אויטאָבוס. ווידער האָט מען אונדז אָנגעהויבן שטופּן, שפּאַרן, קוועטשן, טראָגן אויף די הענט. אַט־אַט און מען מאַכט פֿון אונדז אַ פֿאַלאַפֿעל...

מײַן מאַנטל מיטן לינקן פֿוס זענען שוין געווען אין אויטאָבוס. מײַן רעכטער פֿוס איז געשטאַנען אינדרויסן און אויף אים — אַ קײלעכדיקע יידענע.

— גבֿרת, — שריי איך — קריכט אַראָפּ פֿון פֿוס!

— וואָס מיר פֿוס, ווען מיר פֿוס? איר זעט דאָך אַז מען קען זיך נישט קיין ריר טאָן!

ווער הייסט אייך רירן, אָבער קריכט אַראָפּ פֿון פֿוס! איך קאָן דאָך נישט אַרײַנקומען מיט איין פֿוס!

— קריכט שוין אַרײַן! — שרייט מען צו מיר פֿון אַלע זײַטן.

— איך קען נישט! איין פֿוס האָב איך געלאָזן אינדרויסן!

— טאָ נעמט דעם ערשטן בעסטן און קריכט אַרײַן!

— וואָס הייסט, דעם ערשטן בעסטן? דער ערשטער בעסטער איז דאָך גאָר אַ דאַמען־פֿוס! צו דעם איז ער נאָך קורצער אויך!

— אַדון, קריכט אַרײַן! דערנאָך וועט איר אים שוין איבערבײַטן!

— טאַטע, שרייט מײַן זון — ווו האָסטו דעם פֿוס?

— כ׳ווייס נישט! געבליבן ערגעץ אינדרויסן!

צום סוף האָבן עטלעכע געזונטע מענער אונטערגעהויבן די יידענע; כ׳האָב באַפֿרייט מײַן פֿוס און אַרײַן אין אויטאָ.

אַהיימגעפֿאָרן זענען מיר מיט דער געשווינדיקייט פֿון צוויי שעה אַ קילאָמעטער. אָבער גאָט זײַן דאַנק — מיר זענען אָנגעקומען נאָך דעם זעלבן טאָג. טאַקע אָן קנעפּלעך און אָן זײַטן, אָבער אָנגעקומען זענען מיר און כ׳מוז אייך זאָגן, אַז עס איז געווען כּדאַי. אַזאַ פּורים־עדלידע קאָן מען זען נאָר איינמאָל אין אַ יובֿל...

דער מיליטערישער פּאַראַד

הימל, ערד און מענטשן. אַ ים פון מענטשן. ווי מוראַשקעס האָבן זיי באַליגט די גאַסן דורך וועלכע דער פּאַראַד האָט געדאַרפט אַדורכגיין. מענטשן אויף די טאַראַסן, דעכער, טעלעפאָן־סלופּעס, מענטשן אויף מענטשן ; אַ פּאַליענדיקער שטראָם פון אַלערליי קאָלירן, שפּראַכן ; קעפּ אויף קעפּ ; קעפּ מיט לאַנגע האָר און קורצע, מיט רויטע און בלאָנדע, שוואַרצע און גרויע, קעפּ אינגאַנצן אָן האָר, פּליכן וואָס שיינען העל, ווי די זון אַליין...

הונדערטער מענטשן, גאַנצע משפּחות, זענען געשלאָפן אויף דער גאַס וועלנדיק אינדערפרי זוכה זיין צו אַ בעסערן פּלאַץ.

9.50 איז אָנגעקומען דער שעף פונעם גענעראַל־שטאַב.

9.55 — דער פּרעמיער און זיכערהייטס־מיניסטער.

9.58 האָט זיך באַוויזן דער מלוכה־פּרעזידענט אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי.

10.00 בין איך אָנגעקומען אין דער באַגלייטונג פון מיין פעטער איטשע.

דער עולם האָט באַגייסטערט אַפּלאָדירט. איך האָב זיך עלעגאַנט פאַרנייגט, נאָר קיינער האָט עס נישט באַמערקט ווייל אַלעמענס קעפּ זענען געווען פאַריסן צום הימל, וווּ עס האָבן זיך דורכגעטראָגן מיט אַ שרעק־לעכן רעש, „מיסטערס", „סופּער־מיסטערס" און אַנדערע דזשענטעלמענער.

נאָך זיי האָבן זיך געיאָגט הוראַגאַנען, מעטעאָרן און אַנדערע קאָס־מישע באַשעפענישן. פיר העליקאָפּטערס האָבן זיך ווייזט אויס אין עפּעס פאַרטשעפּעט, ווייל זיי זענען פּלוצים געבליבן הענגען אינדערלופטן.

דער לופט־פּאַראַד האָט זיך פאַרענדיקט. קיין איינער פון די איבער הונדערט אַעראָפּלאַנען איז נישט אַראָפּגעפאַלן, דערפאַר אָבער איז גרשון פּלייער, פון ראשון־לציון, אַראָפּגעפאַלן פון אַ הויכן בוים. ער האָט געהאַט מזל וואָס אונטערן בוים איז געזעסן שפּרינצע האַראָוויטש פון בני־ברק. גרשון פּלייער איז אָפּגעקומען מיט אַ ביסעלע שרעק. שפּרינצע האַראָוויטש־סיראָטקע איז דורכן רויטן מגן־דוד אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל אַריין.

דערווייל זענען אָנגעקומען די טאַנקן. צוערשט שווערע „שערמאַנס״; דאַן — לייכטערע טאַנקן און נאָך זיי — בעקע קליינמאַן פון בראָנקס, (מיטעלע וואָג) וואָס האָט נישט געקענט געפינען איר אָרט אויף דער טריבונע פאַר אויסלענדישע געסט...

איצט זענען אַדורך לייכטע, מיטעלע און שווערע האַרמאַטן. די זון האָט געבראָטן אומברחמנותדיק. די סאָלדאַטן האָבן זיך געטובלט אין אייגענעם שוויס. איך האָב זיך צוגעקלעפּט צו אַ דיקער יידענע. מיט דער פריינטלעכער הילף פון צוויי „סופער־שערמאַנס״, וועלכע זענען געפאָרן אין צוויי באַזונדערע ריכטונגען, האָט מען אונדז אָפּגעטיילט איינעם פון דעם אַנדערן.

אויך די פוסגייער זענען אַדורך און איך האָב זיך געלאָזן זוכן מיין פעטער איטשע. איך האָב אים געפונען זיצן אויף די פּלייצעס פון אַ יינגן קיבוצניק. אין די אָרעמס האָט ער געהאַלטן אַ זעקס־יעריק יינגעלע וואָס האָט פאַרלוירן די עלטערן.

— גיט עס מיר! — האָט זיך ביי אים געבעטן אַ פרוי — איך האָב עלף, וועל איך האָבן נאָך איינס.

מיין פעטער איטשע האָט עס גערן אָפּגעגעבן. איך בין צו צו אים און אין דעם זעלבן מאָמענט בין איך אָפּגעגאָסן געוואָרן פון קאָפּ ביז די פיס. דאָס איז מיין פעטער איטשע צעגאַנגען ווי פּוטער אויף דער זון.

גלייך נאָכן פאַראַד זענען די הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן אַוועק אין פאַרקערטן סדר ווי זיי זענען געקומען. אויך איך בין אַוועק מיט מיין צעשמאָלצענעם פעטער איטשע, וועלכן כ׳האָב געמוזט, גלייך נאָכן אַהיימ־קומען, אַריינלייגן אין עלעקטרישן אייז־קאַסטן ער זאָל, חלילה, נישט קאַליע ווערן...

אַ סוכה מיט הענט און פיס

ערב סוכות איז מיין קליינוואַרג געקומען צו לויפן מיט אַ טענה:

— טאַטע, אַלע שלעפּן ברעטער, אַלע ברעכן ביימער צו באַדעקן די סוכות, נאָר דו טוסט גאָרנישט! פאַרוואָס זאָלן מיר נישט זיין אַזוי ווי אַלע? פאַרוואָס מאַכסטו אונדז קיינמאָל נישט קיין סוכה?

דערהערט אַזעלכע טענות, האָב איך זיך געטראַכט: — די ממזרים זענען טאַקע גערעכט. פאַרוואָס זאָלן זיי טאַקע זיין ערגער פון אַנדערע? פאַרוואָס זאָלן זיי נישט עסן ווי אַלע, אין אַ סוכה?

האָב איך טאַקע באַשלאָסן אויפשטעלן אַ סוכה וואָס אַ סוכה איז טייטש. ווייל וויסן מוזט איר, אַז קיין גרויסער מאַכער בין איך נישט. נאָר אַז איך נעם זיך שוין אַמאָל צו עפּעס, האָב איך ליב עס זאָל האָבן הענט און פיס. דעריבער טאַקע האָב איך באַשלאָסן, אַז מיין סוכה מוז זיין אַ פעסטע, אַ שטאַנדהאַפטיקע, אַ סטאַבילע.

ווייל וואָס פאַראַ פאַרגעניגן קען האָבן אַ מענטש, וואָס זיצט אין אַ סוכה פון עטלעכע פאַרפוילטע ברעטלעך, מיט אָפּגעוועלקטע צווייגלעך איבערן קאָפּ? זאָל קומען דער קלענסטער ווינט — איז אויס סוכה, אויס עסן, אויס יום־טוב! זאָל אַראָפּפאַלן אַ קליין רעגנדל — טרעפט עס דיר גלייך אין טעלער אַריין.

האָב איך געקויפט אַ זאַק צעמענט, געלייגט אַ פונדאַמענט; געבראַכט אַ פור מיט ציגל און אויפגעבויט אַ סוכה — אַז עס איז געווען אַ מחייה צו קוקן. כ׳האָב געמאַכט אַ ווענעציאַנער פענצטערל, אַ געננג ברייטע טיר, דאָס דעכל איז געווען אַ סאָלידס — פון אַזבעסט־פּלאַטן; מיט איין וואָרט: — אַ סוכה מיט הענט און פיס. אַ סוכה — וואָס דער גרעסטער גביר וואָלט זיך נישט פאַרשעמט צו עסן אין איר.

האָבן מיר דאָך אָבער צו טאָן מיט יידן, און יידן זענען דאָך געבוירענע נישט־פאַרגינערס. איינער דעם אַנדערן וואָלט דערטרונקען אין אַ לעפל וואַסער, (ווען דאָס וואַסער וואָלט אים נישט געווען אַ שאָד), איז טאַקע עמעצער פון זיי אַוועק ווו מען דאַרף, געזאָגט וואָס מען דאַרף און...

וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען: אַז כ׳האָב נאָר דערזען דעם פּקח, דעם שטאַטישן אינספּעקטאָר הייסט עס, איז מיר געוואָרן קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן. חושך איז מיר געוואָרן! כ׳האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז העלפן אויספּאַרטיקן די סוכה, איז ער זיכער נישט געקומען...

— איר האָט — פרעגט ער — אַ דערלויבעניש אויף בויען?

— פון ווען אָן — זאָג איך— דאַרף מען האָבן אַ דערלויבעניש אויף אויפשטעלן אַ סוכה?

— דאָס איז נישט קיין סוכה! — שרייט ער — דאָס איז אַ בנין!

— מיינע שונאים — זאָג איך — זאָלן נישט וווינען אין קיין שענערע בנינים! ווו האָט איר געזען אַ בנין — אָן אַ קוימען?

— און ווו, — צעשרייט ער זיך, אַז שכנים האָבן זיך געגומען צו־נויפלויפן ווי אויף אַ בייז ווונדער — ווו האָט איר ביי אונדז געזען בנינים מיט קוימענס?!

— שאַט, שאַט, — פּרוביר איך אים באַרואיקן — וואָס טויג אייך דאָס ליאַרמען? איר זענט גערעכט. איר זענט כשר גערעכט! טאַקע נישטאָ. נישטאָ קיין קוימענס... עס האָט זיך מיר אַרויסגעכאַפּט... אָבער איר זעט דאָך אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ סוכה...

— פון ווען אָן, — פרעגט ער — דאַרף אַ סוכה אַ פונדאַמענט?

— איך האָב פיינט — דערקלער איך אים —צו בויען שלעסער אינדערלופטן. איך האָב ליב אַז יעדער זאַך זאָל האָבן הענט און פיס! האָב איך שוין באַשלאָסן איינמאָל אויפשטעלן אַ סוכה, דאַרף זי זיין שטאַנד־האַפטיק, פעסט, אַז ס׳זאָל נישט רינען אויפן קאָפּ, אַז דער ווינט זאָל איבער מיר קיין שליטה נישט האָבן...

— און צו וואָס — פרעגט ער ווייטער — האָט איר געלייגט באַלאַטן?

— וואָס הייסט צו וואָס? פאַרוואָס זאָלן מיר דאַרפן טאַפּטשען אין דער בלאָטע?

— און צו וואָס די וואַסער־אינסטאַלאַציע, מיט דעם מאַרמאָר און די ווייסע שיסל אינמיטן?

— וואָס פרעגט איר עפּעס אַזעלכע קינדערשע פראַגן? — האָב איך זיך שוין אָנגעהויבן דענערווירן — איך האָב דאָך געבויט אַ סוכה אַז מען זאָל אין איר עסן! נו, ווייסט איר דען נישט, אַז פאַרן עסן און נאָכן עסן דאַרף מען וואַשן די הענט? זאָל איך אפשר צוליב דעם אַלעמאָל לויפן

אויפן דריטן שטאָק? נו, דאָס שטיקל מאַרמאָר? גאַנץ פשוט: ביז מיין ווייב וועט אַראָפּברענגען דאָס עסן, וועט עס זיכער ווערן קאַלט. (ווער קען זי נאָך אַזוי גוט ווי איך?) האָב איך געמאַכט אַ מאַרמאָר־פּלאַטע אויף אַוועקצושטעלן דאָס עלעקטרישע אייוועלע... עס זאָל זיין ווו אונטערצוואַרעמען די יום־טובדיקע מאכלים...

— דרייט נישט קיין קאָפּ! — האָט ער זיך צעשריגן — דאָס איז נישט קיין סוכה, נאָר אַ בנין!

— ניין, דאָס איז נישט קיין בנין, נאָר אַ סוכה, פּונקט ווי אַלע סוכות!

— אַלע סוכות צעלייגט מען נאָך סוכות און אייערע וועט איר נישט צעלייגן!

— אין וועלכן שולחן־ערוך שטייט דאָס געשריבן, אַז אַ סוכה מוז צעלייגט ווערן? צו וואָס זאָל איך צעלייגן און יעדערס מאָל בויען פונדאָסניי?

— אויב אַזוי, איז דאָס אַ סטאַבילער בנין!

— ניין, דאָס איז אַ סטאַבילע סוכה!

— אַ סוכה קאָנען נישט זיין סטאַביל! — שרייט ער.

— אפשר ביי אייך?! ביי מיר איז אַלץ סטאַביל! ביי מיר מוז אַלץ האָבן הענט און פיס!

— מען וועט אייך משפטן פאַר אומלעגאַלן בויען?

— פון ווען אָן, זענען סוכות אומלעגאַל?

— דאָס איז אַ בנין!

— אַ סוכה!

— אַ בנין!!

— אַ סוכה!!!

— אַ בנין!!!!

— אַ... שוואַרצער חלום צו מיינע שונאימס קעפּ! אָט האָסט דיר אַ סוכה אויף מיין קאָפּ. נאָר דאָס האָט מיר געפעלט צו מיינע צרות. נישט גענוג וואָס כ׳האָב אַרויסגעוואָרפן געלט אויף ציגל, צעמענט, וואַסער־רערן, עלעקטרישע אינסטאַלאַציע, אַ מאַרמאָר־פּלאַטע, אַ לאָדן מיט שויבן, פאַרהענגלעך, שטולן און אַ טיש — וועל איך נאָך איצט האָבן אַ משפט אויך! ווער ווייסט וויפל דאָס וועט מיך נאָך אָפּקאָסטן? געהערט אַז אין אַ יידיש לאַנד זאָל מען משפטן יידן פאַר אויסשטעלן אַ סוכה?

— אַ בנין!

— אַ סוכה!

— אַ בנין! און מען וועט אים צעלייגן אויך!!!

— אַ פּייג! דאָס זעט איר, וועט זיך אייך שוין נישט איינגעבן! איך קען אויך אַ ביסעלע דאָס געזעץ!

— וועלכעס געזעץ?

— דאָס טערקישע! אַז עס ליגט אַ דאַך קענט איר שוין שפּרינגען ביזן הימל!...

— וועלן מיר זען!

— וועלן מיר זען! געמיינט אַפּנים, אַז איר האָט אָנגעטראָפן אויף אַ יאָלד, האַ? איך, מיין ליבער אינספּעקטאָר, אַז איך נעם זיך שוין יאָ צו עפּעס, מוז עס האָבן הענט און פיס!...

ל״ג־בעומר
(מאָנאָלאָג פון אַ פּאַרטשאַדעטן)

איך האָב זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט, דערפילט אַ רויך, אַ טשאַד, געהערט געשרייען.

— פּעסע! פּעסע! — רוף איך — עפן די טיר!

איר פאַרשטייט, ביי מיר איז איינגעפירט, אַז ווען איך קום פון דער אַרבעט, עס איך אָפּ און לייג זיך אַ ביסעלע אַוועק כאַפּן אַ דרימל. מיין פּעסע פאַרשליסט מיך אין מיין צימער, כדי די קינדער מיינע זאָלן מיר נישט קריכן אויפן קאָפּ. וועט איר דאָך זיכער פרעגן: פאַרוואָס פאַרשליסט זי און ניט איך אַליין? איז דער תירוץ: אַז איך האָב זיך איינמאָל פאַר־שלאָסן האָט מיין פּעסע נעבעך געמוזט נעכטיקן אין האָל. ווייל אַז איך שלאָף, קאָן דונערן און בליצן, ס'קאָן זיך איבערקערן די וועלט — גייט עס מיך אָן ווי דער פאַראַיאָריקער שניי אין ירושלים.

נאָר דאָסמאָל האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, ווייל כ'האָב דערפילט אַז איך עק זיך, אַז איך ווער פּשוט דערשטיקט. די אויגן ברענען און בראָטן, אַ פולע שטוב מיט רויך און דאָ נאָדיר: די טיר פאַרשלאָסן.

— פּעסע! פּעסעלע! פּעסעניו! עפן די טיר!!!

— וואָס שרייסטו? וואָס גוואַלדעווסטו? אָט עפן איך.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ רויך?

— אַ פייער, — ענטפערט זי — עס ברענט.

— ווו ברענט? ווער ברענט? — הוסט איך אַרויס.

— די טירן פון דער שאַפע ברענען... — ענטפערט זי מיר קאַלט, ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדלט אין אַ גלאָז מילך וואָס איז זויער געוואָרן.

— וואָזשע שטייסטו און גלאָצסט מיט די אויגן? לויף, שריי, רוף מענטשן! קלינג אָן צו די פייערלעשער!

און ניט קלערנדיק לאַנג, כאַפּ איך אָן עמער וואַסער, לויף אַריין אין דעם פאַררויכערטן קינדער־צימער און כלופּ אויף דער שאַפע.

— געוואַלט!!! — שרייט מיין פּעסע — ביסט פון זינען אַראָפּ?

האָסט דאָך מיר אַ תל געמאַכט פון אַ שאַפע בגדים! אַלע מיינע קליידלעך האָסטו איבערגעפאַרבט!

— גיב נאָך וואַסער, שנעלער! — שריי איך — איך ווער דאָך בלינד פון רויך!

— דו ביסט טאַקע שוין בלינד! — שרייט זי — זעסט דען ניט אַז די שאַפע שטייט אָן טירן?

— וואָס הייסט אָן טירן? ווו זענען די טירן?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, — שרייט זי — זיי ברענען!

— ברענען זאָלן מיינע שונאים! — שריי איך — ווו ברענען זיי?

— וואָס הייסט, ווו? — אויפן הויף ברענען זיי!

— וואָס הייסט, אויפן הויף? ווו קומען מיינע טירן אויפן הויף?

— דיין תכשיט האָט זיי אַראָפּגעטראָגן... דו ווייסט דען ניט, אַז היינט איז ל״ג־בעומר?

— וואָס פאַראַ שיכות האָט ל״ג־בעומר צו מיינע טירן?

— וואָס הייסט, וואָס פאַראַ שיכות? דו ווייסט ניט אַז ל״ג־בעומר איז אַ יום־טוב פון צינדן פייערן? און כדי צו מאַכן אַ פייער, אָדער ווי זיי רופן עס דאָ — „אַ מדורה״ — דאַרף מען האָבן האָלץ און האָלץ פירט מען אַריין פון אויסלאַנד און מען צאָלט דערפאַר מיט דאָלאַרן? האָסטו געוואָלט אַז מען זאָל פאַרברענען דאָלאַרן?

— הרגע מיך אָוועק צי איך פאַרשטיי וואָס דו פּלאַפּלסט...

— אוי, גאָט אין הימל! איך זע, אַז אונדזער זונעלע, זאָל לעבן, פאַרשטייט שוין אַ סך מער פון דיר... ער האָט זיך צונויפגערעדט מיט זיינע חברים, אַז איטלעכער זאָל עפעס ברענגען פון דער היים. איינער — שוועבעלעך און נאַפט; דער צווייטער — אַן אַלטן, הילצערנעם אייז־קאַסטן; דער דריטער — אַ ליג־שטול; דער פערטער האָט אַראָפּגענומען דאָס רעזערוו־ראָד פון פאָטערס אויטאָ. יעדער איינער האָט עפעס געבראַכט! טאָ וואָס האָב איך געהאַט צו געבן אונדזער זון? מיינע צרות? וואָס האָסטו געוואָלט, אַז איך זאָל אים אַוועקגעבן דעם טיש? אויף וואָס וואָלטן מיר דאַן געגעסן?

— האָסטו אים אַוועקגעגעבן די טירן פון דער שאַפע?!

— וואָס הייסט, איך האָב געגעבן? ער האָט מיך דען געפרעגט? דאָס איז דאָך דיין דערציונג: „געבן זיי וואָס מער פרייהייט״, „ניט שטערן זיי אין אויסלאָדענען די ענערגיע״... נו, האָט ער זיך אויסגעלאָדנט. „אַזעלכע

שאַפּעס״ — זאָגט ער — „זענען שוין היינט נישט מאָדערן. היינט מאַכן אַלע וואַנט־שאַפּעס״.

— געוואַלט! ווי גיט מען עס אַוועק די טירן פון אַ שאַנק?

— וואָס דען האָסטו געוואָלט זאָל איך אים געבן: אַ רעזערוו־ראָד? דו האָסט דען אַן אויטאָ? און בכלל: ער האָט דען געוואָרט איך זאָל אים עפּעס געבן? ער פרעגט מיך דען? היינטיקע קינדער פרעגן דען זייערע עלטערן וואָס זיי זאָלן טאָן? איך קען זיך מיט אים נישט אַרומרייסן גאַנצע טעג. איך האָב שוין צו אים קיין כוח נישט!

— ווו זענען די טירן? אפשר קאָן מען זיי נאָך אָפּראַטעווען?

— כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט: זיי ברענען...

— וווּ?

— אויפן הויף... פילסט דען נישט דעם רויך?

איך גיי צו צום פענצטער: עק וועלט! אַ חברה קונדסים, מיט מיינעם בראש, טאַנצן אַרום דעם פייער. דער רויך און די קולות דערגייען ביזן זיבעטן הימל, שפּאַרן אַריין דורך די אָפענע פענצטער. אינמיטן דעם פייער־זאָל — מיינע טירן. איך דערקען נאָך אַ שטיקל פּאָליטור. מיר דוכט זיך: זיי ווינקען צו מיר און בעטן זיך: „ראַטעווע! ראַטעווע!״

איך ווייס נישט וואָס עס איז מיט מיר ווייטער געשען. עס האָט מיר פלוצים אַ דריי געטאָן דער קאָפּ. די שטוב האָט מיר גענומען טאַנצן פאַר די אויגן, איך האָב דערזען טירן, אַ מאַסע טירן וואָס טאַנצן, שפּרינגען, דרייען זיך אין אַ ווילדן קאַראַהאָד. אָט דערנענטערן זיי זיך און הייבן מיך אָן צודעקן, איין טיר אויף דער צווייטער, אַ ים מיט טירן וועלכע דריקן, קוועטשן, צעקוועטשן מיך... „דו קמצן!״ — שרייען זיי צו מיר — „אַ שאָד דיר דיינע טירן, האַ? פאַרגעסן אַז היינט האָבן מיר ל״ג־בעומר, האַ? ווילסט פאַרשטערן דיין זונס שמחה, האַ? וויפל מאָל אין יאָר האָסטו דען, משטיינסגעזאָגט, ל״ג־בעומר, האַ? קמצן! קמצן! ק־מ־צ־ן!!!״

איין טיר האָט זיך צוגערוקט גאָר נאָענט צו מיר, אַ זעץ געטאָן מיר מיטן ניקעלנעם הענטל אין פּנים אַריין און אויסגעשריען: „פע! נישט שיין!״ און אַ שטאָלצע, אַ גראַציעזע, אַ גלאַנציקע — אַוועק גלייך אויף מיין זונס שייטערהויפן!

✶

ניין, דעם ל״ג־בעומר וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איך האָב זיך ערשט דאַן דערוווּסט, אַז פאַר קינדער דאַרף גאָרנישט זיין צו טייער...

מיין דעטראָניזירטע מלכה

יידן, עס איז געשען אַ נס! אַן אמתער פּורים־נס: איך האָב דעטראָניזירט מיין מלכה!

געשען איז דאָס אַ טאָג פאַר פּורים, ווען איך בין אַ טויט־מידער געקומען פון דער אַרבעט. מיך דערזען — האָט מיין ווייבעלע גענומען צווישטשערן ווי אַ פייגעלע:

— דו ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלן? דעם פּורים וועל איך זיך פאַרשטעלן פאַר אסתּר־המלכה און מיר וועלן גיין אויף אַ פּורים־באַל...

— באַהאַלט דיין מלכות אויף אַ ביסל שפּעטער. דערוויל דערלאַנג מיר עפּעס עסן, ווייל איך פיל די נשמה אין די פּיאַטעס...

— שוין, שוין! איך גיי שוין... און דו ווייסט וויפל דאָס אַלץ וועט מיך קאָסטן? אַרום און אַרום, צוזאַמען מיט דער קרוין, נישט קיין גאַנצע צוואַנציק פונט...

— אַזוי? נישט קיין גאַנצע צוואַנציק פונט? טאַקע אַ ווילדע מציאה! — זאָג איך און איך פיל ווי דאָס בלוט קומט מיר אין פּנים אַריין — נישט מער ווי צוואַנציק פונט? זאָג מיר נאַר, מיין צוקונפטיקע מלכה: וויפל צוואַנציקער פונטן האָסטו מיר שוין פאַרדינט זינט איך האָב געהאַט דאָס גרויסע גליק דיך צו דערקענען? אין שפּייז־געוועלבל האָסטו שוין באַצאָלט? דירה־געלט און שטייערן האָסטו שוין באַצאָלט? מיט אַ חודש צוריק האָסטן ביי דער שכנה גענומען פינף פונט נאָר אויף איין האַלבע שעה, האָסט איר שוין אומגעקערט דעם חוב? וויפל צוואַנציקער פונטן פאַרדין איך עס, אַז מיין ווייב זאָל זיך פּלוצלונג, פון דער העלער הויט, פאַרוועלן ווערן אַ מלכה, און צוליב דעם וווּנדערלעכן איינפאַל, זאָל איך אַרויסוואַרפן צוואַנציק פונט אין בלאָטע אַריין? וואָס איז — די בהמה האָט זיך אָפּגעקעצלט? עס רעגנט ביי אונדז מיט צוואַנציקער פונטן?

און צוריקגעשמועסט: וואָס איז דיר פּלוצים איינגעפאַלן צו ווערן אַ מלכה? ווער ביסטו דאָס, וואָס עס שטייט דיר נישט אַנדערש אָן, נאָר אָנצוטאָן אַ קרוין אויפן קאָפּ? אין וועלכע פּאַלאַצן ביזטו עס געבוירן

געוואָרן וואָס דיר פּאַסט נישט אַנדערש נאָר צו ווערן אַ מלכה? זעסטו, אַז מען שטאַמט אַרויס פון אַזאַ גוואַלדאָוונעם יחוס ווי דו, פּאַסט טאַקע נישט אַנדערש... או־וואַ, אַ סענסאַציע אין ישראל: מיין ביילע־רחל אַ מלכה!

און פאַרוואָס טאַקע נישט? איך בין דאָך אויך נישט אַבי ווער? איך בין דאָך אַ מלך. לודוויק דער 14־טער, להבדיל, און דו — מיין געליבטע — מאַדאַם פּאַמפּע־די־האַר... איז פאַרוואָס זאָל איך דיך טאַקע נישט מאַכן פאַר אַ מלכה?

— גזלן! טרעגער־יונג! — כליפּעט מיין וויבל, — וואָס האָסטו זיך צערעדט ווי אַ שטומער וואָס האָט פּלוצלונג צוריקבאַקומען דאָס לשון? וויפל מאָל אין יאָר האָבן מיר דאָס פּורים? וואָס פאַראַ לעבן, משטיינס־געזאָגט, האָב איך ביי דיר... כ׳פינצטער נאָר אָפּ די פּאָר יאָר — און אויב מיר האָט זיך פאַרוואָלט קומען אַ ביסל צווישן מענטשן און אַ לאַך טאָן, קען ער שוין נישט איבערטראָגן...

— ווער לאָזט דיך נישט גיין צווישן מענטשן? ווער לאָזט דיך נישט לאַכן? לאַך — וויפל דו ווילסט, אַפילו ביז צום פּלאַצן, ווען מען גייט עס אָן? נאָר פאַר איין לאַך, וואָס דו ווילסט געבן איינמאָל אין יאָר, וועל איך נישט באַצאָלן קיין צוואַנציק פונט. פאַר איין לאַך — איז עס אַ ביסעלע צו טייער... ווער איז דען שולדיק, אַז ס׳האָט זיך דיר פאַרוואָלט ווערן אַ מלכה? ווי קומסטו בכלל צו אַ מלכה? ווען אַלע מלכות וואָלטן געהאַט דיין פּנים און דיין שכל, וואָלטן אויף דער וועלט שוין פון לאַנג געווען — נאָר רעפּובליקן... פאַרשטעל זיך פאַר עמעצן אַנדערש. פאַרשטעל זיך — נו, לאָמיר זאָגן — פאַר נחן. אַ גאַנץ פיינע, ביבלישע געשטאַלט. איך וועל דיר צונויפקלאַפּן אַ תיבהלע פון עטלעכע ברעטלעך, דו וועסט זיך אַריינזעצן און איך וועל דיך לאָזן שווימען איבערן ים... ברעטלעך דאַרף מען נישט קויפן, עס מוזן נישט זיין קיין נייע; שווימען קענסטו דאָך אויך נישט; וועט עס טאַקע זיין אי אָריגינעל, אי ביליק, אי פאַסצינירנדיק. דו וועסט זיין פאַרשטעלט; וועסט אויך האָבן פאַרגעניגן פונעם שווימען, און איך וועל וואַרשיינלעך שוין האָבן קאָפּ־מנוחה...

✶

מיין דעטראָניזירטע מלכה האָט זיך צעכליפּעט, כ׳וויס נישט פאַר־וואָס. זי האָט אַ וואָרף געטאָן איר פּעקל ביינער אויפן בעט און איינגעגראָבן דעם נישט־געקרוינטן קאָפּ אין קישן.

דאָס צוגעוואַרעמטע מיטאָג אין קיך האָט זיך דערווייל פאַרוואַנדלט אין שוואַרצע קוילן. אַ טויט־הונגעריקער און מידער בין איך אַרויס אין גאַס כאַפּן אַ בייגעלע. קייענדיק דעם נעכטן־געבאַקענעם, פרישן בייגל, האָב איך אין האַרצן באַוואָרפן מיט טויזנטער קללות די אַלע, וועלכע האָבן נישט געהאַט מער וואָס צו טאָן, נאָר אויסטראַכטן אַזאַ יום־טוב, אין וועלכן מען דאַרף זיך פאַרשטעלן.

עס איז אָבער געשען אַ נס: מיין מלכה האָט באַשלאָסן צו אַבדיקירן. זי איז אַריין אין בעט צוזאַמען מיט די הינער און שטיל, ווי צו זיך, אַרויס־געקרעכצט:

— אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן... אַזאַ יאָר אויף אים!...

כ׳ווייס נישט וועמען זי האָט דערמיט געמיינט. אפשר דעם שונא ישראל — המן־הרשע?

געוואַלט, יידן!

— געוואַלט, יידן, ראַטעוועט! איך טרינק זיך! איך ווער דער־טרונקען אין אַ ים פון קוויטלעך! איך קאָן שוין נישט מער! כ׳פיל, ווי די לעצטע כוחות פאַרלאָזן מיך... נאָך אַ שעה, נאָך אַ מינוט — און ס׳וועט זיין אויס מיט מיר! געענדיקט! כּאַלאַס!!!

כ׳וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, מיט וואָס האָב איך זיך אַזוי פאַר־זינדיקט? דעם לעצטן יום־כיפור האָב איך געפאַסט נישט מער און נישט ווייניקער ווי יעדן יום־כיפור; כ׳האָב געוויינט — ווי תמיד; כ׳האָב זיך געקלאַפּט אין האַרצן אַריין ווי אַ גנב וואָס וויל מיט דעם אָפּווישן די גנבות פון אַ גאַנץ יאָר. ווי שטענדיק האָב איך געבעטן נאָר איין קוויטל, איין קליינטשיק, גוט קוויטעלע...

דערוויל, אַזוי ווי די ימים־נוראים זענען נאָר אַוועק, האָט אויף מיר אָנגעהויבן צו רעגענען מיט קוויטלעך — ממש אַ פאַרפּלייצונג! אין פּאָסט־קעסטל — קוויטלעך; אין שטוב — קוויטלעך; אויף די טרעפּ — קוויטלעך; אונטער דער טיר — קוויטלעך! אַ מבול פון קוויטלעך! איך פיל ווי איך טרינק זיך, ווי מיינע כוחות פאַרלאָזן מיך!...

פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין אָוונט פאַרמאַכט זיך נישט די טיר. איינער אַריין, דער צווייטער אַרויס. ממש אַן אינוואַזיע! כ׳האָב געמיינט, אַז קויפנדיק אַ וווינונג אַזוי הויך, וועל איך שוין האָבן אַ ביסל רו. ווייס איך וואָס! מען רייסט מיר אָפּ די טיר! ס׳קומען מענער, ס׳קומען ווייבער, יונגע און אַלטע. מען שטייט פּשוט אין דער ריי. דערביי שמייכלט מען צו מיר, מען חנפעט מיך, ווי איך וואָלט דאָס געווען דער פּופּיק פון דער וועלט... מען פרעגט זיך אויף מיין געזונט, ווי ס׳גייט די אַרבעט, ווי כ׳האַלט מיט פּרנסה, וואָס די קינדער מאַכן, וואָס די פרוי מאַכט, ווען זי מאַכט, ווי אַזוי זי מאַכט און מיט וועמען? דערביי פיל איך, אַז עס מאַכט זיך מיר שלעכט. אָט גיב איך אַזוי אַ פאַל אַוועק, פאַרמאַך די אויגן און עס וועט זיין אויס געזונט, אויס ווייב, אויס קינדער, אויס וועלט, אויס מאַכן...

אויב האָט איר נאָך ווייניק, ווערן זיי וואָס אַמאָל מער חוצפּהדיקער, פרעכער. מען קומט אַריין נישט אָנקלאַפּנדיק אין טיר; מען צעזעצט זיך נישט פרעגנדיק, מען בעט אַ גלאָז טיי מיט לימאָן, אַ טערקישע קאַווע, עפּעס־וואָס צו פאַרבייסן... פון בלויזן גוטברודערישן קלאַפּן אין דער פּלייצע, האָב איך באַקומען אַ האָרב...

איינער פרעגט מיך — ווי אַלט איך בין; דער צווייטער — פון וואַנען איך בין; דער דריטער — ווער איך בין און צי איך בין זיכער, אַז איך — בין איך?...

קורץ פאַר יום־כיפור פאַלט אַריין צו מיר אַזאַ אַגיטאַטאָר, קלאַפּט מיר אין דער פּלייצע, האַקט מיר אונטער אַ זייט, לייגט מיר אַרויס אַ גאַנצן וואָגן קוויטלעך און גייט אַוועק ווינטשנדיק מיר — חג־שמח!

געהערט אַזאַ עזות־פּנים? פאַר יום־כיפור ווינטשט ער מיר אַ פריילעכן יום־טוב...

נאָך אים קומט אַריין אַ פרוי און פרעגט מיך, ווי אַזוי עס זעען אויס מיינע באַציונגען מיטן ווייב?

— „איך מיין" — זאָגט זי — „אַז אויב איר האָט אַ געוויסע השפּעה אויף אייער פרוי, דאַרפט איר זען, אַז זי זאָל שטימען צוזאַמען מיט אייך אויף אונדזער ליסטע".

אַ דריטער שטעלט זיך מיר פאָר אַלץ פאָרשטייער פון אַ חלוציש־ציוניסטיש־פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

— „לויט אייער וואַרשיינלעכן עלטער און לויט אייער אויסזען" — זאָגט ער מיר — „פאַרשטיי איך אַז איר זענט אַן אונדזעריקער, אַן אייגענער..."

— וואָס איז, — פרעג איך אים — אַזוי שלעכט זע איך אויס?

גלייך נאָך אים איז אַריינגעקומען אַ ייד מיט באָרד און פּיאות, מיט אַ שטריימל אויפן קאָפּ און ער הייבט זיך אָן אַרומדרייען איבער דער דירה.

— וואָס שפּאַצירט איר דאָ אַרום ווי ביי אייער טאַטן אין וויינ־גאָרטן? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן — וואָס זוכט איר דאָ?

— איך זוך אַ מזוזה... אַ מזוזה זוך איך...

— וואַרט אַ ווײַלע! — האָב איך אויסגעשריגן מיט כעס — אָט הענג איך זיך גלייך אויף, וועט איר האָבן וווּ צו קושן!...

דער ייד איז אַרויסגעלאָפן, פאַרלירנדיק אויפן וועג אַ היפּש ביסל וואַל־ליטעראַטור...

און אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס; שעה־איין, שעה־אויס. מען פאַרשיט מיך מיט קוויטלעך, מען פאַרפלייצט מיר די שטוב מיט אַלע אותיות פונעם אַלף־בית. ווו איך גיי, ווו איך שטיי — נאָר צעטלען און צעטלען. איך שווים אַרום אין אַ ים פון צעטלען. דער אָטעם ווערט וואָס־אַמאָל שווערער, אָפּגעהאַקטער און קורצער... עס פעלט מיר אויס לופט...

אויב גאָט איז אייך ליב — ראַטעוועט מיך, יידן!...

אויף דער וואָג פון גאָלד...

כ'בין איצט געוואָרן אויף דער וואָג פון גאָלד. איי איז דאָס אַ גוטע זאַך — די וואָלן! ווען מיר האָבן דאָס אַזוי כאַטש אַ צוויי מאָל אין יאָר וואָלן, וואָס וואָלט אונדז דאָן געפעלט? ערשט נעכטן האָט מען זיך מיט מיר געוואָרפן, נישט געוואָלט קוקן אין מיין זייט אַריין — און היינט? ווער קען זיך היינט גלייכן צו מיר? היינט בין איך דאָך אַ קעניג, אַ קייסער, אַ „יעוואָ סיאָטעלסטוואָ"! היינט צאַצקעט מען זיך מיט מיר, מען קוקט מיר אין די אויגן אַריין, מען לאַשטשעט זיך צו מיר, מען פרעגט מיך: ווער איך בין, פון וואַנען איך בין און צי עס פעלט מיר,חלילה, נישט עפּעס? פלוצלונג האָט מען מיך אָנגעהויבן צו דערקענען, מען טראָגט מיר אַנטקעגן אַ פריינטלעכן „שלום", אַ גוט־ברודערישן „ברוך־הבא"; מען שמייכלט צו מיר, מען זאָגט מיר צו גאָלדענע גליקן. וואָס דאַרפט איר מער: מען האָט מיך אַפילו אויפגעהערט פרעגן — ווי אַלט איך בין?...

ביז נעכטן, ווו נאָר איך בין געקומען זוכן אַ שטיקל אַרבעט, אַ פּיאַסטער צו פאַרדינען, איז די ערשטע פראַגע געווען: „ווי אַלט זענט איר"? וויפל קינדער איך האָב און וויפל איך קלער נאָך צו האָבן? און אַז איך האָב זיי געענטפערט, אַז קינדער האָב איך נאָך נישט דערווייל, ווייל אויב קינדער — דאַרף מען אויך האָבן אַ ווייב און ווי אַזוי באַקומט מען אַ ווייב, אַז אַליין דריי איך זיך אַרום גאַנצע טעג, זוך פּרנסה און קען נישט באַקומען ווו אַ פּיאַסטער צו פאַרדינען? אַז אַנשטאָט צו זוכן אַ ווייב, שטיי איך גאַנצע טעג ביי די פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך, בעט זיך, וויין פאַר זיי, וואַרט ביז זיי וועלן ענדיקן טרינקען דאָס גלעזל טיי און אַז זיי ענדיקן שוין אין אַ מזלדיקער שעה, גיבן זיי דיר אַ פאַרקלאַפּ דאָס פענצטערל פאַר דער נאָז און גיי שריי חי־וקיים. פאַר איינעם בין איך געווען צו אַלט, פאַרן אַנדערן צו יונג, פאַרן דריטן — סתם אַ וויסט אַנשיקעניש... תמיד האָב איך געהערט דעם זעלבן טיי־זיפּ און דאָס איינאיינציקע וואָרט: „לײדער"...

ערשט נעכטן בין איך געלעגן ניין איילן טיף אין דער אדמה, און

היינט? היינט איז מיר ווויל ווי די וועלט! איך בין געוואָרן דאָס אויבערשטע פון שטויסל! מען זאָגט מיר צו גאָלדענע גליקן. אַרבעט? — וואָס פאַראַ איך וויל נאַר! איך בין אַ בחור? זיי זענען גרייט מיר אויסצוזוכן אַ ווייב. קינדער? פאַרלאָזט זיך אויף זיי! זיי וועלן מיך שוין מיט אַלעם באַזאָרגן... זיי זענען גרייט צו גיין פאַר מיר אין פייער און אין וואַסער, אין דער ערד וועלן זיי זיך פאַר מיר לייגן!

דערווייל פירט מען מיך אַרום איך זאָל באַקוקן אונדזער לאַנד, זען ווי שיין עס איז, ווי גרויס עס איז — און אַלץ — אַן איין גראָשן געלט! בחינם! מען פירט מיך אויף רעפעראַטן, אויף מיטינגען, אויף פייערלעכע קאָנצערטן; מען פאַשעט מיך מיט אומזיסטע מיטאָגן וואָס באַשטייען פון פאַרשפייזן, מיטלשפייזן און נאָכשפייזן. און דאָס אַלץ — אומזיסט! פאַרקערט: מען דאַנקט מיר נאָך וואָס איך האָב באַוויליקט אָפּצועסן און קאַליע מאַכן זיך דעם מאָגן...

ווייל דאָס עסן, פאַרשטייט איר מיך, קריכט מיר פונעם האַלדז. איך ווייס אַז היינט איז פורים און מאָרגן איז אויס. היינט גיט מען מיר דעם גראָשן און מאָרגן וואַרפט מען מיך אַרויס, אַז איך וועל ברעכן האַלדז און נאַקן. איך ווייס אַז דאָס אַלץ איז אַ פורים־שפּיל, אַז נאָכדעם ווי איך וועל אַריינוואַרפן דאָס פּאַפּירל אין וואַל־קאַסטן, וועט זיין אויס פורים, אויס יום־טוב. דאַן וועל איך ווידער זיין — אַזוי ווי נעכטן־אייערנעכטן. דאַן וועל איך אַליין מעגן אַריינקריכן אין אַזאַ קאַסטן און הייסן אים גוט פאַרטשוועקעווען, גוט פאַרקלאַפּן...

גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד, נאָר איך האָב פיינט פאַרטייען. אמת, איך ווייס אַז אָן פאַרטייען קען מען נישט אויסקומען, ווייל שטעלט אייך נאָר פאַר וואָס דאָ ביי אונדז וואָלט פּאַסירט ווען אין אַ שיינעם העלן טאָג ווערט פלוצים — אויס פאַרטייען? וויפל מענטשן וואָלטן דאַן געבליבן אָן אַ שטיקל ברויט נעבעך? וויפל בענקלעך וואָלטן דאַן געבליבן שטיין פאַריתומט? גאַנצע משפחות וואָלטן דאָך רואינירט געוואָרן! ווער וואָלט אונדז דאַן גערופן מיר זאָלן זיך צונויפשמעלצן, צונויפגיסן, צונויפקוועטשן, ווערן פון צוויי — איינס, ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך? און מיר מוזן דאָך, סוף־כל־סוף, ווערן איין פאָלק. „אתה בחרתנו" — נאָר אונדז האָט ער דאָך אויסגעקליבן פון צווישן אַלע פעלקער אויף דער וועלט! נאָר מיר האָבן דאָך באַקומען פון אים די גרויסע זכיה אויסגעריסן צו ווערן, צו פייניקן זיך, צו מאַטערן זיך, צו ליידן און צו

טאַפּן אַ וואַנט... „אַתה בחרתנו" — ווו אַ צרה, ווו אַ שלאַק, ווו אַ חורבן און וויסטע אָנשיקעניש — שיט זיך דאָס אויף אונדזערע אויסדערווײלטע קעפּ. ווו מיר זאָלן נישט גײן און שטײן — טרעט מען אונדז תמיד אָן אויף די היבער־אויגן. ווו נאָר עפּעס — זענען מיר תמיד דאָס כפּרה־הינדל, דער ערשטער, דער סאַמע „וויכטיקסטער" קרבן...

נאָר וואָס קענען מיר טאָן, אַז דווקא אונדז האָט ער געמאַכט פאַר זײן אויסדערווײלט פאָלק? דווקא אונדז האָט ער אויסגעקליבן און נישט קײנעם!

דערפאַר טאַקע מוזן מיר האָבן אַ סך פאַרטײען. ווײל יעדע פאַר־טײ — האָט זיך איר רפואה צו דער מכה. און אַזוי ווי מיר האָבן, ברוך־השם, גענוג מכות, מוזן מיר דערפאַר האָבן אַ פאָר־צענדליק רפואות, פאַרטײען הײסט עס... די צרה איז נאָר, וואָס פון אַזוי פיל רפואות קען זיך ערשט אָנזעצן אַ מכה, די אמתע מכה, צו וועלכער עס וועט שוין קײן שום רפואה נישט העלפן...

אַ צדיק אין קאָמפּאַט

אַזאַ מזל האָב איך שוין: ווען איך זעץ מיך צום טיש עסן, מוז דער רוח אַנטראָגן עפּעס אַ שוואַרץ־יאָר.

דאָסמאָל איז ער געקומען, ווען כ׳האָב שוין געהאַלטן ביים קאָמ־פּאָט. אַריין איז ער אָן אַ גוט־יאָר, צוועקגעזעצט זיך פּונקט אַנטקעגן מיר און אויסגעשאָסן:

— איר האָט זיך שוין דעצידירט?

— וועגן וואָס?

— וועגן שטימען.

— יאָ.

— וואָס, יאָ?

— שוין דעצידירט.

— נו?

— וואָס, נו?

— פאַר וועמען?

— ווי תמיד.

— זענט איר, כ׳בעט איבער אייער כבוד, אַ גרויס פערד! וואָס הייסט, ווי תמיד? ווי פּאַלט אייך איין צו טאָן אַזאַ זאַך? ווער שטימט דאָס היינט אַזוי ווי תמיד? אויב אַלע וועלן שטימען אַזוי ווי תמיד, טאָ צו וואָס ברויכט מען נייע וואַלן? צו וואָס דאַרף מען אַרויסוואַרפן מיליאָנען פונטן אין בלאָטע?

— טאַקע אַ שאַד... איר זענט גערעכט...

— מיט וואָס?

— מיט די פונטן...

— וועלכע פונטן?

— ...וואָס מען וואַרפט אין בלאָטע...

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז מען וואַרפט אַרויס? ווו האָט איר געזען אַרויסוואַרפן? ווער וואַרפט? ווו וואַרפט מען?

— מען וואַרפט נישט?...

— וואָס?

— פונטן...

— וואָס האָקט איר מיר אין ספּאָדיק אַריין מיט אייערע פונטן?! ווער רעדט פון פונטן? געזען אַ ייד האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין פונטן? איך וויל וויסן פאַר וועמען איר שטימט?

— ווי תמיד...

— וואָס הייסט, ווי תמיד? וואָס פּראָוואָצירט איר מיך, ייד? ווער שטימט דאָס היינט ווי תמיד? וואָס פאַראַ נר־תמיד אויף אייער קאָפּ? אויב ווי תמיד, טאָ צו וואָס מאַכט מען יעדעס מאָל נייע וואַלן? דאַרף מען דאָך, אויב אַזוי, בכלל נישט קיין וואַלן! אויף כפּרות דאַרף מען די גאַנצע וואַלן!...

— אמת...

— וואָס אמת?

— אויף כפּרות...

— ווער רעדט פון כפּרות? וואָס זענט איר מיר אַריינגעקראָכן מיט אייערע כפּרות? מיר האָלטן שוין, ברוך־השם נאָך יום־כּיפּור. אויף כפּרות דאַרף איך אייערע כפּרות!

— טאָ פאַרזוכט אַ פלוים...

— אַ וואָס?

— אַ פלוים...

— ווער דאַרף אייערע פלוימען? זאָל ביי מיין שונא שטיין בלייבן אַ פלוים אין האַלדז!...

— וואָס דען ווילט איר?

— וואָס איך וויל? הער אַ פראַגע פון אַ מענטש? וואָס איך וויל? איך רייס זיך דעם גאָרגל אויס אַ האַלבע שעה, פרעגט ער מיך ערשט וואָס איך וויל? גאָרנישט וויל איך! איך וויל אייך נאָר אַריינקלאַפּן אַ ביסל שכל אין קאָפּ אַריין!

— אַ דאַנק אייך פאַר דער מי...

— נישטאָ פאַר וואָס! איך נייטיק זיך נישט אין אייער דאַנק! איך וויל נאָר אייער גוטס. איך וויל אַז איר, אַן אַרבעטער, אַ פּועל, אַ האָרעפּאַשניק, אַן אַרבעטס־פערד, וואָס גיט אַוועק זיין בלוט און שווייס די קאַפּיטאַליסטן, די פּאַראַזיטן, די בורזשויען מיט די גראָבע בייכער,

זאָל פאַרשטיין, אַז נאָר דורך שטימען פאַר אונדזער ליסטע, וועט ער קענען אויסבעסערן זיין שווערע לאַגע, זיין פינצטערע דאָליע. אַז נאָר דורך דעם, וואָס איר וועט שטימען פאַר אונדזער ליסטע וועט איר זיך קענען פאַר־זיכערן אַרבעט, פּרנסה, ברויט און וואַסער.

— פאַר וועלכער ליסטע?

— פאַר „צ״דיק!

— „צ״דיק? דאָס איז דאָך אַ ליסטע פון די בורזשויען? ווי קום איך צו זיי?

— בורזשויען, שמויען! נאָט אייך אַ גראָשן פאַר אַלע אונדזערע בורזשויען! אויך מיר בורזשויען! אַז עס קומט צו צאָלן שטייערן, איז אָדער מען דאַרף אים נאָך צוצאָלן, אָדער ער האָט נישט קיין אַנדערע עצה און מוז מאַכן פּליטה. דאָס זענען אונדזערע בורזשויען. אָבער אַז זיי וועלן זיין ביי דער מאַכט, וועט דער אַרבעטער קענען לעבן ווי אַ מענטש!

— ווי אַזוי?

— אָט דאָס טאַקע, וויל איך אייך געבן צו פאַרשטיין: פאַרוואָס ליגן אונדזערע פאַבריקאַנטן אַזוי טיף אין דער אדמה, ווייסט איר?

— ניין.

— ווייל מען רייסט פון זיי לעבעדיקע שטיקער! מען לאָזט זיי נישט אָטעמען! אָבער אַז זיי וועלן קומען צו דער מאַכט, איז קודם־כל — אויס מיט מס־הכנסה! פאַבריקאַנטן צאָלן נישט מער קיין שטייערן! און אַז זיי וועלן נישט צאָלן, וועלן די געלטער אַריינפאַלן, אַנו, טרעפט צו וועמען?

— צו מיר!

— אַ פייג! צו זיי! אָדער בעסער געזאָגט: דאָס געלט וועט בלייבן ביי זיי אין די קעשענעס. הייגט, וואָס וועלן זיי טאָן מיט אַזוי פיל געלט?

— זיי וועלן משוגע ווערן...

— אַזוי מיינט איר? און איך זאָג אייך, אַז עס וועט זיין פּונקט פאַרקערט! האָבנדיק אַזוי פיל געלט, וועלן זיי וועלן נאָך מער! וועלן זיי מוזן אויפשטעלן נאָך אַ פאַבריק, בויען נאָך אַ קינאָ, נאָך אַ שווים־באַסיין און נאָך אַ נאַכט־לאָקאַל. זיי וועלן זיך פאַרגרעסערן, פאַרברייטערן, אויסשפּרייטן און אַז מען צעשפּרייט זיך, וואָס דאַרף מען טאָן?

— אַרויסלאָזן די הויזן...

— אַ מכה. מען קען זיך קויפן נייע! זיי זענען נישט קיין אַרבעטער, קיין לאַפּודראַקעס, וואָס ניטשעווען איבער די בגדים! אַז מען צעשפּרייט זיך, דאַרף מען האָבן נאָך אַרבעטער! געעפנט אַ נייעם נאַכט־לאָקאַל, דאַרף מען האָבן ווער עס זאָל אים רוימען, ווער ס'זאָל קאָכן, וואַשן די טעלער, די טישטעכער, די סערוועטן; ווער ס'זאָל דערלאַנגען צום טיש, אָפּרוימען פון טיש, עפענען די טיר און זאָגן: תודה! אַ דאַנק!

דאָס הייסט: נאָך טויזנטער אַרבעטס־פּלעצער. און אַרבעט הייסט פּרנסה און פּרנסה איז ברויט און אַז מען האָט נאָר ברויט און וואַסער — קען מען שוין פון הונגער נישט שטאַרבן! ווייל דאָס שטיקל ברויט — פאַרשטייט איר מיך — איז דאָס וויכטיקסטע. ווייל אויב עס וועט נאָר זיין דאָס טרוקענע שטיקל ברויט, וועלן אויפהערן אַלע מחלוקתן, אַלע אַרומרייסענישן, אַלע שטרייקן, אַלע קריגערייען, אַלע זידלערייען, אַלע אַמפּערנישן און מלחמות. ווייל צוליבן טרוקענעם שטיקל ברויט וואָלט איינער דעם אַנדערן אויסגעריסן די האָר, אויסגעשטאָכן די אויגן, אונטער־געהאַקט די זייטן, געשטאָכן, געשאָסן צי סתם דערטרונקען אין אַ לעפל וואַסער!

אָבער אַז דער אַרבעטער וועט זיין פאַרזיכערט מיט ברויט און וואַסער; אַז ער וועט זיין זאַט, וועט ער אויך זיין צופרידן מיטן לעבן און עס וועט זיין שלום אין ישראל. נו, איצט ווייסט איר שוין פאַרוואָס איר דאַרפט שטימען נאָר פאַר אונדז?

— יאָ.

— איז נאָט אייך די צעטלען און ביז די וואַלן זאָלט איר זיי אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ.

דאָס זאָגנדיק האָט ער מיר אָנגעהויבן אַרויסלייגן צעטלען, איינס נאָכן אַנדערן, איין פּליק נאָכן אַנדערן.

— דאָס איז פאַר אייער ווייב, פאַר זייער משפּחה און פאַר אַלע פריינד און באַקאַנטע.

איך בין געזעסן ווי אַ פאַרטשאַדעטער. אין „צ״דיק איז מיר אַריינגעפאַלן אין קאָמפּאָט און די פלוימען זענען נאָך שוואַרצער געוואָרן ווי געווען. אויפן טיש זענען געלעגן „צ״דיקים; אונטערן טיש — „צ״דיקים און פאַר די אויגן האָבן מיר אַרומגעטאַנצט „צ״דיקים. אַ ים מיט „צ״דיקים. און מיין גאַסט רעדט און הערט נישט אויף צו רעדן. ווי קען דאָס אַ מענטש אַזויפיל רעדן?

— ר׳ ייד — פרעג איך אים — איר האָט שוין געענדיקט ?

— שוין. נו, איצט זעט איר שוין אַז איך בין גערעכט ? אַז אַ מענטש טאָר נישט שטימען ווי תמיד ? אַ מענטש, פאַרשטייט איר מיך, איז געליכן צו דעם וועלט־רוים. אין דעם וועלט־רוים שטייט אויך גאָרנישט אויף איין אָרט. אַלץ וואַנדערט, אַלץ באַוועגט זיך, אַלץ ענדערט זיך, אַלץ שטאַרבט און ווערט צוריק געבוירן. אַזוי איז אויך דער מענטש. קיינמאָל טאָר מען זיך נישט אָפּשטעלן, תמיד דאַרף מען גיין פאָרויס, פאָרן, לויפן, ענדערן זיך, שטאַרבן און צוריק געבוירן ווערן. וואָס איז : איר פילט זיך, חלילה, נישט גוט ? וואָס זענט איר אַזוי בלייך געוואָרן ? אַזוי זענען די מענטשן ביים היינטיקן רעזשים : שוואַך — ווי פליגן ! אָט לעבט עס און אָט איז עס נישטאָ ! שוין דער דריטער פאַל היינט, ווי מענטשן צאַנקען מיר פשוט אין די אויגן. נו, האָט קיין פאַריבל נישט, זייט מיר געזונט און געדענקט־זשע פאַר ווען איר דאַרפט שטימען !

ער איז אַוועק און איך בין אַ פאַל געטאָן צו דער ערד אַ פאַרחלשטער...

אַ מעשה מיט אַ נאָז

צום געערטן הער י. שפּאַכטעל,
הויפּט־רעדאַקטאָר פון רעכטן פלוגבלעטל.

מיט צער און ווייטאָג האָבן מיר באַטראַכט די קאַריקאַטור אין אייער פלוגבלעטל, אַרויסגעגעבן דורכן בוי־פּאַריין, וועמענס הויפּט־רעדאַקטאָר זענט איר אַליין. מיר זענען פּשוט דערשיטערט! איר האָט גענומען אונדזערס אַ חבר און געמאַכט פון אים אַ לעבעדיקע קאַריקאַטור. ווו האָט איר אַמאָל געזען אַ מענטש מיט אַזאַ לאַנגער נאָז? אויב איז אייך נאָך ווייניק געווען די לענג, האָט איר זי אויך צעצויגן אין דער ברייט... דאָס איז דען אַ נאָז? דאָס איז דאָך אַן אוגערקע! אַזעלכע אוגערקעס וועלן זיכער נישט זיין קיין ביישטייער צו צווישן־פּאַרטייאישער טאָלעראַנץ!

חוץ דעם אַלעם, האָט איר נאָך אַריינגעשטעלט אַ פּינטעלע אינ־מיטן דער נאָז. פרעגט זיך אַ לאָגישע פראַגע: צו וואָס, צו אַלדע גוטע יאָר, האָט איר באַדאַרפט דאָס פּינטעלע? צו וואָס האָט אייך געטויגט אַזאַ לאַנגע, ברייטע, געפּינטלטע נאָז?

מיר פאַרשטייען אַז דאָס איז געמאַכט געוואָרן מיט דער אָפענער כוונה — צו ברעכן אונדזער אָפּמאַך וועגן נישט באַשמוצן איינער דעם אַנדערן און פירן די וואַל־קאַמפּאַניע אין אַ רואיקער, חברישער אַט־מאָספער.

מיר זענען דעריבער זייער באַזאָרגט צוליב די נישט־ערנסטע און קאָמיש־אַפּלאַכנדיקע קאַריקאַטורן.

מיט כבוד:
אייער ב. פּלעצל

צום גענעראַל דירעקטאָר ב. פּלעצל,
לייטער פון שטימען־באַארבעטונגס־ראַט ביים הויפּט־וואַל־קאָמיטעט.

שלום אייך!

דערמיט דריקן מיר אייך אויס דעם טיפסטן מיטגעפיל און גרעסטן באַדויערן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאַריקאַטור. עס איז דאָ פּשוט אַריינ־

געפאַלן אַ קליינע מיספאַרשטענדעניש. קודם כל, וועגן פּינטעלע: מיר פאַרזיכערן אייך, אַז מיר האָבן דערמיט גאָרנישט געמיינט. דאָס איז געווען אַ פּשוטער דרוק־פעלער! מיר האָבן דעם ענין באַהאַנדלט אויף אַ ספּעציע־לער סעסיע און איינשטימיק באַשלאָסן: — צוריקציען דאָס פּינטעלע! וואָס שייך די נאָז אַלס גאַנצע, איז זי געצייכנט אין דער נאַטירלעכער גרויס, נאָר דער קאָפּ און די איבעריקע קערפּער־טיילן, זענען אָנגעגעבן אין קלענערן מאַסשטאַב, ערשטנס — צוליבן מאַנגל אין פּלאַץ; צווייטנס — צוליב דעם צו־גרויסן בויך פון דעם אַרבעטער־פירער, וועלכן מיר האָבן בשום־אופן נישט געקענט אַריינקוועטשן אין דעם קליינעם פלוג־בלעטל. מעגלעך אַז מיר וועלן אין נאָענטן פלוג־בלעטל געבן דעם בויך אַליין.

כדי עס זאָלן אָבער נישט זיין צווישן אונדז קיין ווייטערדיקע מיס־פאַרשטענדענישן, וועלן מיר געבן אַן אָנווייזונג אונדזער קאַריקאַטוריסט, אַז ער זאָל אין דער צוקונפט מאָלן קאַריקאַטורן פון אייערע חברים אָן נעז און אַפילו, אויב עס וועט אייך צופרידנשטעלן, אָן קעפּ, כדי זיי זאָלן זיין וואָס נאַטירלעכער און אָריגינעלער.

מיר מיינען, אַז דער באַשלוס וועט זיכער זיין אַ גרויסער ביי־שטייער פאַר אונדזערע צווישנפּאַרטייאישע באַציונגען און קעגנזייטיקער טאָלעראַנץ.

זייט דעריבער באַגריסט
און באַרואיקט!
אייער

(—) י. שפּאַכטעל

געשאָסן און געטראָפן...

איך ווייס נישט ווי איר, נאָר איך וועל די היינטיקע וואָלן נאָך לאַנג־לאַנג געדענקען. הערט אַ מעשה, צו וואָס מענטשן קענען דערפירן:

מיט עטלעכע טעג צוריק, קלינגט מען אָן צו מיר אין טיר. איך בין טאַקע נאָר וואָס געקומען אַ טויט־מידער פון דער אַרבעט, נאָר אויב מען קלינגט, איז דאָך נישט שייך צו זאָגן: — מיד, נישט מיד — עפענען דאַרף מען. צו דעם צוועק איז דאָך באַשאַפן געוואָרן אַ גלאָק, אַז מענטשן זאָלן קלינגען ווען זיי ווילן און וויפל זיי ווילן... הכלל, איך עפן די טיר, ערשט עס רוקן זיך אַריין צוויי געשטאַלטן, איינער אַ הויכער, אַן אויסגעצויגענער, דער צווייטער — אַ נידעריקער, אַן אָנגעבלאָזענער. דער הויכער האָט געטראָגן אַ פּאָר ברילן, וועלכע האָבן פאַרשטעלט אַ האַלב פּנים, דער נידעריקער וואָלט מסתמא נישט געקענט צוקלויבן קיין ברילן צו זיין אויפגעלאָפן לבנה־פּנים. דער הויכער האָט געטראָגן אַ פול אָנגעשטאָפּט רענצל, דער נידעריקער האָט קוים געשלעפּט זיין אָנגעשטאָפּטן גוף.

— מיר קומען צו אייך! — האָט דער הויכער אַ זאָג געגעבן זעצנדיק זיך מעשה באַלעבאָס ביים טיש.

— מען קען פאַרנעמען פּלאַץ? — האָט דער נידעריקער אַרויסגע־לאָזט אַ דין קוויטשיק קולכל, אַזוי ווי מען וואָלט איבערגערוקט אַן אַלטע שאַפע.

איך האָב זיך קיינמאָל נישט פאַרגעשטעלט, אַז אַזאַ אָנגעשטאָפּט פאַרשוינדל זאָל פאַרמאָגן אַזאַ דין שטימעלע.

— בבקשה, זיצט! — האָב איך אים געענטפערט, כאָטש יענער איז שוין פון לאַנג געזעסן ווי ביי זיין טאַטן אין ווייַנגאָרטן.

— מיר זיינען געקומען מכוח די וואָלן! — האָט דער הויכער אָנגע־הויבן.

— אָך, אַזוי, מכוח די וואָלן? — האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט, — אָבי איך האָב געמיינט...

— איר האָט נישט וואָס צו מיינען! — האָט דער נידעריקער אַ

פישטש אַרויס געגעבן, ווי עמיצער וואָלט אַנגעטראָטן אויף אַ צעקוועטשט־טער, זויערער אוגערקע. זאָגט אונדז קודם־כל: ווי איז אייער נאָמען?

— לייב, — זאָג איך, מיינענדיק אַז דערמיט וועל איך זיי שנעל פּטור ווערן און זיך קענען צולייגן אַ ביסעלע אָפּרוען.

— לייב? — פרעגט ער נאָכאַמאָל און פאַרנאָטירט עפּעס אויף אַ פּאַפּיר־בויגן.

— און דער פאַמיליען נאָמען?

— פוקס — זאָג איך.

— און אייער טאַטע ווי הייסט?

— ער הייסט שוין נישט...

— אָבער ווי האָט ער געהייסן?

— בער, זאָג איך.

— און די מוטער? — פאָרשט ער ווייטער.

— הינדל, — ענטפער איך ווי אַ געוואָרנזאַמער תלמיד ענטפערט דעם רבין.

— כי, כי, כי! — גיט זיך דער נידעריקער פלוצים אַ צעלאַך — אַ משפחה פון סאַמע חיות!...

— חיות אַהער, חיות אַהין! — גיט זיך דער הויכער אַ רייס אָפּ און כאַפּט בשעת־מעשה די ברילן, זיי זאָלן זיך נישט אַראָפּגליטשן פון דער נאָז — אַבי זיי האָבן שטימרעכט!...

הכלל, זיי האָבן מיר אָנגעקלאַפּט אַ פולן ספאָדיק, אָנגעדולט אַ מוח מיט פּאָליטיק, מיט ראַקעטן, מיט „מאָניבייקערס" און אַנדערע שוואַרץ־יאָרן, וואָס זענען מיר אַיין אויער אַריין און פון צווייטן אַרויס. איך האָב געפילט ווי דער קאָפּ בעט זיך אין בעט אַריין, ווי די אויגן קלעפּן זיך מיר צו. ווי דורך אַ נעפּל האָב איך געזען אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע ברילן, וואָס האַלטן זיך אין איין אַראָפּגליטשן פון דעם קליינעם נעזל, אַ פעט, אויפגעבלאָזן פנים, וואָס האָט כסדר געכיכיקעט, רויט ווערנדיק דערביי — ווי אַ צייטיקער אַרבוז... איך האָב אַפילו נישט באַמערקט — ווען זיי זענען אַוועק. ווי אַ שיכורער האָב איך זיך צוגעשלעפּט צום בעט, פאַרשעלטנדיק די וואָלן מיט זייערע פּראָפּאַגאַנדיסטן אינאיינעם. איך האָב אַרויפגעלייגט מיינע פיס, וואָס האָבן געוווּגן אַ פוד, אויפן געלעגער און פלוצים... ווייטער אַ קלונג!...

איך קריך אַראָפּ פונעם געלעגער, כ׳פּיל, ממש, ווי טרערן שטיקן מיך

פאַר כעס און מידקייט, איך עפן די טיר, — ערשט פאַר מיר שטייען ווידער די צוויי לצים, דער הויכער און דער נידעריקער...

— כי, כי, כי! — גיט זיך דער נידעריקער אַ צעלאַך — כ'האָב דיר געזאָגט, אַז דאָ זענען מיר שוין געווען. דאָס איז דאָך אַדון וואָלף...

— נישט וואָלף, נאַר פוקס! — פאַרבעסער איך אים און איך פיל, אַז אָט אָט וועל איך זיך אַ וואַרף טאָן אויף דעם רויטן, אויסגעפּרעסענעם פּרצוף, אָנכאַפּן אים ביים דיקן, אָנגעבלאָזענעם האַלדז און...

— כי, כי, כי, — גיט ער ווייטער אַ לאַך: — וואָלף, פוקס, וואָס איז דער חילוק, — אַבי אַ חיה, אַבי איר האָט שטים־רעכט, — סיטשעט ער אַרויס ווי אַ שלאַנג, — אַנטשולדיקט, זאָגט ער, מיר וועלן אייך מער נישט באַאומרואיקן — און פאַרמאַכט מיר די טיר פאַר דער נאָז...

אַ האַלב־טויטער בין איך אַוועק צום בעט, אַנידערגעפאַלן ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים און איידער איך האָב נאָך באַוויזן צומאַכן אַן אויג — הער איך ווידער קלינגען.

— ניין, טראַכט איך מיר, — דאָס מאָל וועט שוין די שפּיל מער נישט אָנגיין. מער ווערסטו שוין ביי מיר נישט כיכיקען!...

איך בין שנעל אַריין אין קיך, געכאַפּט דעם שטרויענעם בעזים, צו־געגאַנגען צו דער טיר, פּלוצלונג זי געעפנט און... טררראַך!!!

ניין, דאָס בילד וועל איך קיינמאָל מער נישט פאַרגעסן! אַזאַ געוואַלד, האָב איך נאָך, דוכט זיך, קיינמאָל נישט געהערט.

— טשעקאַווע, — טראַכט איך — ווער עס האָט אַזוי געשריגן: דער הויכער, צי דער נידעריקער.

איך לאָז זיך אַראָפּ עטלעכע טרעפּ, איך גיב אַ קוק און עס איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן: אויף דער ערד איז געלעגן — מיין אייגן ווייב...

דערוויילן, דערהערנדיק דאָס געשריי, זענען זיך צונויפגעלאָפן אַלע שכנים און שכנות, איינע האָט געשריגן — „וואַסער"!, די אַנדערע „פּאָ־ליציי"!, די דריטע: — „רופט אַרויס די גיכע הילף"! די איבעריקע האָבן סתם געוואַלדעוועט. איך בין געשטאַנען ווי אַ פאַרטשמעלעטער מיטן בעזים אין דער האַנט, נישט ווויסנדיק וואָס איך זאָל פריער טאָן: צו אויפהייבן דאָס ווייב, אָדער גאָר צונויפקלייבן די טאָמאַטן, קאַרטאָפליעס, פלוימען און שאר ירקות וואָס האָבן זיך צעשאָטן פון מיין ווייבס קוישל!...

צום סוף, אַליין נישט וויסנדיק וואָס עס טוט זיך מיט מיר, האָב איך גאָר אָנגעהויבן קערן מיטן בעזים די טרעפּ...

צוויי שכנות האָבן זיך איבערגעקוקט און איינע האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן שטערן. איך האָב געקערט די טרעפּ טראַכטנדיק זיך דערביי: אַך־און־וויי וועט זיין צו מיינע יאָרן, ווען מיין יידענע וועט קומען צו זיך.

נו, זעט איר שוין צו וואָס וואַלן קענען דערפירן?

איך ווער אַ בוי־אונטערנעמער

„ווי לאַנג איך לעב, האָב איך נאָך נישט געזען אַ מאַנספּערשוין זאָל זיין אַזאַ לא־יצלח, אַזאַ שלימזל, אַזאַ גאָרנישט־שבגאָרנישט!" — איז אַרויס אויף מיר מיין לעבנס־באַגלייטערין, מיין קרוין פון קאָפּ, ערב ראש־השנה, ווען דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט, ווי פאַרוואָלקנט עס איז געווען מיין גאַנץ געמיט.

— וואָס איז שוין ווידער געשען?

— ער פרעגט נאָך! קוקט אים נאָר אָן דעם פאַרזאָרגער מיינעם. וואָס איז געשען, — פרעגט ער! אינדרויסן קאַפּעט, באַלד רוקט זיך אָן דער ווינטער און ער — גאָרנישט! נישטאָ קיין שיך, קיין וואַרעם קלייד, נישטאָ קיין מאַנטל, נישט פאַר מיר, נישט פאַר די קינדער... כ'האָב געמיינט אַז איצט, נאָך די וואַלן, ווען זיין פאַרטיי איז געבליבן ביי דער מאַכט, וועט ער שוין ווערן אַ שטיקל מענטש. ווייס איך וואָס! אַז איינס איז געבוירן אַ טויגעניכטס, שטאַרבט ער אַ טויגעניכטס. פאַר אַזאַ איינעם איז נישט קיין אונטערשייד — פאַר די וואַלן, נאָך די וואַלן! — און זי האָט זיך ביטער צעוויינט.

און טרערן, זעט איר, קען איך נישט פאַרטראָגן. טרערן רירן מיך, צענעמען מיך גלייך אויף שטיקלעך. כאָטש כ'ווייס, אַז דאָס איז ביי איר אויף באַשטעלונג. נאָר פאָרט טרערן און...

— נו, שוין, שוין! כ'האָב גאָרנישט געזאָגט, — פּרוביר איך זי באַרויקן — פאַרמאַך דעם וואַסער־קראַן. דו ווייסט דאָך, אַז כ'האָב פיינט טרערן? כ'וועל שוין זען עפּעס־וואָס צו טאָן... כ'וועל שוין זען... (און צווישן אונדז גערעדט — איז זי דאָך כשר גערעכט: אַלע קענען, אַלע מעגן, נאָר איך נישט? אַלע קענען פון גאָרנישט מאַכן גאָלד און ביי מיר איז עס תמיד פאַרקערט... נאָר איך ליג תמיד נייך איילן טיף אין דער אדמה...).

„אדמה"... יאָ, „אדמה"... אָט־אָ דאָס איז עס דאָך! דאָס איז דאָך דער עיקר! קודם־כל — אַ שטיקעלע אדמה, אַ שטיקעלע ערד, אַ קליין מגרשל... קעגנאיבער מיר שטייט אַ ליידיקער פּלאַץ. ער שטייט שוין אַזוי, ווער

ווייסט ווי לאַנג? כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען, אַז ס'זאָל עמעצער קומען זיך פאַראינטערעסירן מיט דעם פלאַץ. טאָ פאַרוואָס זאָל שטיין אַ פלאַץ סתם אַזוי זיך, אין דער וועלט אַריין און מענטשן זאָלן שיטן אויף אים דאָס מיסט? פאַרוואָס זאָל איך פלאַצן צוקוקנדיק ווי אַנדערע מאַכן גאָלדענע געשעפטן אין דער צייט, ווען אָט־אָ דאָ, ממש אונטער דער נאָז, שטייט אַ ליידיקער פלאַץ, אַ גאָלד־גרוב?

נישט לאַנג געטראַכט האָב איך גענומען אַ טאָוול, אַרויפגעקלאַפּט אים אויף אַ ברעט און אָנגעשריבן ווי אַ גרויסער בוי־אונטערנעמער:

„דאָ בויט זיך אַ בית־משותף.

דירות לוקסוס, 1, $1\frac{1}{2}$, 2 און 3 צימערדיקע וווינונגען.

דער קבלן — דאָ דערנעבן".

דאָס ברעט מיטן טאָוול האָב איך אַריינגעקלאַפּט אינמיטן ליידיקן פלאַץ און אַ צופרידענער אַוועק אַהיים.

— שרה'לע, — האָב איך אויסגעשריגן גלייך פון דער שוועל — נישט געזאָרגט! מיר וועלן אויך זיין גבירים! קענסט מיר שוין אָפּגעבן מזל־טוב — כ'בין געוואָרן אַ קבלן!

— וואָס? איך גלויב נישט! דו — אַ קבלן?

— כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת: איך אַליין גלויב נאָך אויך נישט... אָבער אַ אָנהויב האָב איך געמאַכט. אַלע גרויסע קבלנים האָבן אַזוי אָנגעהויבן.

— זעסט, כ'האָב דיר שטענדיק געזאָגט, אַז דו דאַרפסט נאָר וועלן וועט שוין אַלץ זיין אין בעסטן אָרדענונג. איך ווייס דאָך, אַז דאָס וואָס דו האָסט אין מינדעסטן פינגערל, האָבן נישט אַנדערע אין זייער גאַנץ לייב און לעבן...

אירע אויגן האָבן איצט געלויכטן — ווי דער הימל נאָך אַ רעגן. די בעקעלעך אירע האָבן געפלאַמט, די באַוועגונגען אירע זענען געוואָרן פלינקערע, לייכטערע. פון יעדן פריידיקן, צוזאָגנדיקן בליק וואָס זי האָט מיר צוגעוואָרפן איז מיר געוואָרן וואַרעם, כמעט הייס אין אַלע גלידער. איך האָב זיך איצט געפילט — ווי אַ חתן־בחור אין דער חופה־נאַכט, ווי נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע, בכבודו־ובעצמו.

אָט וואָס רייכטום און אונטערנעמערישקייט קען מאַכן פון אַ מענטשן! איצט פאַרשטיי איך שוין, פאַרוואָס אַלע נגידים, אַלע עשירים

זענען תמיד צעשמייכלטע, צופרידענע, גליקלעכע, בפרט — נאָך אַ געלונ־גענעם באַנקראָט...

✶

וואָס זאָל איך אייך זאָגן: נעכטן האָב איך אַריינגעקלאַפּט דעם טאָוול אין דער ערד און שוין היינט האָב איך גענומען האַנט־געלט פאַר די ערשטע צוויי וווינונגען.

איך ווייס נאָר נישט וואָס מען טוט ווייטער? צי זאָל איך טאַקע אָנהויבן בויען? און אויב שוין יאָ בויען — וואָס בויען? פון וואָס בויען? פון וואָס הויבט מען דאָ אָן? קלוגע מענטשן זאָגן, אַז יעדער זאַך מוז האָבן אַ פונדאַמענט. אַ הויז — אויך. טאָ וואָס טוט מען מיט אַ פונדאַמענט? ווו נעמט מען אַ מענטשלעכן פונדאַמענט? מיט וואָס עסט מען דאָס?

און אפשר איז גאָרנישט כדי זיך צו פאַרנעמען מיט דעם גאַנצן עסק? ווייניק שיפן גייען דאָס קיין אויסלאַנד? איצט איז דאָך שוין נישט דאָס וואָס אַמאָל. מיר זענען געוואָרן אַ מדינה מיט מדינות גלייך, מיט אייגענע מיניסטאָרן, מיט רעדל־פירער, מיט שיפן, מיט אַפערעיסטן... טאָ אפשר וואָלט געווען כדי נעמען דאָס האַנט־געלט, איינפּאַקן ווייב און קינדער און היידא — קיין אויסלאַנד?!...

וויפל, משטיינסגעזאָגט, קען דאָס אינגאַנצן קאָסטן אַ שיפס־קאַרטע? אפשר ווייסט איר וויפל?

✶

— נו? — האָט מיך מיין ווייבעלע אַ פרעג געטאָן אין עטלעכע טעג אַרום, גלייך אינדערפרי, נאָך אײדער איך האָב באַוויזן אויסוואַשן די אויגן און פאַרקעמען די דריי האָר אויפן קאָפּ.

— נו־נו... — האָב איך אָפּגעזיפצט.

— וואָס — נו־נו? — גיט זי אַ געשריי — וואָס האָסטו זיך צענוקעט באַלד אינדערפרי אויפן ניכטערן מאָגן? איך האָב דאָך דיך עפּעס געפרעגט!

— וואָס, למשל?

— זע נאָר ווי ער מאַכט זיך תמעוואַטע... וואָס למשל, פרעגט ער. איך וויל וויסן וואָס וועט זיין דיין סוף?

— אַ, אין דעם גייט עס דיר? נו, דאָס קען נאָר וויסן ער, דער — וואָס לעבט אייביק.

— קוקט אים נאָר אָן, דעם פאַרזאָרגער מיינעם! — גיט זי אַ פּאַר־קוועטש אירע דינע ליפּעלעך — האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן, דאָס טעלערל פון הימל. אַ בייטל האָסטו מיך געהייסן נייען. אַ בוי־אונטער־נעמער, אַ קבלן, משטיינסגעזאָגט, האָסטו געוואָלט ווערן? וואָס וועט איצטער זיין דיין סוף? וועסט דאָך פאַרפוילט ווערן אין תפיסה! מילא, מיט דיר — האָב איך נישט קיין גרויסע זאָרג. וועט זיין אַ פּרעסער ווייניקער אין דער משפחה, אָבער איך און די קינדער? וואָס וועלן מיר איצטער טאָן? פונוואַנען וועלן מיר נעמען אויף צום לעבן?

— שרה׳לע, — האָב איך זי געוואָלט טרייסטן — מסתמא איז אַזוי געוועזן זיין ווילן. מסתמא האָט ער נישט געוואָלט אַז איך זאָל ווערן אַ קבלן, נאָר אַ אַרעסטאַנט און זיצן אין חד־גדיא.

— ווער איז דאָס דער „ער״?

— נו, ער, אויבן...

— ווער, דער ראַפּאָפּאָרט וואָס וווינט איבער אונדז? וואָס איז דאָס זיין טריפה עסק?

— נישט ראַפּאָפּאָרט. ווער רעדט פון אַ ראַפּאָפּאָרט? איך מיין דעם וואָס וווינט איבער ראַפּאָפּאָרטן, איבערן דאַך, דאָרט אויבן אין הימל, געלויבט זאָל זיין זיין ליבער נאָמען! איך האָב דאָך געטאָן אַלץ וואָס מען דאַרף: כ׳האָב אַליין געמאַכט דעם טאָוול, אַליין אים אַריינגעשטעקט אין דער ערד, אַליין גענומען האַנט־געלט... אַלץ איז דאָך געגאַנגען ווי אין פּסוק שטייט: לך־לך. גיי וויס אַז דער רוח וועט אָנטראָגן עפּעס אַ פּקח, אַ קאָנטראָלער, אַ גאַרנישט מיט אַ גאַרנישט און ער וועט מיך פרעגן אויף אַ דערלויבעניש, אַ רשיון. ווער מיר רשיון, וואָס מיר רשיון? כ׳האָב געמיינט: עס שטייט אַ ליידיקער פּלאַץ, וועל איך דערווייל קענען צולייגן אַ האַנט צום בנין־הארץ, אויפשטעלן אַ הויז, אַריינלאָזן מענטשן, שאַפן וווינונגען פאַר נייע עולים... נאָר זייער טובה האָב איך דאָך געוואָלט! אַלע ווילן דאָך נאָר זייער טובה...

— טובה־שמובה! פאַרוואָס האָסטו פריער נישט געפרעגט צו וועמען דער פּלאַץ געהערט?

— וואָס הייסט, איך וועל זיך גיין פרעגן? וווהין זאָל איך גיין? וועמען פרעגן? וואָס פרעגן? מיך פרעגט מען אַסך? פונוואַנען האָב איך

געזאָלט וויסן, אַז דער פּלאַץ געהערט צו אַ תל־אביבער גביר, אַ נגיד, וואָס קען זיך דערלויבן צו האַלטן ליידיקע פּלעצער? פאַר ליידיקע פּלעצער צאָלט מען דאָך אַ פאַרמעגן מיט שטייערן! טאָ פאַרוואָס זאָל ער צאָלן אַזויפיל שטייערן? וואָס בין איך שולדיק, אַז איינער האָט אַזוי פיל און דער אַנדערער — אַ פייג?

איך וואָלט נאָך אפשר פּרובירט אַרויסלייגן נייע, וואָגיקע אַרגומענטן, נאָר פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ קלונג ביי דער טיר.

— ביטע, קומט אַריין!

— דאָ וווינט...

— יאָ, ער וווינט!...

— איז קומט מיט אונדז...

— שוין, אָט גיי איך. כ׳וויל זיך נאָר געזעגענען מיט ווייב און קינדער... נו, קינדערלעך, זייט געזונט! זיי מיר געזונט, שרה׳לע! האָב אויף מיר קיין פאַריבל נישט. כ׳האָב געוואָלט ס׳זאָל זיין גוט... כ׳האָב נאָר קיין מזל נישט געהאַט ווי אַנדערע האָבן... נישט כדאי צו זיין אַ פּאַטריאָט און בויען הייזער פאַר דאַכלאָזע מענטשן... נישט כדאי...

— נישט כדאי צו זיין אַ קבצן, אַ לא־יצלח! — האָט מיין ווייב מיר איבערגעשלאָגן די רייד.

— ביסט גערעכט, שרה׳לע. ביסט כשר גערעכט. דו ביסט שטענדיק גערעכט, אפילו ווען דו ביסט נישט גערעכט ביסטו אויך גערעכט... נו, זייט מיר אַלע געזונט! צום ווידערזען אין אַ זעקס חדשים אַרום. נישקשה, עס איז נישט אַזוי פיל. זעקס חדשים, איז נישט קיין יאָר. אינגיכן וועלן מיר זיך ווידער זען און אַלץ וועט זיין אַזוי ווי תמיד.

בלייבט מיר געזונט און וואַרף אַמאָל אַריין אַ וואָלוווקע!...

— קומט, יידן, איך בין גרייט...

איבערקוואַליפיצירט

צו יעדער זאַך דאַרף מען האָבן מזל. אָט נעמט, למשל, מיך: איך בין אַ מאַלער, אַ שטובן־מאַלער הייסט עס. פרעגט זיך אַ קשיה: ווי קום איך צו מאַלעריי? איז די תשובה אַ פשוטע: צוליב אַ הינטל. צוליב אַ קליין, ווייס, קודלאַטע הינטל.

נאָר לאָמיר נישט פאַרלויפן די מעשה און דערציילן אַלץ מיט אַ טאָלק: איך בין אַ עולה חדש, אַ ניי־געקומענער הייסט דאָס. און געקומען בין איך פון אַ לאַנד, וועמענס נאָמען מען טאָר נישט דערמאָנען... דאָרט, אין דעם אַלטן פאָטערלאַנד, איז מיר געגאַנגען נישט שלעכט. דאָס הייסט: איבערגעגעסן — האָט זיך חלילה נישט, נאָר וואָס: — פון הונגער איז מען נישט געשטאָרבן. קיין פאַך האָב איך טאַקע נישט געהאַט, נאָר גאָרנישט: — מען האָט זיך אַן עצה געגעבן. אַביסל האָט מען געבאָרגט, אַביסל האָט מען געשיקט פון אַמעריקע, מיט איין וואָרט: מען האָט שוין געזען ערגערס !...

קומענדיק אָבער אין נייעם פאָטערלאַנד, האָב איך גלייך געזען, אַז געבראָטענע טייבעלעך וועלן מיר אין מויל אַריין אַליין נישט פליען. דאָ, פאַרשטייט איר מיך, דאַרף מען געבן די פעל... דאָ פירט מען זיך לויטן אַלטן כלל: „קטאָ ניע ראַבאָטאַיעט״ — דער מאַכט אַ משוגע לעבן און פרעסט צעזעצטערהייט און ווער עס אַרבעט — האָט אַ פייג... אמת: אַמעריקע האָט דאָ אויך, פון צייט צו צייט, אַריינגעוואָרפן אַ פעקל שמאַטעס, נאָר ווי שטייט דאָרט געשריבן אין דער תורה: „לא על לחם לבדו יחיה האדם״, פון שמאַטעס אַליין, הייסט עס, קאָן מען נאָך נישט זאַט ווערן. מען דאַרף אַמאָל האָבן אַביסל פליסיקן קאַפּיטאַל אויך, און דאָ, זעט איר, ליגט דער הונט באַגראָבן, ווייל באָרגן — איז נישטאָ ווו און ביי וועמען, און סתם דרייען — קענען אַנדערע נישט ערגער פון מיר... הכלל, טראַכט איך מיר: יונה — ס'איז אַ קלאָג צו דיין נאַרישן קאָפּ! אויב וועסטו נישט אויסגעפינען עפּעס אַ שטיקל אַרבעט, מעגסטו שוין אַרויסלייגן די

צונג אויפן פליש־ברעטל, איינזאַלצן זי, באַפעפערן, דורכלאָזן דורך דער פליש־מאַשינקע און זי אויפעסן רויערהייט...

קורץ פון דער זאַך: איך האָב באַשלאָסן זיך נעמען פעסט אין די הענט אַריין און אָנהויבן זוכן עפּעס אַ שטיקל פרנסה. כ׳זוך אַ וואָך, כ׳זוך צוויי — נעכטיקע טעג! נישטאָ פאַר מיר קיין אַרבעט. האָבן מיר דאָך אַ ליכטיקן פאָטער אין הימל, מאַכט זיך אַ מעשה און אין דער זעלבער צייט ווען איך האָב געזוכט אַרבעט, האָב איך פאַרלוירן — אַ קינד.

איר הערט אַ מעשה? אַרויסגעגאַנגען אינדערפרי פון שטוב — און אַזוי ווי אין וואַסער אַריין.

אַהיימגעקומען פון זוכן אַרבעט, דערזע איך פלוצים אַ צונויפגעלויף, אַ שטופעניש, אַ געררודער נעבן מיין הויז.

— וואָס האָט דאָ פאַסירט? — פרעג איך אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף.

יענער גיט אויף מיר אַ קוק, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און ענטפערט נישט קיין וואָרט.

די מעשה איז מיר גלייך געוואָרן פאַרדעכטיקט. נישט לאַנג געטראַכט, לויף איך אַרויף איבער די שטיגן, פאַל אַריין אין שטוב, ערשט מיין זעלדע זיצט אַ פאַרוויינטע, מיין עלטערער זון, בערישל, העלפט איר צו כליפּען, אין שטוב דרייען זיך אַרום פרעמדע מענטשן ווי ביי זיך אינדערהיים. זיי באַמערקן גאַרנישט אַז איך בין אַריינגעקומען...

— זעלדע! — גיב איך אַ געשריי — וואָס איז געשען?!

— דוד׳ל, — כליפּעט זי — מיין אויג אין קאָפּ...

— וואָס דוד׳ל? רעד שוין אַ וואָרט!

— פאַרפאַלן געוואָרן...

— וואָס הייסט פאַרפאַלן געוואָרן? — בין איך שוין אויסער זיך — וואָס איז ער — אַ שפּילקע־קעפּל? וווהין איז ער אַוועק?

דערציילט זי מיר די גאַנצע מעשה, ווי אַזוי דער קליינער יאַט איז גלייך נאָכן פרישטיק אַראָפּ אין גאַס זיך שפּילן. אַוועק אַ שעה, צוויי, דריי — דוד׳ל קומט נישט צוריק. „וווּ איז דוד׳ל?“ — פרעג איך די קינדער אויפן גאַס. קיינער ווייסט נישט. „וואָס הייסט, איר ווייסט נישט?“ — פרעג איך ווייטער — „ער האָט זיך דאָך געשפּילט צוזאַמען מיט אייך!“ זאָגן זיי: — „מיר האָבן אים נישט געזען...“ „וואָס הייסט — נישט געזען?“ „נישט געזען!“ — גיט מיר אַ זאָג אַ מיידעלע — „וואָס בין איך עפּעס זיין מאַמע?“

לויפט זי צו די שכנים, צו באַקאַנטע, קוקט אַריין אין פרעמדע הייף, אין גערטנער, רופט, שרייט — אַ נעכטיקער טאָג. נישטאָ דוד׳ל... נישטאָ איר אויג אין קאָפּ...

— פאַרוואָס האָסטו גלייך נישט צווישן געגעבן אין דער פּאָליציי? — פרעג איך.

— וואָס הייסט, פּאָליציי? — ווישט זי זיך די טרערן — גלייך לויפן אין דער פּאָליציי? כ׳האָב פיינט פּאָליציי!...

— וואָס הייסט, דו האָסט פיינט? דאָס איז דאָך נישט „יענע" פּאָליציי! דאָס איז דאָך אַן אייגענע פּאָליציי, אַ יידישע, עמך!

— כ׳וואָלט אפשר געגאַנגען, נאָר כ׳האָב געמיינט: אפשר קומט ער באַלד, אפשר האָסט דו אים מיטגענומען?... איצטער, אַז דו ביסט געקומען, זע איך דאָך שוין אַז ס׳איז מיר פינצטער מיין וועלט, אַז מיין ווייטיק איז נעבעך ביטער־גרויס...

הכלל, נישט לאַנג טראַכטנדיק, כאַפּ איך די פיס אויף די פלייצעס און לאָז זיך הענדום־פענדום גלייך אין דער פּאָליציי אַריין.

— פאַניע שוטר, — שריי איך גלייך פון דער שוועל — העלפט מיר!

— וואָס האָט פּאַסירט? — פרעגט דער דיזשורנער אַ דער־שראָקענער.

— העלפט מיר אויסגעפינען מיין ווייבס אויג פון קאָפּ!

— וואָ—אָ—אָ—ס!? — גיט ער אויף מיר אַ קוק ווי אויף אַ נישט־גוטן.

— פאַרפאַלן געוואָרן... — שטאַמל איך — היינט אינדערפרי... מיין ווייב איז שוין אויס מענטש...

— וואָס הייסט אַן אויג? — פרעגט דער דיזשורנער פּאָליציאַנט.

— אַרויס, פאַרשטייט איר מיך און אַזוי ווי אין וואַסער אַריין...

— וועלכעס אויג, דאָס רעכטע צי דאָס לינקע?

— וואָס מיר רעכטע, וואָס מיר לינקע? — ווער איך שוין אויסער זיך — וואָס קריכט איר מיר דאָ אַריין מיט פּאָליטיק? איך האָב פיינט פּאָליטיק! אַז ווו מען קערט זיך און ווו מען ווענדעט זיך הויבט מען דיר גלייך אָן האַקן אַ טשייניק מיט פּאָליטיק! איך רעד וועגן מיין ווייבס אויג אין קאָפּ, וועגן מיין דוד׳ל, און ער פרעגט מיך וועגן רעכטע און לינקע!...

— באַרואיקט זיך, אדון, — גיט ער אויף מיר אַ בייזן קוק —

רעדט מיט אַ טאָלק מען זאָל אייך פאַרשטיין. ווער איז דער דוד׳ל וואָס איר האָט דערמאָנט?

— דוד׳ל?

— יאָ, דוד׳ל.

— דוד׳ל ווייסט ער נישט. געהערט אַ מעשה? איך רעד צו אים אַ שעה צייט, פאַרשטייט ער ערשט אויפן ווונק... דוד׳ל, מיין זון, מיין ווייבס אויג אין קאָפּ! אַרויסגעגאַנגען אינדערפרי און זיך נאָך נישט אומ־געקערט. אַזוי ווי אין וואַסער אַריין...

— וואָס האָט ער געטראָגן אייער דוד׳ל?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? איך בין דען געוועזן אין שטוב? געגאַנגען אַרבעטן... דאָס הייסט, געגאַנגען זוכן אַרבעט...

— וואַרט אַ מינוט! — גיט ער צו מיר אַ זאָג — באַלד שיק איך צו אייך אַ פּאָליציאַנט.

דערביי גיט ער אַ קוועטש אַ קנעפּל און אַזוי ווי פון אונטער דער ערד, גיט אַ וואַקס אויס אַ פּאָליציאַנט.

— וואָס איז געשען? — גיט ער אַ פרעג דעם דעזשורנעם.

— נאָך אַ קינד... — ענטפערט ער אים און גיט מיטן קאָפּ אַ וויז אויף מיר.

— אים׳ס?

— יאָ.

— ווו וווינט איר? — גיט ער מיך אַ פרעג.

— אין דער סיני־גאַס.

— קומט מיט מיר! — נעמט ער מיך אונטערן אָרעם און פירט מיך אַרויס אינדרויסן — קריכט אַריין! ווייזט ער מיר אָן אויף אַ גרינעם דזשיפּ.

ווען מיר זענען צוגעקומען צו מיין הויז, איז דאָרט געווען נאָך מער מענטשן ווי פריער. דאָס הייסט, אַז מענטשן איז שוין געווען ווייניקער, נאָר קינדער — אַ ים! נישט דורכצופאָרן, הערט איר. אונדז דערזען, האָט זיך דאָס קרענצל געגעבן אַ צעשיט און אינמיטן פונעם קרענצל שטייט, נו, טרעפט ווער? פאַרשטייט זיך: מיין דודל, מיין בלוט און פלייש, מיין ווייבס אויג אין קאָפּ...

— ממזר! — גיב איך אַ געשריי — ווו ביסטו געווען!?

— דאָס איז דאָס פאַרלוירענע קינד? — גיט מיך דער פּאָליציאַנט אַ פרעג.

— יאָ... — שטאַמל איך אַ פאַרשעמטער — איך דאַנק אייך פאַר דער הילף. איינגעשפּאַרט אייך אַן אַרבעט אים צו זוכן... ער וועט שוין ביי מיר כאַפּן אַ פּסק, אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין! אַזאַ ממזר!

— שרייט נישט אויף אים, — זאָגט דער פּאָליציאַנט — איר זעט דאָך אַז ער איז שטאַרק איבערגעשראָקן. מילא, עס פּאַסירט אַז אַ קינד פאַרגעסט זיך... אַבי ער איז געזונט און גאַנץ... שלום אייך — זאָגט ער און אַ קוק געבנדיק אויף מיין תכשיט גיט ער אַ מאַך צו אים מיטן פינגער:

— זאָלסט מער אַזוי נישט טאָן! זע וואָס פאַראַ מהומה דו האָסט אָנגעמאַכט. אַז מען וויל ערגעץ אַוועקגיין, דאַרף מען פריער צוויסן געבן טאַטע־מאַמע. בעטן אַ דערלויבעניש...

און מיט די ווערטער איז ער אַוועק.

— שגץ! — שריי איך — אין שטוב אַריין! שאַנדעס און בזיונות ווּעסטו מיר אָנמאַכן? איך בין נישט קיין פּאָליציאַנט! איך וועל צו דיר נישט ריידן אַזוי איידל! שניידן וועל איך פון דיר לעבעדיקע שטיקער און וואַרפן פאַר די הינט!

און אַזוי ווי איך זאָג אַרויס דאָס וואָרט „הינט", דערהער איך אַ ביל. כ'קוק זיך אַרום — נישטאָ אינערגעץ קיין הונט, נאָר אַ כאַפּטע קינדער וואָס האָבן זיך פלוצלונג צעלאַכט.

איך כאַפּ אַ קוק אויף מיין דודל, ערשט איך זע, אַז ער באַהאַלט עפּעס פון הינטן...

— וואָס האָסטו דאָרט? — גיב איך אַ פרעג.

— גאָרנישט, טאַטע, גאָרנישט! — נעמט ער זיך רוקן אויף צוריק.

— ווייז נאָר אַהער, וואָס באַהאַלטסטו דאָרט?

— טאַטעלע, — שרייט ער — נעם מיר נישט צו!

— כ'וועל דיר גאָרנישט צונעמען, — זאָג איך — כ'וויל נאָר זען וואָס דו באַהאַלטסט דאָרט.

— שווער זיך טאַטע, — זאָגט ער מיט אַ געבעט — אַז דו וועסט מיר נישט צונעמען.

— בחיי! — שווער איך — כ'וועל דיר נישט צונעמען.

אַ ברירה האָב איך געהאַט? צוליב אַ שבועה וועל איך גיין מאַטערן אַ קינד, אייגן בלוט און פלייש, מיין ווייבס אויג אין קאָפּ?...

— נו, ווייז שוין אַהער וואָס דו האָסט דאָרט, — זאָג איך, ווייל אַליין בין איך שוין אויך געוואָרן טשעקאַווע צו זען די מציאה וואָס ער באַהאַלט.

מיין ממזר גיט זיך פּאַרזיכטיק אַ רוק אויף צוריק און שטרעקט אויס צו מיר די הענט אויף וועלכע עס ליגט אַ קליין, ווייס, קודלאַטע הינטעלע.

— דודל, — פרעג איך — פונוואַנען האָסטו דאָס גענומען?

— מיין חבר האָט מיר געגעבן אַ מתנה, — רוקט ער זיך שוין צו נענטער — זייער סוטשקע האָט געבוירן אפשר צען שטיק!

איך נעם דאָס באַשעפעניש אין האַנט אַריין. וואָס זאָל איך אייך זאָגן: אַ הינטעלע — אַ גאָלד! אַזעלכעס זעט מען נישט! איר האָט באַדאַרפט אַנקוקן דאָס ווייכע, ווייסע פעלעכל, די צוויי ברוינע, גנבישע אויגעלעס און דאָס שוואַרצע, נאַסע מאָרדקעלע. אַ כפרה, זאָג איך אייך אַלע אַנדערע פאַר־געניגנס פאַר אַזאַ בריליאַנט!

איך בין געשטאַנען גלעטנדיק מיין זונס מציאה, געקיצלט עס אין העלדזל און בשעת־מעשה פאַרגעסן אין דער גאַנצער וועלט. ווייל איך בין, פאַרשטייט איר מיך, משוגע אויפן געביט פון הינט. אַז איך דערזע אַ הינטל, פאַרגעס איך אין אַלץ, אין אַלע צרות פאַרגעס איך. איך האָב אַפילו פאַרגעסן, אַז אויבן זיצט נאָך אַלץ מיין ווייב, מיין זעלדע, פאַרברעכט די הענט, פאַרגיסט ביטערע טרערן און וויסט גאָרנישט, אַז איך שטיי דאָ אונטן מיט איר אויג פון קאָפּ און גלעט אַ הינטעלע...

✶

הכלל, וואָס זאָל איך אייך דערציילן? אַז מיין זעלדע האָט אונדז דערזען, איז ערשט געוואָרן דאָס אמתע געוויין, די ריכטיקע כליפּעריי.

— דודל, קרוין מיינע, מיין אויג פון קאָפּ, ווו ביסטו געוועזן?

— זעלדע, — מיש איך זיך אַריין — לאָז אים צורו. דאָס קינד איז דערשראָקן. מילא, אַ ביסל זיך פאַרשפּעטיקט. ס׳טרעפט אַמאָל. אַבי ער איז געזונט און גאַנץ.

— אוי, — קרעכצט זי — כ׳האָב דאָך שוין קיין כוח נישט פון וויינען.

דערביי דריקט זי אים אַזוי שטאַרק צו זיך צו אַז מיר דוכט זיך — אָט־אָט און זי וועט אים צעקוועטשן די ביינדלעך.

— זעלדע, — זאָג איך — לאָז אָפּ ס׳קינד, דו וועסט אים דאָך דערשטיקן פון רוב ליבע.

— ווי גייט דאָס אַ קינד אַוועק פון דער היים און קומט נישט צוריק? — כליפּעט זי.

— דו ווייסט דאָך, — דערקלער איך איר — דאָ איז אַ לאַנד, ווו יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק ווערן פאַרפאַלן קינדער. ווייזט אויס, אַז די היגע קינדער זענען אַנדערע, מער זעלבסשטענדיק... מער מענטשן... זיי זענען דאָך ביי זיך אינדערהיים, טאָ וואָס האָבן זיי מורא צו האָבן? נאָר גאָרנישט — אַבי גאָט העלפט און מען געפינט זיי צוריק אָפּ.

— און וואָס איז דאָס ביי דיר אין דער האַנט? — גיט זי מיך פּלוצים אַ פרעג.

— אָ, אָט־אָ דאָס? — ווער איך צעטומלט — גאָרנישט... דו זעסט דאָך: אַ הינטל!

— אַ הינטל? — פרעגט זי, ווי זי וואָלט אַזאַ חיה גאָר קיינמאָל נישט געזען — ווי קומסטו צו אַ הינטל?

— נישט איך, — שטאַמל איך זעענדיק איר בייזן בליק און די פאַרחידושטע בליקן פון די שכנטעס — דאָס איז דודלס... ער האָט... דו פאַרשטייסט... ער האָט דאָס באַקומען אין דער פּאָליציי! — גיב איך פּלוצלונג אַ שאָס אַרויס, אַליין נישט וויסנדיק ווי אַזוי עס האָט זיך מיר אַרויסגעריסן.

— פון דער פּאָליציי?! — הער איך פּלוצים אַ פראַגע אין כאָר — די פּאָליציי גיט הינטלעך?!

— יאָ, — בין איך שוין ממשיך מיט מיין אָנגעהויבענעם ליגן — אַלע קינדער וואָס געפינען זיך אָפּ — באַקומען הינטלעך...

ביי די ווערטער האָבן זיך די שכנטעס בגניבה איבערגעקוקט, געכאַפּט אַ בליק אויף מיר, אויפן הינטל און פאַרזיכטיק זיך גענומען אַרויסרוקן פון צימער...

איך זע דאָס ממזרישע שמייכעלע פון מיין זון, די דערשראָקענע אויגן פון מיין ווייב און רעד ווייטער, ווי קיינמאָל גאָרנישט:

— דו פאַרשטייסט, די פּאָליציי זאָגט, אַז קינדער מוזן האָבן עפּעס וואָס זאָל זיי באַשעפטיקן, צובינדן צו דער היים און הינטלעך — בינדן צו... קינדער וואָס האָבן הינטלעך, שפּילן זיך מיט זיי און גייען נישט אַוועק פון שטוב. אַזעלכע הינטלעך, דאָס הייסט — קינדער, ווערן נישט פאַרלוירן

און אַז פּאָליציי זאָגט — מסתמא ווייסן זיי וואָס זיי ריידן... נישטאָ נאָך אַזאַ פּאָליציי ווי אונדזערע וואָס זאָל זיין אַזוי באַהאַוונט אין ענין הינטלעך, דאָס הייסט — קינדער...

— אָבער וואָס וועלן מיר אים געבן צו פרעסן, גרויסער פאַרדינער מיינער ?! כ'האָב דאָך אַזוי אויך נישט מיט וואָס אָן עק צו פאַרבינדן, דאַרף איך נאָך האָבן אַ הונט ? געֶנוג אַז כ'האָב דיך !...

— זעלדעלע, נישט געזאָרגט — האָק איך אַ נייעם טשייניק — כ'האָב שוין עפּעס אויפן אויג.

— וואָס האָסטו שוין ווידער אויפן אויג ? — פרעגט זי.

— געֶנוי ווייס איך נאָך נישט, נאָר דוכט זיך אַז עפּעס־וואָס וועל איך האָבן.

— ווען ?

— היינט־מאָרגן, שוין נישט לאַנג. איצט, אַז ס'איז אונדז אין אַ מזל־דיקער שעה צוגעקומען נאָך אַ פרעסער, וועל איך זיך שוין מוזן לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט, אַבי עפּעס־וואָס צו געפינען. איך מוז, פאַר־שטייסטו מיך, אויסלערנען זיך אַ פאַך. וואָסער פאַך ס'זאָל נישט זיין. ווייל פאַכלייט דאַרף מען האָבן. פאַכלייט פעלן תמיד אויס...

—טאָ וואָזשע ווילסטו טאָן ? — ווערט זי שוין אומגעדולדיק.

— כ'מיין, אַז כ'וועל זיך נעמען... צו פלייש. פלייש איז אַ גוטע פרנסה און אַז איך וועל זיך דרייען אַרום פלייש, וועט שוין אונדזער הינ־טעלע...

— טפו זאָלסטו מיר ווערן ! — גיט זי זיך פלוצלונג אַ ריס פונעם אָרט — זעסט וועמען ער וויל פאַרזאָרגן ?!

— וואַרט, וואַרט זעלדעניו ! רעג זיך נישט אויף. ווילסט נישט קיין פלייש ? דאַרף מען נישט ! אַ כפרה דאָס פלייש ! ווער דאַרף פלייש ? איז נישט קיין פלייש. וועל איך זיך נעמען צו עפּעס אַנדערש. ווינציק פאַכן זענען פאַראַן אויף דער וועלט ? וועל איך ווערן אַ... אַ מאָלער !, אַ שטובן־מאָלער הייסט עס. נו, גוט ? צופרידן ? זאָל זיין אַ שטובן־מאָלער. דאָס איז נישט קיין גרויסע תורה. מ'דאַרף נאָר האָבן אַ גוטע קאַלך־באַרשט, אַ צוויי דינערע פּענדזעלקעס און אַ ליידיקן עמער אויף קאַלך.

— נו, און דו וועסט קענען מאָלעווען ?

— וואָס הייסט : צי כ'וועל קענען ? פאַרוואָס זאָל איך נישט קענען ? געדענקסט נישט ווי אַזוי איך האָב אַמאָל אויסגעמאָלן אונדזער קיכל ?

— אָך און ווי איז געווען צום קיכל! — גיט זי אַ מאַך מיט דער האַנט.

— נו, — זאָג איך — ס'איז גאָרנישט געווען אַזוי שלעכט ווי דו מיינסט. פאַרגעס נישט אַז דאַן בין איך נאָך אין דעם פּאַך געווען אַ גרינער...

— און איצט ביסטו שוין אַ רויטער? — גיט זי אַקוק אויף מיר מיט חוזק.

— מילא, — ווער איך שוין אין כעס — דו וועסט תמיד געפינען אַ חסרון. אפשר איז עס דאַן טאַקע נישט אַזוי געלונגען. ס'איז דאָך פאַרט געווען דאָס ערשטע מאָל, נאָר איצט, אַלס פאַכמאַן...

✶

קורץ פון דער זאַך: מיין זעלדעלע האָט שלום געמאַכט מיטן נייעם גאַסט, מיטן הינטל הייסט עס — און איך האָב טאַקע באַשלאָסן האַלטן וואָרט און זיך פעסט נעמען צו מאַלעריי.

אַ קאַלך־באַרשט האָב איך געבאָרגט ביי מיינס אַ שכן, אַ פּאָר דינע פענדזלקעס האָב איך געכאַפּט ביי מיין זון, אַן עמער האָב איך געפונען אויפן הויף, כ'האָב זיך איינגעשאַפן אַ ביסל קאַלך, איינגעשמירט מיט דעם די בגדים, די הענט און דאָס פנים, אַז כ'זאָל אויסזען ווי אַן אמתער מאַלער — און זיך געלאָזן אין גאַס אַריין.

אַוועקגעשטעלט האָב איך זיך אויפן „פּלאַץ פון רויטן מגן־דוד”. מיט מיר זענען דאָרט געשטאַנען באַלאַטן־לייגער, אינסטאַלאַטאָרן, טישלער, עלעקטריקער, הויז־דינסטן און פאַרשטייט זיך, נאָך עטלעכע מאַלערס — ווי איך.

איך שטיי אַ שעה, צוויי, דריי — נעכטיקע טעג, מען זעט נישט קיין בעלנים. דער זייגער איז דערוויל נישט געשלאָפן. דער קאָפּ האָט שוין וויי־געטאָן פון די פאַרשידענע מעשיות און וויצן; אין בויך האָט אָנגעהויבן דרייען — און גאָרנישט.

— נישט אַנדערש, — טראַכט איך מיר — נאָר מענטשן האָבן אויפ־געהערט צו מאַלעווען זייערע וווינונגען, אָדער דער רוח האָט זיי סתם אַזוי אַוועקגענומען. אָט האָסטו דיר אַ נייע פּרנסה — מאַלעריי. איז דאָך טאַקע מיין זעלדע גערעכט. „אַז דו וועסט האַנדלען מיט תכריכים” — טענהט זי — „וועלן מענטשן אויפהערן צו שטאַרבן”.

איך זע אַז ס'איז נישטאָ קיין ברירה: מ'וועט זיך מוזן לאָזן אַהיימגיין. מ'קען דאָ אויסגיין פון הונגער וואַרטנדיק אויף אַ שטיקל קונה. און אַזוי ווי איך וויל נעמען מיין קלאַפּערגעצייג און זיך לאָזן אין וועג אַריין, קומט אַן אַ דיקע פּאַרשוינטע, גיט אויף מיר אַ קוק און פרעגט:

— איר זענט פריי?

— אַוודאי — זאָג איך — אַוודאי בין איך פריי. דאָס הייסט, כאַפּ איך זיך צוריק, איצטער בין איך צופעליק פריי...

אַ צוויי־צימער־וווינונג זענט איר גרייט אָנצונעמען? — פרעגט זי.

— אַ צוויי־צימער־וווינונג? — מאַך איך זיך קלערן מעשה מבין — מ'קען אָנעמען. ס'איז דאָ ביי אייך אַ סך צו קראַצן?

— וואָס קראַצן? — פרעגט זי.

— די ווענט. ווי זעען אויס די ווענט?

— די ווענט? — זאָגט זי — ווי אַלע ווענט: שטייען אוןריידן נישט קיין וואָרט...

— נו אויב אַזוי — טאָ לאָמיר גיין, ווייל קיין סך צייט האָב איך נישט...

— וואָס ווילט איר מאַכן? — פרעג איך זי גייענדיק.

— די צימערן, — זאָגט זי — נאָר אויסקאַלכן; דעם האָל וויל איך מאַכן שמן.

— שמן?

— יאָ, שמן.

— אייל־פּאַרב הייסט עס?

— יאָ, אייל־פּאַרב.

— וואָסער קאָליר?

— באָרדאָ... און אויבן אַ קענטל.

— ווו אויבן?

— ביים סופיט.

— וואָסער קענטל?

— אַ לעבעדיקס.

— אַהאַ, — זאָג איך און פיל בשעת־מעשה ווי מוראַשקעס הויבן מיר אָן קריכן איבער דער פּלייצע.

— און אַ לייטער האָט איר? — גיב איך זי אַ פרעג — ווייל מיינעם,

פאַרשטייט איר, האָב געלאָזן דאָרט, אין דער וווינונג וואָס איך האַלט אינגמיטן מאָלן...

— ווו וועל איך איצך נעמען לייטערס? — גיט זי אַ שטעל אָן אויף מיר צוויי גרויסע, קײַלעכדיקע, ברוינע קוקערס — וואָס איז ביי מיר — אַ לייטער־פאַבריק?

— נו, גאָרנישט... — הויב איך אָן שטאַמלען — איך וועל זיך מוזן אָן עצה געבן אָן אַ לייטער... אַ טיש האָט איר דאָך סמתמא און אַ בענקל אויך... מילא, וועל איך שוין מוזן אַרבעטן אָן אַ לייטער... כאָטש כ׳ווייס...

— וואָס ווייסט איר?

— אָן אַ לייטער, אויף אַ טיש, איז נישט אַזוי איי־איי־איי... צו אַזאַ אַרבעט ווי איך מאַך, איז בעסער אַז עס איז דאָ אַ לייטער, נאָר גאָרנישט: איך אָן אַ לייטער און אַנדערע מיט אַ לייטער — איז נאָך אויך נישט צו גלייכן... כאָטש...

— כאָטש וואָס? — גיט זי זיך ווידער אַ שטעל אָפּ.

— גאָרנישט... — זאָג איך — איך מיין... בכוח דעם שמן...

— וואָס שמן?

— איר פאַרשטייט? שמן איז אַ אַ גוטע זאַך, זייער אַ פיינע זאַך... נאָר...

— נאָר וואָס?

— עס שיילט זיך...

— וואָס שיילט זיך?

— שמן... אייל־פאַרב...

— פאַרוואָס זאָל עס זיך שיילן?

— ס׳מוז זיך שיילן. אַזאַ נאַטור האָט עס שוין... עס האָט זיך ליב צו שיילן. ס׳איז טאַקע גאַנץ גוט, גאַנץ פיין, נאָר מען קאָן אַמאָל אַריינפאַלן. מיט פראָסטן קאַלך — האָט מען נישט קיין צרות. מען גיט עס אַ קלעב צו צו דער וואַנט און עס רינט... דאָס הייסט: עס ליגט... עס קלעבט, מיין איך... פראָסטער קאַלך ווייסט נישט פון קיין קונצן. מען גיסט אַריין אַ ביסל זייף... כ׳מיין: אָן זייף, דאָס הייסט אַז צו די הענט דאַרף מען נאָר אַ ביסל זייף און שוין: ריין, פיין, ציכטיק, בעסער קאָן שוין נישט זיין. נאָר שמן — דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. שמן איז אַ גרויסער ממזר — עס קאָסט אָפּ אַ וועלט מיט געלט און איך האָב ביי מיר קיין צעבראָכענעם גראָשן נישט... דאָס הייסט, אַז איך פאַרדין אין דעם קיין גראָשן נישט...

— וויפל נעמט איר פאַר אַ קוב? — שטעלט זי מיר פלוצלונג אַ קלאָץ־קשה.

— פאַר אַ וואָס? — פרעג איך.

— פאַר אַ קובאָמעטער?

— אַ, פאַר אַ מעטער? וויפל זאָל איך נעמען? כ׳וועל דאָך ביי אייך נישט נעמען מער ווי ביי אַ צווייטן. ס׳ווענדט זיך נאָר — ווו איר ווילט דעם... דעם מעטער?

— וואָס הייסט? — בלייבט זי שוין אויף אַן אמת שטיין.

— וואָס הייסט ווו איך וויל דעם?... הערט נאָר: איר האָט היינט צופעליק נישט געכאַפּט אַ כוסעלע? עפּעס שטעלט איר מיר אַזעלכע מאָדנע קלאָץ־קשות... מיין האָל האָט אַרום און אַרום אַכצן קובאָמעטער. כ׳האָב אַליין, מיט מיין מאַן, געמאָסטן. טאָ וויפל וועט דאָס מיך דאַרפן קאָסטן?

— ס׳ווענדט זיך —זאָג איך — וואָסער אַרבעט איר ווילט? אויב לויט דעם לעצטן קוב... דאָס הייסט: לויט דער לעצטער מאָדע — איז עטלעכע פּיאַסטער מער, אויב לויט דער פריערדיקער, לויטן סטאַנדאַרט — איז דער פּרייז אַ פעסטער, אַ סטאַנדאַרטנער...

— מיין חברטע, — האַקט זי מיר איבער — האָט איצט באַצאָלט 11 פונט...

— 11 פונט? — זאָג איך, — מ׳קען מאַכן פאַר 10 פונט אויך און אינגאַנצן אומזיסט קען מען אויך מאַכן. מאַכן צו מאַכן איז נישט גלייך... ס׳ווענדט זיך ווער ס׳איז דער מאַכער, ווי אַזוי און מיט וואָס ער מאַכט! — ווער איך כלומרשט באַליידיקט.

— איך שווער אייך, — זאָגט זי אַרויפליינגנדיק בשעת־מעשה די רעכטע האַנט אויפן האַרצן — אַז זי האָט נישט באַצאָלט קיין איין גראָשן מער!

— וואָס רעדט איר? — ווער איך שוין אין כעס — איר ווייסט וואָס דאָס איז היינט 11 פונט? אַ גאָרנישט! אַ קיי־און־שפּיי — כ׳בעט איבער אייער כבוד! פאַר 11 פונט לוינט אַפילו נישט די הענט איינשמירן... פאַר 11 פונט וועל איך מאַכן אַ האָל פון 18 מעטער?

— טאָ וויפלזשע ווילט איר? לאָמיך שוין הערן אַ יידיש וואָרט!

— וויפל איך וויל? 18 מעטער זאָגט איר? אַליין געמאָסטן? מיט שמן? מיט אַ קענטל? אַן אַ לייטער? אין אַזאַ היץ?... גוט, איר וועט מיר

דערלייגן אַ האַלבן, מיט נאָך אַ האַלבן... דאָס הייסט: פֿאַר צוועלף און אַ פערטל פונט וועל איך עס מאַכן און שלום אויף ישראל!

— נו, אַבי איך האָב געהערט אַ פּרייז. טאָ נעמט זשע די כלים און גייט געגאַנגען. ביז מיר וועלן אָנקומען, וועט איר בעסער ווערן און אַראָפּ־לאָזן דעם פערטל פונט.

— כ׳קען נישט, גבֿרת!

— נישקשה, איך קען אויך נישט... קומט!

— יאָ, — גיב איך זיך אַ קלאַפּ אין שטערן — שמן האָט איר?

— שמן?

— יאָ, שמן! איר ווילט דאָך שמן?

— נו, טאָ זאָל איך אייך געבן שמן?

— ניין, נישט איר, נאָר איר פֿאַרשטייט: מיין שמן איז געבליבן דאָרטן, ביים פּראָפעסאָר, ווו איך האָלט אינמיטן מאָלן און דאָס בייטעלע — האָב איך אויך ביי אים געלאָזן, אין יענע הויזן. ביי אַן אַנדערן וואָלט איך עס נישט געלאָזן, נאָר ביי אַ פּראָפעסאָר — וועט עס זיכער נישט אַוועקומען... איז אויב איר ווילט, אַז עס זאָל זיין אויסגעמאָלן טיפּ־טאָפּ און ס׳זאָל זיך ביי אייך נישט שיילן, טאָ קומט מיט מיר אַריין אין אַ פֿאַרבן־געשעפֿט און קלויבט אייך אויס די קאָליר, דעם סאָרט און די פירמע, ווייל אַמבעסטן איז ווען מען פֿאַרלאָזט זיך אויפן אייגענעם געשמאַק. היינט טאָר מען זיך אויף קיינעם נישט פֿאַרלאָזן. מען טאָר קיינעם נישט גלייבן, אַפילו נישט קיין אייגן ווייב, בפרט אַז...

— אַז וואָס?

— אַז עס האַנדלט זיך אין מאָלעריי, ברענען זאָל עס...

✶

מיט די צוויי צימערן האָב איך זיך ווי נישט איז אַן עצה געגעבן. כ׳וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד, אַז כ׳האָב זיך אַליין נישט געריכט אויף אַזאַ גוט שטיקל אַרבעט. אמת, דער סופיט איז נישט געוועזן אַזוי איי־איי־איי. די פּאַסן זענען טאַקע אַרויסגעקומען אַ ביסעלע אוקאָסנע, נאָר גיי מאַך בעסער, אַז די אויגן זענען פול מיט קאַלך, עס ברענט פּשוט אַ פייער... נאָר גאָרנישט: ס׳האָט געקענט זיין אַ סך ערגער. לויט דעם קיכל, וואָס איך האָב אַמאָל אויסגעמאָלן, איז דאָס געוועזן אַ גאָלדענע אַרבעט. איבעריקנס,

ווער קוקט אויף אַ סופיט? ווען וועט עס גיין אין לעבן פאַררייסן דעם קאָפּ אויף אויבן און זוכן פּלעצער? דערפאַר, זעט איר, זענען די ווענט אַרויס גאַנץ נישקשהדיק. אַז מען האָט זיך געשטעלט אַ ביסעלע ווייטער, האָט מען אינגאַנצן נישט אַרויסגעזען די צייכנס פונעם פּענדזל.

ערגער איז געוואָרן, ווען כ׳האָב זיך גענומען צום האָל. ווייל אַז מען מאָלט מיט שמן, דאַרף מען פריער איינאיילן די ווענט, לאָזן זיי אויס־טרוקענען, דערנאָך — לייגן אַ גרונט און אַז דער גרונט איז שוין טרוקן, נעמט מען זיך ערשט צום וויכטיקסטן — צום שמן.

איר וווּנדערט זיך מסתמא וואָס איך בין גלייך געוואָרן אַזאַ גרויסער מומחה אין שמן, האַ? איי, מיינע טייערע, צו יעדער זאַך דאַרף מען האָבן מזל און אַ קאַפּינקע שמן, דאָס הייסט — אייל אין קאָפּ. ווייל ווען איך בין אַריין מיט מיין דיקער פאַרשוינטע אין פאַרבן־געשעפט, האָט מיך די פאַרקויפערין אַ פרעג געטאָן:

— צבע־שמן אויף גרונט האָט איר?" זאָג איך: — „ניין". „טאָ נעמט" — זאָגט זי — „דעם שמן אויף גרונט" — און דערביי דערלאַנגט זי מיר אַ נישקשהדיקע פושקע". „דאָס איז" — זאָגט זי — „דער בעסטער שמן". זאָג איך: — „איך ווייס פון דעם! וואָס מיינט איר: איך בין אַ מאָלער פון נעכטן?" זאָגט זי: — „חלילה, ווער טשעפּעט אייך?" און וואָס פאַראַ קאָלירן לאַק דאַרפט איר?" ענטפערט מיין פאַרשוינטע — „באָרדאָ". זאָג איך: — „גיט מיר צו גרין, רויט, געל און שוואַרץ אויף אַ קענטל. כ׳וויל אַז מיין קליענטקע זאָל האָבן אַ קענטל — ווי עס באַדאַרפט צו זיין".

נאָר פּלוצים האָט מיר די פאַרקויפערין געשטעלט אַ קשיה, פון וועלכער איך בין געוואָרן אינגאַנצן פאַרטשמיעלעט:

— און וואָס איז מיט שפּאַכטל?

— מיט וואָס? — פרעג איך.

— מיט שפּאַכטל, — זאָגט זי, ווי ס׳וואָלט זיך דאָ געהאַנדלט אין אַ זאַך וואָס מען עסט עס יעדן פרימאָרגן אויף פרישטיק — איר שפּאַכט־לעוועט נישט די ווענט?

— ניין, — זאָג איך — צו וואָס?

— וואָס הייסט צו וואָס? — הרגעט זי מיך אָוועק אָן אַ מעסער — אַז מען גיט שמן, דאַרף מען דאָך שפּאַכטלען... סיידן אַז די ווענט זענען גלאַטע און איר האָט גענוג אַ ביסל גלאָז־פּאַפּיר.

— פאַר מיר, — זאָג איך אָן אַנגעבלאָזענער — איז גענוג גלאָז־

פּאַפּיר. איך האָב זיך פּיינט סתם צו פּאַטשקען. טאָ גיט־זשע מיר טאָקע אַ בויגן פון דער בעסטער פירמע! זאָל מיין קליענטקע נישט זאָגן אַז איך זשאַלעווע פאַר איר אַ שטיקל גלאָז־פּאַפּיר.

— וויפל בויגנס ווילט איר?

— נו, וויפל דאַרף איך פאַר אַ האָל? אַזוי... אַרום... מער ווייניקער...

— כ׳מיין אַז 10 בויגנס וועט זיין גענוג. — זאָגט זי.

— 10? זאָל זיין 10, כאָטש כ׳ווייס, גיט מיר צו נאָך איינעם. אויף יעדן פאַל. כ׳וויל נישט צוליב איין בויגן גלאָז־פּאַפּיר בלייבן שטיין אינמיטן דער אַרבעט...

און אָט אַזוי האָב איך, מיט מזל, איינגעקויפט אַלץ וואָס כ׳האָב באַדאַרפט. מיין דיקע פאַרשוינטע האָט באַצאָלט; די פאַרקויפערין האָט איר געגעבן אַ קוויטאַנציע; איך האָב, מעשה מבין, נאָכקאָנטראָלירט צי מען האָט מיר נישט גערעכנט צו טייער, און אַ באַלאָדענער ווי אַ קעמל, האָב איך זיך געלאָזן צו מיין ערשטן מאָלערישן דעביוט.

איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז פאַרן מאָלן מיט לאַק, פּאָדערט זיך פריער איינשמירן די ווענט מיט אייל, דערנאָך פאַרגרונטעווען און דאַן — אַריינפאָרן מיט דעם לאַק. כ׳האָב אָבער בשום־אופן נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס זי האָט געמיינט מיט דעם שפּאַכטל. וואָס איז דאָס פאַר אַ מיתה־משונה וואָס איך האָב אַפילו דעם נאָמען נישט געהערט? ווייל פאַרשטאַנען האָב איך, אַז שפּאַכטל מוז זיין עפּעס אַזאַ שלאַק, וואָס אַז מען נוצט עס — דאַרף מען נישט קיין גלאָז־פּאַפּיר און אַז מען נוצט עס נישט — דאַרף מען 10 בויגנס...

לויט מיין נאַרישן שכל, דאַרף עס זיין עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט גלאַטיק די ווענט. נאָר גיי ווייס ווי אַזוי און ווען מען נוצט עס: פאַרן שמן, צי נאָכן שמן? צי פאַרן גרונט, צי נאָכן גרונט? גיי זיי אַ חכם און ווייס אַז ביי מאָלעריי, ביי אַזאַ גאָרנישט־שבגאָרנישט, זענען פאַראַן אַזעלכע פאַרוויקלטע, קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען?

מיין פאַרשוינטע, ווי זי וואָלט געלייענט מיינע געדאַנקען, גיט מיך פּלוצים אַ פרעג:

— פאַרוואָס, אייגנטלעך, מאַכט איר נישט קיין שפּאַכטל?

— גברת, — גיב איך אַ זאָג כלומרשט אַ בייזער — פאַרוואָס זאָלט איר מיר שטעלן אַזעלכע פראַגן? וואָס בין איך עפּעס — אַן אָנפאַנגער, אַ שוסטער אין מאָלעריי?

— ניין, גאָרנישט, — הייבט זי זיך אָן פֿאַרענטפֿערן — כ׳האָב חלילה, גאָרנישט געמיינט, נאָר גלאָט אַזוי...

— אַז איך האָב געזאָגט: מ׳דאַרף נישט — ווייס איך וואָס איך רעד! צו וואָס דאַרפֿן מיר אומזיסטע צרות אויפֿן קאָפּ? ווער פּאַטשקעט זיך דאָס היינט מיט שפּאַכטל? וואָס איז, מיר לעבן אין ניקאָלייס צייטן, לעבן מיר? איך בין נישט פֿון יענע פֿאַרטאַטשעס וואָס טאָפּטשען אויף איין אָרט און מאָלן — אַזוי ווי אונדזערע עלטער־עלטער זיידעס פֿלעגן מאָלן. פֿאַרגעסט נישט אַז מיר לעבן אין דער אַטאָם־תּקופֿה, היינט בין איך דאָ און מאָרגן קענען מיר ביידע ליגן טיף אין דער אַדמה צוזאַמען מיטן שמן, מיטן שפּאַכטל, מיט אייער גאַנצן האָל און מיט אַ בויגן גלאָז־פּאַפּיר אַנשטאָט אַ ליילעך...

מיין פֿאַרשווינטע האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט, איר פּנים איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך און סאַפּענדיק ווי אַ טראַקטאָר האָט זי אַרויס־געשטאַמלט:

— אָבער איך צווינג אייך נישט צו מאַכן שפּאַכטל... איך...

— ווער רעדט פֿון שפּאַכטל? — האָב איך שוין גענומען שיטן ווייטער — איך רעד וועגן מאָלעריי בכלל. ווייל אַ מאָלער, פֿאַרשטייט איר מיך, איז פּונקט ווי אַ דאָקטאָר. אַ דאָקטאָר, וואָס גייט נישט פֿאָרויס מיט דער צייט — איז אַ דר׳ערד־ליגער, נישט קיין דאָקטאָר! אַזאַ איינער וועט אַפֿילו נישט וויסן, אַז היינט איז דאָ אַזאַ ניי מיטל — „פּעניציניל״, הייסט עס — וואָס דאָס איז גוט צו אַלע קרענק. אַז איר וועט אַריינפֿאַלן צו אַזאַ אָפּגעשטאַנענעם דאָקטאָר מיט אַ פּשוטער פֿאַרקילונג, וועט ער אייך אַריינ־לייגן אין בעט אַריין און הייסן שטעלן געהאַקטע ביינקעס. פֿרעג איך אייך: דאָס איז אַ דאָקטאָר? ווייל ווער שטעלט היינט ביינקעס? וו האָט איר היינט ביינקעס? ווי מעג מען, ביי אונדז אין לאַנד, שטעלן ביינקעס? דאָס איז דאָך אַ הייס לאַנד, טיר און פֿענצטער שטייען ביי אונדז תּמיד אָפֿן, צוג־ווינטן האָבן מיר — אַז אונדזערס אַ מענטש, אַ נייער עולה, וואָס איז דערצו נישט געוווינט — קאָן דאָ באַקומען אַ פּאָפּלעקציע נאָך איידער ער האָט זיך באַוויזן צו קלימאַטיזירן. זאָגט איר, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען מעג מען שטעלן ביינקעס און נאָך דערצו — געהאַקטע?

דערפֿאַר פֿאַרשטייט איר מיך, מוז אַ היינטצייטיקער דאָקטאָר זיין אַ טיליגענטער מענטש און לייענען יעדן טאָג אַ צייטונג, כּדי צו וויסן וועגן די נייע מעדיצינען און „פּעניציניליען״ וואָס זענען לעצטנס אַרויס. אַזאַ

דאָקטאָר, נאָכן איבערלייענען די צייטונג, נעמט אַלע זיינע אַלטע מעדי־צינען, אַלע „לעקאַרסטוועס“, אַלע פּראָשקעס, פּיגולקעס, שמירעוואַניעס, באַנדאַזשן, טראַמבאַזעס און אַנדערע כאַלעריעס, און אַזוי ווי עס שטייט און גייט — גיט ער עס אַ שמיץ אַרויס דורכן פענצטער, שפּייט אויס דריי מאָל און זאָגט: „ברוך שפּטרני“!

די איינציקע זאַך וואָס ער לאָזט איבער, איז די „שטשיקאַווקע“. אַז עס קומט צו אים אַריין אַ קראַנקער, פרעגט ער אים: ווי ער הייסט, ווו ער וווינט און צי ער האָט יורשים? דאַן פּילט ער אָן די „שטשיקאַווקע“ מיט „פּעניציל“ און היידאַ — אין זיצער אַריין! אויב איז ווייניק איין מאָל, באַקומט איר נאָך אַזאַ פּאַרציע און אַ דריטע און כאַלאַס — אויס קרענק, אויס צרות, אויס מאַטערניש! אַ מענטש וואָס באַקומט אַזעלכע דריי פּאַרציעס „פּעניציניל“, קען נאָכדעם שלינגען מעסערס, קייען שטיינער, קריכן אויף די גלייכע ווענט — וועט אים שוין קיין שום שוואַרץ־יאָר נישט נעמען. סיידן... אַז ער איז „אַלגעריש“ דאָס הייסט, „אַלעגריש“... איך מיין, ער איז אַזוי חרוב, אַז קיין „פּעניציניל“ קען אים שוין אויך נישט העלפן...

אָט דאָס הייסט אַ דאָקטאָר וואָס גייט מיט דער צייט, וואָס טאַפּטשעט זיך נישט אויף איין אָרט! אַזאַ דאָקטאָר וועט אַפילו נישט איינפאַלן צו טראַכטן וועגן שפּאַכטל. גיט מיר אַ מיליאָן, וואָס רעד איך אַ מיליאָן? גיט מיר הונדערט־טויזנט לירעס — וועל איך אַזאַ פּאַסקודסטווע אין האַנט אַריין נישט נעמען!...

*

הכלל, נאָכדעם ווי איך האָב זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די צוויי צימערן און „באַקוועמלעכקייטן“, האָב איך זיך גענומען צום וויכטיקסטן — צום האָל.

איך האָב אַוועקגעשטעלט אַ טיש, אויפן טיש — אַ בענקל און אויפן בענקל בין איך אַרויפגעקראָכן מיט די פאַרבן, מיט די פּענדזלס און מיטן גאַנצן הכל־פּאַקל.

לאַנגזאַם האָב איך אָנגעהויבן שמירן די וואַנט פון אויבן, גלייך אונטערן סופיט. נאָר פלוצלונג...

ווייזט אויס אַז דאָס בענקל איז געשטאַנען שלעכט, ווייל מיטאַמאָל האָט זיך עס געגעבן אַ בייג אָן אַ זייט, אַ קריך אַראָפּ מיט איין פוס פון טיש, איך בין נאָכגעקראָכן מיטביידע פיס, נאָך מיר זענען געפלויגן די פאַרבן מיט די פּענדזלס מיט דעם גאַנצן קלאַפּערגעצייג.

איך בין געבליבן ליגן אַ צעקלאַפּטער, אַ צעשלאָגענער, אַ צעמזיקטער. ווען איך בין אַ ביסל געקומען צו זיך, איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן: אויף דער וואַנט זענען געווען אויסגעגאָסן פאַרבן פון אַלע פּושקעלעך, פון אַלע קאָלירן. אַ גאַנצן רעגנבויגן האָב איך דאָרט געהאַט. צוערשט האָב איך געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד; דאַן איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז עס וואָלט בעסער געווען צו דערמאָרדן מיין דיקע פאַרשוינטע און מיט איין קלאַפּ פּטור ווערן פון איר, פון איר האָל און פון גאַנצן מאַלעריי־פאַך. נאָר גיי דערמאָרדע זי, אַז זי איז גאָרנישט אינדערהיים. נאָך איידער איך האָב זיך גענומען צום פאַרשאַלטענעם האָל, האָט זי געכאַפּט די קוישלעך און אַוועק עפּעס איינקויפן.

בלית־ברירה האָב איך אַרויסגענומען דאָס טאַשן־טיכל און אָנגעהויבן ווישן די ווענט. וואָס מער איך האָב געווישט, אַלץ מער האָט זיך די פאַרב צעשמירט. מען האָט איצט נישט געזען קיין באַזונדערע פאַרבן, נאָר עפּעס אַ מאָדנעם „ווינעגרעט" אין וועלכן ס'האָט זיך געמיניעט גרינער, געלער, ברוינער און באָרדאָ לאַק.

— „יונה", — טראַכט איך מיר — „ס'איז אַ בראָך צו דיין צעקלאַפּטן קאָפּ! וואָס וועסטו איצטער טאָן? איצטער וועט דאָך דיר אַפילו קיין פּעניציניל אויך נישט העלפן... צו וואָס האָסטו געדאַרפט אַריינקריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַזאַ וויסטן האָל? אַז ברענען האָט ער געדאַרפט נאָך איידער איך האָב אים דערקענט!" „יונה" — טראַכט איך — „נוץ אויס די געלעגנהייט וואָס די פאַרשוינטע איז נישטאָ און אַנטלויף ווו דער שוואַרצער פּעפער וואַקסט! אַנטלויף, יונה! שטעל פיס!..."

נאָר גיי שטעל פיס, אַז זיי טרייסלען זיך ווי אין קדחת... גיי לויף — אַז דער קאָפּ דרייט זיך ווי ביי אַ שיכור, די הענט ציטערן און דאָס האַרץ קלאַפּט — ווי ביי אַ גזלן...

אויף מיין שלימזל, האָט זיך פּלוצלונג אָן עפן געטאָן די טיר און עס איז אַריין מיין ברייטע פאַרשוינטע, מיין מלאך־המוות, אַ באַלאָדענע מיט פּעקלעך.

דערזען מיין שטיקל „אַרבעט", איז זי שטיין געבליבן, אויסגעגלאָצט די אויגן און נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת אַ זאָג געטאָן:

— איר זאָלט וויסן, אַז מיר האָבן אָפּגערעדט אַ פּרייז! איך וועל אייך נישט צאָלן קיין איין פּיאַסטער מער! איך האָב אייך נישט געבעטן אַז איר זאָלט מיר מאַכן „טופן"!

איך בין שטיין געבליבן נישט ווּיסנדיק ווּעגן וואָס זי רעדט.

— „טופן״? — פרעג איך אַ פאַרחידושטער.

— יאָ, טופן! איר מיינט אַפּנים אַז איר האָט אָנגעטראָפן אויף אַ נאַרישער יידענע, מיט וועלכער מען קען מאַכן וואָס מען וויל? איך דאַרף נישט קיין טופן! פאַר מיר איז גענוג אַ פּראָסטע מאַלאָוואַניע! איך וויל נישט אַריינלייגן אין האַל דעם טאַטן מיט דער מאַמען! אויף טופן קענען זיך דערלויבן די — וואָס האָבן צו פיל געלט!...

— גברת, — שלאָג איך איר איבער די רייד — קודם־כל דער־לאַנגט מיר אַ ביסל קאַלט וואַסער, ווייל דער קאָפּ איז אַ ביסעלע אָפּן און עס ברעכן מיר אַלע ביינער, נאָר אויף מיינע שונאים געזאָגט... אויב איר האָט אַ שטיקל באַנדאַזש איז אַוודאַי גוט...

— אוי, וואָס איז געשען? — האָט זי ערשט איצט אַ קוק געטאָן אויף מיין צעקלאַפּטן קאָפּ.

— וואָס האָט געדאַרפט געשען? גאָרנישט... כ׳בין נאָר געוואָרן אַ פאַלשירם־שפּרינגער... אָן אַ פאַלשירם... אַך־און־ווי צו מיר, אַז אַ מאָלער פון מיין מאַסשטאַב, פון מיין מאָס, דאַרף שטיין אויף אַ געשטעל וואָס צעפאַלט זיך ווי אַ קאָרטן־הייזל... און ווידעראַמאָל — די טופן, וואָס איר זאָגט, בין איך אייך מוחל טובות! איך בעט אייך נישט אַז איר זאָלט מיר באַצאָלן מער. ביי מיר איז אַ וואָרט — קודש־קדושים! נאָר וואָס דען: איך בין נישט פון יענע מאָלערס וואָס גיבן אַ שמיר די ווענט, נעמען די גרייצערס און אַנטלויפן פאַרגעסנדיק דעם „שלום״... איך קען נישט אַרויס־לאָזן אַ טאַנדעטנע אַרבעט. איך מאַך אַזוי — ווי איך בין געוווינט צו מאַכן. אַנדערש קען איך נישט! ווען איר זאָלט אַפילו נעמען און שניידן פון מיר לעבעדיקע שטיקער — וועל איך נישט מאַכן עפּעס אַנדערש — נאָר טופן! ווייל אַ האַל אָן טופן, איז ווי, כ׳בעט איבער אייער כבוד, אַ מכה אויף דער פּלייצע: מען קען אַליין נישט קוקן און מען קען פאַר אַ פרעמדן נישט ווייזן... איך האָב אָנגעהויבן מיט טופן און וועל מיט טופן ענדיקן!... און ווידער וועגן געלט, זאָלט איר מיך נישט באַליידיקן! איך אַרבעט נישט בלויז צוליבן געלט! געלט איז בלאָטע! איך פייף אויפן געלט! אַז איר וועט זען דעם האַל אַ פּאַרטיקן, וועט איר זיך אַליין ביי מיר בעטן אַז איך זאָל נעמען נאָך אַ פּאָר פונט. נאָר איך וועל נישט נעמען! ביי מיר איז אַ וואָרט — אַ וואָרט! באַדונגען זיך — איז אַלץ געשטאָרבן! באַצאָלט מיר וויפל איך האָב ביי אייך געבעטן און שלום על ישראל! נאָר איינס זאָג איך אייך:

צו מיר זאָלט איר מער נישט קומען מיט קיין האָלן! ווען איר גיט מיר אַ מיליאָן, הונדערט־טויזנט פונט ווען איר גיט מיר, איז מיין נאָמען נישט ייד, אויב איך וואָלט געגאַנגען צו איינעם, וואָס פאַרשטייט זיך נישט אויף מיין מאָלעריי. ווייל איך בין נישט סתם אַ מאָלער, איך בין אַ קונצן־מאָלער, אַ טאַלאַנט וואָס טאַפּטשעט נישט אויף איין אָרט, נאָר גייט פאָרויס מיט דער צייט! פּעניצינ'ל — אָט דאָס איז היינט דאָס וויכטיקסטע! איר פאַרשטייט צי ניין?...

*

איר ווערט אפשר פון מיר לאַכן, נאָר אַז איך האָב געענדיקט מיט מזל דעם האָל, זענען מענטשן געקומען אָנקוקן מיין שטיקל אַרבעט, ווי מען קומט אָנקוקן אַ בייז ווונדער. עפּעס אַזוינס — האָבן זיי געטענהט — האָבן מיר נאָך נישט געזען...

איר האָט געדאַרפט אָנקוקן אַ האָל. איר האָט באַדאַרפט זען ווי עס האָבן זיך דאָרט געמיניעט די פאַרבן. איר האָט געדאַרפט זען אַ שפּריץ! אַ בילד, זאָג איך אייך, אַ קונסט־שטיק! פּיקאַסאָ מיט די ביינער, ווי איך בין אַ ייד געבוירן!...

אמת, איך האָב טאַקע געפּטרט מיין נאַז־טיכל. דערפאַר האָב איך זיך אַזוי אַריינגעפּראַוועט אין דער אַרבעט, ווי איך וואָלט געווען אַ מאָלער פון דער מאַמעס בויך אַרויס. איך האָב געקלאַפּט מיט דעם טיכל, קונציק עס געדרייט — איינמאָל אויף רעכטס ,איינמאָל אויף לינקס — און עס איז אַרויסגעקומען אַ האָל — אַ געוואַלט, ממש אַן ערד־ציטערניש!...

ווֶעמען זאָל דאָס איינפאַלן, אַז צוליב דעם וואָס איך בין אַראָפּגעפאַלן פון דער „רושטאַוואַניע", וועל איך ווערן אַ טופן־מאָלער?

ווייזט אויס, אַז אין יעדער אומגליק איז פאַראַנען אַ ביסעלע גליק, ווייל פון דעמאָלט אָן לאָזט מען מיך נישט לעבן. מען רייסט מיר אָפּ די טיר. מענטשן ווערן משוגע. וואָס טייערער איך נעם — אַלץ מער לויפט מען צו מיר. מען שטייט פּשוט אין דער ריי. מענטשן בעטן זיך, ווײנען פאַר מיר: — ר' יונה, פאַרשרייבט זיך מיין אַדרעס... מאַכט מיר די וווינונג... ר' יונה...

אַ משוגענע וועלט, זאָג איך אייך. נאָר וואָס דען: זיי זענען טאַקע מבינים. זיי ווייסן וואָס זיי ווילן. ווייל אַזוי ווי איך מאַך אַ שטיקל אַרבעט, וועט קיינער נישט מאַכן! ווייל אַ מאָלער דאַרף גיין מיט דער צייט! אַ מאָלער

איז פונקט ווי אַ דאָקטאָר: אַז אַ צייטונג ווערט ער צוריקגעשטאַנען, אַלט־מאָדיש און קיינער וועט אַפילו אין זיין זייט אַריין נישט קוקן... עפּעס אַ קלייניקייט — אַ שטובן־מאָלער?...

*

אַז איך האָב מיט מזל אַהיימגעבראַכט די ערשטע פּאָר פונט, איז מיין ווייבעלע געווען אין זיבעטן הימל. זי האָט אַפילו נישט באַמערקט מיין צעקלאַפּטן, באַנדאַזשירטן קאָפּ... אַזוי זענען שוין די ווייבער: ווייזט זיי אַ שפּיץ פון אַ פונט, פאַרגעסן זיי אַן דער גאַנצער וועלט... אַלץ זענען זיי אייך מוחל. זיי ווערן דאַן אַזוי גוט, כאָטש לייג זיי צו צו אַ געשוויר. נאָר גאָרנישט: איך האָב צו איר, חלילה, קיין טענות נישט. מענער זענען דען בעסער?...

היינט בין איך, ווי מען זאָגט: אויפן פערד! ס׳פעלט מיר, חלילה, גאָרנישט. מענטשן גייען אויס נאָך טופן און איך מאַך די גרייצערס...

גיי זיי אַ חכם און טרעף, אַז צוליב אַ הינטעלע, אַ קליין, ווייס, קודלאַטע הינטעלע, וואָס האָט מיך געצווונגען צו זאָגן אַ ליגן מיין ווייב, וועל איך טאַקע ווערן אַ שטובן־מאָלער און נאָך וואָס פאַראַ מאָלער?...

מיינט איר דאָך אַוודאי, אַז מיין תכשיט, מיין דודל זיצט טאַקע אין שטוב און שפּילט זיך מיטן הינטעלע? ווייס איך וואָס! מיין ווייב לאָזט עס דען אָנרירן? עס איז דאָך ביי איר געוואָרן, ווי להבדיל, אַן אייגן קינד. אַן דעם הינטל רירט זי זיך נישט אויף אַ טראָט! אַנו, פּרובירט איר געבן אַ מיליאָן, הונדערט־טויזנט פונט, אַז זי זאָל עס עמעצן אַוועקגעבן? פּרובירט זי אָפּגילטן זי זאָל אַרויסגיין שפּאַצירן אָן „טאָפּסין״? פאָר גאָרנישט אין דער וועלט! פאַר קיין שום געלט נישט! איר וועט זי נישט אָפּרייסן פונעם הינטל. זיי זענען אַזוי ווי איין האָרץ, איין נשמה. די זעלבע אויגן, די זעלבע האָר, די זעלבע לאַנגע נעגל... נישט אַנדערש, נאָר דאָס הינטל איז מן השמים! אַ לעבעדיקער גלגול פון איר גאָטזעליקער עלטער־באָבע זעלדע, וואָס מיין ווייב טראָגט טאַקע איר הייליקן נאָמען...

בראשית ברא...

בראשית ברא ה׳ את השמים ואת הארץ...

ווייל פאַר דעם — איז גאָרנישט געווען. די וועלט איז נאָך דאַן קיין וועלט נישט געווען, (וואָס אַן אמת איז היינט די וועלט — אויך נישט קיין וועלט, נאָר דאָן, איז אפילו דאָס אויך נישט געווען) עס איז געווען תוהו־ובוהו...

פון זונטיק ביז פרייטיק האָט געדויערט באַשאַפן דאָס וועלטל. (גענוג לאַנג ווי אויף אונדזערע צייטן, אין וועלכע ס׳איז גענוג איין דרוק מיטן קנעפּל... און ס׳איז אויס וועלט...)

דער זיבעטער טאָג איז אויסגעפאַלן שבת. האָט מען נישט געאַרבעט. דעם אַכטן טאָג איז באַשאַפן געוואָרן אָדם הראשון. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער פאַרשוואַנגערט מיט חוהן. דער געבורט איז געווען אַ שווערער. מ׳האָט אים געמוזט מאַכן אַ קייזער־שניט און אַרויסנעמען אַ ריפּ פון דער זייט.

שוין די ערשטע פרוי איז אַדמען אַרויס „באַקיעם״...

אַז חוה איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, האָבן זיי אין אַ מזלדיקער שעה חתונה געהאַט. די ערשטע צייט האָבן זיי געלעבט — ווי גאָט אין אָדעס. קיין עסן האָט זיי נישט געפעלט. אַלץ איז געווען שפּאָט־ביליק. קיין דאגות־פּרנסה האָבן זיי אויך נישט געהאַט. איבריקנס — עס איז סיי־ווי נישט געווען ביי וועמען צו אַרבעטן. זענען זיי טאַקע געוואַקסן אין דער לענג און ברייט. און אַז מענטשן לעבן אין שווילטאָג, ווייסן זיי דאָך נישט אויף וואָס זיי גייען. איז איין מאָל חוה געקומען צו איר מאַן מיט אַ שפּאָגל־נייעם פּזמון: „איך וויל נישט אַרומגיין נאַקעט און באָרוועס! איך וויל זיך אָנטאָן ווי עס פּאַסט פאַר אַ פרוי. איך וויל זיך אָנטאָן לויט דער לעצטער מאָדע!״

זאָגט אָדם:

— חוהלע קרוין, דו גייסט דאָך אָנגעטאָן לויט דער לעצטער מאָדע, מ׳זעט דאָך דיר אַלעס אַרויס״...

ענטפערט זי:

— אָבער ס'איז מיר נמאס געוואָרן צו טראָגן, סיי בייטאָג, סיי פאַרנאַכט, דאָס זעלבע פייגן־בלאַט. כ'וויל זאָלסט מיר קויפן אַ קאָקטייל־בלאַט.

פרעגט זיך אָדם:

— פון וואַנען זאָל איך דיר נעמען אויף אַ קאָקטייל־בלאַט? וואָס בין איך עפּעס ראָטשילד? דו זעסט דאָך, אַז איך דריי זיך אַרום אָן אַרבעט. ווילסט נישט קיין פייגן־בלאַט, טאָ טו זיך אָן אַ באַנאַנען־בלאַט.

— באַנאַנען־בלעטער, זאָגט זי, זענען שוין אַרויס פון דער מאָדע, היינט טראָגט מען זייער קורץ...

— טאָ טו־זשע אָן — זאָגט ער — אַ קאַקטוס־בלעטל, אַזאַ, מיט שטעכערס. דאָס איז זייער שיין, עס זעט אויס ווי „אַנגאָראַ".

— אַזאַ „אַנגאָראַ"־בלאַט קענסטו אַליין טראָגן! — האָט זי אים אָנגעשריגן.

הכלל, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — זיי זענען געוואָרן ברוגז. די עטלעכע טעג וואָס זיי האָבן צווישן זיך נישט גערעדט, זענען פאַר אָדמען געווען ממש אַ גן־עדן. חוה, אָבער, איז פשוט איינגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג, ווייל ווי אַזוי קען אַ פרוי לעבן אָן אַ ביסל צו רעדן? ביז זי האָט אויף איינעם פון אירע לאַנגע שפּאַצירן פלוצים באַגעגנט אַ פּאַצעטל. יענער, דערזעענדיק זי, האָט אויפגעעפנט אַ פּאָר אויגן ווי אויף אַ בייז ווונדער. ווייל ס'איז באמת געווען אויף וואָס צו קוקן. ער האָט זי באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס, נאָכגעדרייט נאָך איר דעם קאָפּ, אַרויסגע־לאָזן אַ לאַנגן אַ לאַנגן, דורכדרינגלעכן סיק, און פונקט ווי אַ פראַנצויז, איז ער, נישט באַמערקט, איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן און האָט נישט אויפגעהערט צו פראַווען די פיינסטע קאָמפּלימענטן. דאָס טעלערל פון הימל האָט ער איר צוגעזאָגט.

— זאָגט חוה:

— איך וויל נישט קיין טעלערל, איך וויל אַן עפּל! — און דערביי אים אָנגעוויזן אויף דעם עץ־הדעת.

— אַן עפּל? — האָבן יענעמס כיטרע אייגעלעך אַזש אויפגע־לויכטן — קיין לייכטערס פון דעם איז גאָרנישט דאָ. קום מיין טייערע, איך וועל דיר אויסקלויבן דאָס שענסטע, דאָס רויטסטע עפּעלע.

ער האָט זי אַרומגעוויקלט מיט זיין לאַנגן אָרעם און צוגעפירט צום

בוים. — סיל־־ווו־פּלע, מאַדאַם! — האָט ער איר דערלאַנגט דעם שענסטן עפּל — עס, און זאָל דיר זיין צום געזונט!

חוה האָט איינגעביסן מיט אירע ווייסע, אייגענע ציין דעם שיינעם עפּל.

— נו, ווי שמעקט עס? — האָט דאָס פּאַצעטל אַ פרעג געטאָן.

— אויסגעצייכנט! — האָט חוה אָפּגעענטפערט און זיך צעלאַכט — מיין מאַן האָט מיר קיין מאָל נישט געוואָלט געבן צו פאַרזוכן פון די דאָזיקע עפּל...

— פאַר אייגענע ווייבער זענען זיי תמיד קאַרג... — האָט דאָס פּאַצעטל געהייניספּול אַ שמייכל געטאָן.

— ער וועט מסתמא פּלאַצן, דערזעענדיק מיך מיטן עפּל אין האַנט. אָבער איך בין נישט ער, איך וועל אים אויך געבן אַ שטיקל טועם צו זיין. זאָל ער אויך וויסן וואָס גוט איז...

און מיט די ווערטער איז זי אַוועק צו איר אַנגעברוגזטן מאַן.

אַז אָדם האָט געגעבן דעם ערשטן ביס, איז אים געקומען גלייך דער שכל אין קאָפּ אַריין... ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין אויסדערוויילטע, אויף אירע פאַרויטלטע בעקעלעך און גלאַנציקע אויגן.

— חוה, — האָט ער אַ פרעג געטאָן — ווו ביסטו געווען? פון וואַנען איז דער עפּל?

חוה האָט אים גלייך געענטפערט:

— זיי מיר מוחל, איך האָב געזינדיקט.

— מיט וועמען?

— עפּעס אַ פּאַצעטל האָט מיך מכבד געווען.

— ווו האָסטו דאָ גענומען אַ פּאַצעטל?

— אַז אַ פרוי וויל — האָט זי אים געענטפערט — געפינט זי אַפילו פון אונטער דער ערד...

*

אַז דער רבונו־של־עולם האָט אַדורכגעפירט דעם יערלעכן בילאַנס און געזען אַז עס פעלט אים אַן עפּל, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען ווו צו זוכן.

— חוה, — האָט ער אויסגערופן — האָסט געגעסן אַן עפּל פון מיין גאָרטן?!

— יאָ, — האָט חוה, אַ פאַרוויינטע, מודה געווען.

— איז פאַשאַל־וואָן פון דאַנען!!! — האָט ער אויסגעבריליט, אָנ־ווייזנדיק אויף דעם טויער — מער זאָל איך דאָ אייער געביין נישט זען!

— אָבער וואָס בין איך דאָ שולדיק? — האָט אָדם אַרויסגעכליפּעט.

— אַ ווייב דאַרף מען היטן!

— קען מען דען אַ ווייב פאַרהיטן?

— וואָס דען האָסטן געוואָלט, אַז איך זאָל זי פאַר דיר היטן?!

און זיי האָבן באַקומען די עקסמיסיע פון גן־עדן.

דאָס פּאַצעטל האָט זיי געוואָלט נאָכגיין, ווייל ס'איז אים געווען סקוטשנע אָן חוהן, האָט אָבער דער רבונו־של־עולם נישט דערלויבט און אַ זאָג געטאָן:

— דו, אויפן בויך וועסטו ביי מיר גיין!

דאָס פּאַצעטל האָט זיך דערשראָקן. הענט און פיס זענען אים גלייך אָפּגענומען געוואָרן. ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און זיך אָנגע־הויבן דרייען ווי אַ שלאַנג...

— פאַר אָדמען איז דאָס אָבער נישט געווען קיין טרייסט. ער האָט זיך געפילט שטאַרק געטראָפן. ווייל ווי זאָגט אַ ווערטל: „אי פּוילע פיש געגעסן — אי פון שטאָט אַרויסגעטריבן״...

און דאָס אַלץ — צוליב אַ פרוי! צוליב אָן אייגן ווייב! עפּעלעך האָט זיך איר פאַרוואָלט! קאָקטייל־בלעטער גיב איר! כאָטש גיי און גנבע פאַר זייערטוועגן!...

קין און הבל

ואדם ידע את חוה אשתו ותלד את קין...

אין 9 חדשים אַרום, נאָך דער עקסמיסיע פון גן־עדן, האָט חוה, אין אַ מזלדיקער שעה, געבוירן איר ערשטן זון קין.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און זיי האָבן ווידער געמאַכט אַ ברית. דאָסמאָל איז געבוירן געוואָרן הבל.

און אַז די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, איז קין געוואָרן אַן ערד־אַרבעטער און הבל — אַ פּאַסטוך.

טאַטע־מאַמע האָבן ליב געהאַט ביידע קינדער, נאָר מיט הבלען האָבן זיי זיך מער געצאַצקעט. פּאָרט אַ מוזיניקל... יעדן פרימאָרגן איז הבל אַרויס מיט זיין סטאַדע אין פעלד אַריין, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און גענומען פייפן אויף זיין פלייטל.

קין האָט געהאָרעוועט ווי אַן אייזל. קיין אַקער־אייזנס זענען נאָך דאַן נישט געווען, קיין קינסטלעכע באַוואַסערונג — אויך נישט, קיין שפּריי־צערס האָבן זיך נישט געדרייט. האָט ער געטאָן, ווי אין פּסוק שטייט: בזעת אפיך תאכל לחם, דאָס הייסט — ער האָט געמוזט מיט דער נאָז אַקערן די ערד, כדי פון איר אַרויסצובאַקומען ברויט.

איז ער טאַקע תמיד אַרומגעגאַנגען אַ פאַרביטערטער, מיט אַ צע־ריבענער נאָז און אין האַרצן איז געוואַקסן אַ קנאה צום יונגערן ברודער הבל.

אַז ס'איז געקומען פּורים, האָט מען זיך געגרייט שיקן שלח־מנות דעם רבונו־של־עולם. הבל האָט אַוועקגעטראָגן אַ פּעקל מיט פּוטער, קעז, סמעטענע, לבניה, פליש, פעטס און כלערליי אַנדערע פּראָדוקטן פון אייגענער אויסאַרבעטונג. קין איז נעבעך געקומען מיט אַ צעריבענער נאָז, מיטברענ־גענדיק עטלעכע פאַרטרוקנטע זאַנגען און אַ קראַנץ פון ווילדע בלומען.

הבלס מתנה האָט דער אויבערשטער צוגענומען אַ צופרידענער, שיין אָפּגעדאַנקט און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן. אויף קינען האָט ער אַ קוק געטאָן מיט חוזק און אַ זאָג געטאָן:

— למה נפלו פניך?

אין ערשטן אויגנבליק האָט קין אינסטינקטיוו אַ קוק געטאָן אויף דער ערד, מיינענדיק, אַז ער האָט אויף אַן אמת פאַרלוירן זיין פּנים. באַלד האָט ער זיך אָבער געכאַפּט, אַז דער רבונו־של־עולם חוזקט פון אים, ווייל ס'פעלט אים אַ טייל פונעם פּנים — די נאָז...

אין קינען האָט געברענט די קנאה. נאָכן אַהיימקומען, האָט ער זיך געלאָזן אין פעלד אַריין. הבל, ווי תמיד, איז געזעסן אויף אַ שטיין און פריילעך געשפּילט אויף זיין פלייטל. נישט לאַנג געקלערט, האָט קין געכאַפּט אַ שטיין און מיט אים געהרגעט הבלען.

עס איז געוואָרן אַ מהומה. מען האָט שנעל געבראַכט אַ דאָקטאָר. נאָר ס'איז שוין געווען צו שפּעט. דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט, אַז הבל איז טויט.

קין איז געוואָרן בלאַס פון שרעק. ער האָט געוווּסט, אַז פאַר אַ מאָרד, בכוונה תחילה, קומט טויט־שטראָף. ער האָט דעריבער אויסגענוצט די אַלגע־מיינע מהומה און אַנטרונען פון דער גערעכטיקייט. נאָך לאַנגע וואַנדערונגען, איז ער אָנגעקומען קיין נוד. דאָרט האָט ער חתונה געהאַט און אין אַ צייט אַרום האָט אים זיין ווייב ותהר געבוירן דעם ערשטן זון חנוך, וועלכער איז גלייך אַוועק שטודירן אַרכיטעקטור. נאָכן פאַרענדיקן די הויכשול, האָט ער אויפגעבויט אַ שטאָט וואָס האָט געטראָגן זיין אייגענעם נאָמען: חנוך. אין דער פרייער צייט האָט ער חתונה געהאַט און געבוירן עורדן, עורד האָט געבוירן מחויאלן און מתושאלן האָט געבוירן למקן. למך איז געווען אַ תימנער ייד, וועלכער האָט זיך גענומען צוויי ווייבער, איינע ערה און די צווייטע צילה. למך איז געווען אַן אַקטיוויסט, האָט זיך נישט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע אַריין. ווער ס'האָט אים נאָר אַ טשעפּע געטאָן, האָט ער אים גלייך „קאַלט" געמאַכט...

*

נאָך קינס אַנטלויפן, האָט אָדם לאַנג נישט געקאָנט קומען צו זיך. מיט איין קלאַפּ האָט ער פאַרלוירןביידע קינדער. איינער האָט שוין נישט געלעבט, דער צווייטער איז פאַרשוווּנדן. לאַנג האָט ער אָבער נישט גע־טרויערט. ווען אָדם איז אַלט געוואָרן 130 יאָר איז אים געבוירן געוואָרן זיין דריטער זון — שת. נאָך שתן, זענען געקומען נאָך אַ סך קינדער און אין 800 יאָר אַרום איז אָדם, אין עלטער פון 930 יאָר — נפטר געוואָרן.

אַז שת איז אַלט געוואָרן 105 יאָר — האָט ער געבוירן אנושן. ער האָט געהאַט נאָך קינדער און אין עלטער פון 912 יאָר — איז ער נאָכגעגאַנגען זיין טאַטן...

אנוש האָט געלעבט אינגאַנצן 905 יאָר און באַוויזן, צווישן אַנדערע, צו געבוירן קינן.

קינן האָט געלעבט 910 יאָר און געבוירן מהללאלן.

מהללאל האָט זיך געמוטשעט 895 יאָר און געבוירן ירדן.

ירד האָט אין עלטער פון 162 יאָר געהאַט גענוג כוח־גברא צו געבוירן חנוכן. ער איז נפטר געוואָרן אין טאָג, ווען ער האָט געפּייערט זיין 962־יעריקן געבורטסטאָג.

חנוך איז געווען אַ מלאך, נישט קיין מענטש. ער האָט געהאַט אַ גאָלדן האַרץ און אַ זיידענע נשמה. דערפאַר האָט אים דער רבונו־של־עולם נישט געלאָזט זיך לאַנג מוטשען אויף דער וועלט און האָט אים צוגענומען צוריק צו זיך, ווען חנוך איז נאָך נישט אַלט געווען קיין גאַנצע 365 יאָר. פון דעם איז געדרונגען, אַז די בעסטע מענטשן גייען תמיד אַוועק פרי פון דער וועלט. דאָס הייסט, אַז עס לוינט נישט צו זיין קיין גוטער מענטש און לעבן פון מעשים טובים.

חנוכס זון מתושלח איז געבוירן געוואָרן ווען זיין פאָטער האָט געהאַט נישט קיין גאַנצע 65 יאָר און איז נאָך אַליין געווען כמעט אַ קינד.

ווען מתושלח איז אַלט געוואָרן 187 יאָר, איז אים געבוירן געוואָרן זיין בכור למך. למך האָט אין 182־טן יאָר געבוירן נחון. אַליין איז ער נפטר געוואָרן אין בליענדיקן עלטער פון 777 יאָר. ביי זיין טויט האָט ער נאָך געהאַט אַלע ציינער אין מויל און געלייענט אָן ברילן.

*

פרעגט זיך אַ קשה: פאַרוואָס האָבן דאַן מענטשן געלעבט אַזוי לאַנג און היינט לעבן זיי אַזוי קורץ?

איז קודם־כל, טאָרט איר נישט פאַרגעסן, אַז דאַן איז נאָך קיין קופּת־חולים נישט געווען. עס זענען נאָך נישט געווען אַזויפיל דאָקטוירים און שפּיטעלער און מעדיצינען און עלעקטרישע הייל־אַפּאַראַטן, דיעטעס און אַנטיביאָטיקעס ווי היינט. דער מענטש האָט זיך געלעבט רואיק, פאַוואָליע, נישט געאיילט, נישט געפלויגן, פאַרנומען זיך מיט „יאָגאַ"־איבונגען, גע־

שטעלט זיך אויפן קאָפּ, געגאַנגען אַ סך צופוס. מען האָט נאָך דאַן נישט געדעדט אַזויפיל וועגן שלום, זענען דעריבער קיין מלחמות נישט געווען. מענטשן האָבן געלעבט ווי אין אַ קאָמונע, אַלע גלייך, נישט געווען קיין נגידים און קיין קבצנים, מען האָט געגעסן די זעלבע שפּייזן, אָנגעטאָן די זעלבע בגדים, געוווינט אין היילן, אָן פּיאַנאָס, אָן ברילִיאַנטן און גאָלד, נישט געווען דער הו־האַ־כאַפּ־לאַפּ־צאַפּ, וואָס ברענגט קנאה און שנאה און האַרץ־קראַנקהייטן און פאַרשידענע מחלות און צרות. דאָס איז געווען אַ גליקלעכע עפּאָכע, אַן עפּאָכע אין וועלכער מענטשן זענען נאָך געווען — מענטשן...

דער מבול

ויהי, כי החל האדם לרב על־פני האדמה ובנות ילדו להם...

אין אַ געוויסן ליכטיקן פרימאָרגן, האָט אַ מלאך, נישט ווילנדיק אַראָפּגעקוקט פון הימל, און דאָס וואָס זיינע אויגן האָבן דערזען — איז געווען ממש אומגלויבלעך:

מענטשן — ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, אין די גאָרטנס זיצן זיך יונגע פּאָרלעך, קוקן זיך אין די אויגן, פלירטעווען, צערטלען זיך, לאַכן, האָבן חתונה, געבוירן קינדער — ממש אַ גן־עדן.

דאָס מלאכל האָט באַלד גערופן אַנדערע מלאכים, יענע האָבן אויך אַראָפּגעקוקט און געשטוינט:

— אָט דאָס הייסט געלעבט! ביי אונדז אין גן־עדן קאָן מען דאָך שטאַרבן פון לאַנגווייליקייט און דאָרט, אויף דער ערד, זעט וואָס פאַר אַ לעבן מען מאַכט.

נישט לאַנג געטראַכט, האָבן זיי זיך פאַרשטעלט פאַר מענטשן און היידאַ, אַראָפּגעפלויגן אויף דער ערד.

און אַז די ערשטע שליחים, האָבן אַרויפגעטעלעגראַפירט ווי גוט, ווויל און פריילעך ס׳איז אויף דער ערד, האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע דעזערציע פון גן־עדן.

ווער ווייסט צו וואָס דאָס וואָלט דערגאַנגען, ווען דער רבונו־של־עולם וואָלט זיך נישט געכאַפּט אין אַ געוויסן פרימאָרגן, אַז דאָס עסן אויף די טישן איז געבליבן נישט גערירט און אַז די עסערס זענען פּלוצים נעלם געוואָרן. אויפן פרימאָרגן־אַפּעל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז 90% פון די מלאכים זענען אַנטלאָפן פון גן־עדן.

כדי צו באַשטראָפן די דעזערטערן, האָט דער אויבערשטער באַשלאָסן אַראָפּצושיקן אַ מבול אויף דער ערד, צו דערטרונקען נישט נאָר די מלאכים, נאָר אויך די וואָס האָבן זיי אָנגערעגט צו זינד.

גערעדט און געטאָן.

נאָר פריער פאַר אַלעמען האָט דער אויבערשטער אַרויסגערופן צו

זיך נח'ן און אים באַפוילן אויפבויען אַ תיבה, אַריינגעמען דאָרט זיין ווייב, די דריי זין מיט זייערע ווייבער, און פון יעדן לעבעדיקן ווען — אַ פּאָרל. אַ זכר מיט אַ נקבה.

נח האָט זיך אַ נעם געטאָן מיט פלייס צו דער אַרבעט, ביז די תיבה איז פאַרטיק געוואָרן. דערנאָך האָט ער אַרויסגעהאָנגען מאָביליזאַציע־צעטלען אין אַלע וועלדער, פעלדער און טאָלן, בזה הלשון:

„צו אַלע ערדישע באַשעפענישן!

דערמיט פאָדער איך אייך אויף זיך צוזושטעלן, אין פאַרלויף פון דריי טעג, צום האַפן ווו ס'שטייט מיין תיבה. קיינער זאָל נישט פעלן. די מינים באַשעפענישן, וועלכע ווען, וועלכע ס'איז סיבה, נישט שיקן זייערע פאַרשטייער, זאָלן צו מיר שפּעטער קיין טענות נישט האָבן. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט וועט פאַלן נאָר אויף זיי אַליין!

מיט אַכטונג:

נח, קאַפּיטאַן פון דער תיבה".

נאָכן איבערלייענען די מעלדונג, האָבן אָנגעהויבן שטראָמען צו דער תיבה אַלע מינים חיות.

ביים איינגאַנג איז געשטאַנען נח און קאָמאַנדירט: רעכטס, לינקס, אויפן צווייטן שטאָק, אין קעלער, אויפן בוידעם אַרויף א. א. וו. א. א. וו.

...ויעבר יי כוח על־הארץ וישכן המים...

נח'ס פּראַכט־שיף איז געווען גרייט צום וועג. די חיות האָבן רואיק געוואַרט, אַז די תיבה זאָל רירן פון אָרט. אַזוי ווי אויף דער שיף זענען געווען סך־הכל 8 מענטשן (נח מיט זיין פרוי, זיינע דריי זין און דריי שנורן), און די איבעריקע פּאַסאַזשירן זענען געווען נאָר חיות, האָט דאָרט געהערשט אַ מוסטערהאַפטע אָרדענונג. קיינער האָט זיך נישט געקריגט וועגן אַ בעסערן פּלאַץ, מען האָט נישט דיסקוטירט, נישט געשאָלטן די צאָל־באַאַמטע און דאָס לאַנד, וואָס מ'האָט זיך געגרייט צו פאַרלאָזן.

נח איז געשטאַנען אויפן קאַפּיטאַנען־בריקל און געוואַרט אויף אַ סיגנאַל פון אויבן.

פלוצים האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ שטאַרקער ווינט. די מלאכים אין הימל האָבן פאַרכאַפּט זייערע ערטער. אויף אַ באַפעל פונעם אויבערשטן, האָבן זיי מיט איין מאָל געעפנט אַלע קראַנען. עס האָט אָנגעהויבן גיסן, כלאַפּען, רינען, שטראָמען, ריזלען, פּליוזשען, פּלייצן, ריטשקען און פּליעס־

קען. די טײַכן און ימען זענען אַרויס פון די ברעגן, געגומען פאַרגיסן די מאַמע־ערד — אַלע שטעט, דערפער, שטעטלעך, לענדער. מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן טרינקען, צוזאַמען מיט די חיות און עופות. זיי האָבן געשריגן „קאַראַול", גערופן הילף נאָר ס'האָט זיי געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. עס איז געגאַנגען אַ מבול, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען. דעם מבולס אויפגאַבע איז געווען אָפּצווואַשן פון דער ערד אַלדאָס בייז און אַלדאָס שלעכטס, כדי דערנאָך זאָל קומען אַ בעסערע און שענערע וועלט, ווו מענטשן זאָלן נישט זינדיקן, נישט אָפּנאַרן, נישט גנבענען, נישט אומברענגען איינער דעם אַנדערן. אַ וועלט ווו פעלקער וועלן זיך לעבן גליקלעך און צופרידן. ווו ס'וועט נישט זיין קיין אונטערשיד צווישן מענטש און מענטש, צווישן ווייסע און שוואַרצע, צווישן יידן און נישט־יידן, ווו עס וועט נישט זיין קיין אָרעם און רייך, קיין הונגער און נויט.

אַז דער מבול האָט זיך אָנגעהויבן האָט נח פאַרמאַכט הערמעטיש טיר און פענצטער און אויפגעהויבן דעם אַנקער.

אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט, אַז שטורמען וועלן אים נישט דורכ־לאָזן דורכן סועץ־קאַנאַל, האָט ער באַשלאָסן אומצוקרייזן גאַנץ אַפריקע און פון דאָרטן זיך לאָזן אין דער ריכטונג פון אַזיע. געמיינט האָט ער, אַז אַמזיכערסטן וועט זיין צו שווימען אין דער ריכטונג פון די הימאַלאַיען, ווייל אויב דער מבול וועט אָנהאַלטן לאַנג, וועט ער לאַנדן אויפן שפּיץ פון מאָנט־עווערעסט, דעם העכסטן שפּיץ אויף דער וועלט.

אָבער נאָך הונדערט און פופציק טעג מבולן, האָט דער הימל זיך פלוצלונג אויסגעלייטערט און דער פלייץ־רעגן האָט אויפגעהערט. נאָך פינף חדשים שווימען, האָט ענדלעך נח דערזען ערד. דעם 17־טן יולי, האָט זיין תיבה פאַראַנקערט אויפן שפּיץ פון אַראַראַט־באַרג, אין דער סאָוויעטישער אַרמעניע. אָבער ערשט דעם ערשטן אָקטאָבער האָבן די שפּיצן פוןביידע אַראַראַט־בערג געגומען אַרויסקוקן פונעם וואַסער.

נח האָט אונטערגעוואַרט פערציק טעג און געעפנט אַ פענצטער פון דער תיבה. צוערשט האָט ער אַרויסגעשיקט אַן אָדלער און גלייך נאָך אים — אַ טויב. דער אָדלער האָט געמאַכט ויברח, אָבער די טויב, האָט זיך נישט געהאַט ווו אָפּצושטעלן, האָט זי געמוזט צוריקקומען. אין 7 טעג אַרום, האָט נח ווידער אַ מאָל אַרויסגעשיקט די טויב. דאָס מאָל איז זי צוריקגעקומען מיט אַ ווילד אָליוון־בלעטעלע אין מויל. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז דאָס וואַסער איז שוין אין גאַנצן אָפּגעפאַלן. אין אַ וואָך אַרום, האָט ער ווידער

אַרויסגעלאָזט די טויב. דאָס מאָל איז זי שוין מער נישט צוריקגעקומען. נחן האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן, ווייל זי האָט זיך מיט אים אַפילו נישט געזעגנט.

דעם 27־טן פעברואַר איז די ערד געווען אין גאַנצן טרוקן. אויף אַ באַפעל פונעם אויבערשטן, האָט נח אָנגעהויבן אויסלאָדן זיין לעבעדיקע סחורה.

אַ גליקלעכער מיט דעם פאַקט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט דעם מבול, האָט נח אויפגעשטעלט אויפן אָרט אַ מזבח און געבראַנגט פאַרן רבונו־של־עולם די בעסטע קרבנות פון צווישן זיינע אָפּגעראַטעוועטע חיות. דער הערשער פון דער וועלט, אַ געריירטער פון נחס ברייטהאַרציקייט, האָט פייערלעך צוגעזאָגט, אַז מער וועט שוין קיין מבול אויף דער ערד נישט זיין. „מער וועל איך שוין נישט פאַרשעלטן די וועלט — וואָס איך אַליין האָב באַשאַפן. פון היינט אָן און ווייטער, וועט די וועלט זיין אַ גוטע, אַ שיינע, נאָך טאָג וועט קומען נאַכט, נאָך פרילינג — זומער, נאָך זומער — האַרבסט און נאָך האַרבסט — ווינטער. די מענטשן וועלן זיך לעבן גליקלעך און צופרידן לעולם ועד".

דעם בעסטן באַווייז האָט איר, אַז אַזוי איז עס טאַקע...

קיין מבול וועט שוין מער קיין מאָל נישט זיין. סיידן — אַן אַטאָם־מבול. לאָמיר אָבער האָפן, אַז דאַן וועט שוין אַפילו קיין נח אויך נישט פאַרבלייבן... ווייל ווו וועט איר היינט געפינען אַזאַ צדיק?...